STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01150

YIDN DAVENEN

Shlomo Bickel

Permanent preservation of this book was made possible
by George & Peggy Kornreich
in honor of
their children & the future

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלמה ביקל

ייִדן דאַווענען

ניו-יאָרקער
רעפּאָרטאַזשן

פֿאַרלאַג ר. י. נאָוואָק

SHLOMO BICKEL

Jews Are Praying

YIDN DOVENEN

Copyright
by
DR. SHLOMO BICKEL

R. J. NOVAK
Publisher

Printed by
GRENICH PRINTING CORP.
NEW YORK 1, N. Y.
(166)

דעם אָנדענק פון מיינע זיידעס:

ר׳ מרדכי ב״ר שלמה הכהן ביקל

און

ר׳ משולם ב״ר אַביגדור הכהן געפנער

איך האָב זיי ביידע געזען דובענען
און בענטשן דאָס אידישע פֿאָלק
מיט ליבשאַפט

אינהאַלט:

זייט

1) אַרײַנפיר .... 7—8
2) קבלת שבת בײַם ליובאַוויטשער .... 9—20
3) קדישים צו מנחה .... 21—34
4) שטיבל פון 99-יקער .... 35—47
5) אנשי ארם צובה .... 48—58
6) בר-מצוה אין טעמפל .... 59—70
7) מע פענטשט אלול .... 71—83
8) ביי דייטשע אידן .... 84—95
9) אין באַיאַנער קלויז .... 96—107
10) אַ חתן, אַ זעלנער .... 108—120
11) בײַם קאַפּיטשיניצער .... 121—132
12) שלוש-סעודות .... 132—143
13) סוכות בײַם לאַשקעוויצער .... 144—154
14) שמחת תורה אויף איסט-סייד .... 155—166
15) טעמפעל פון פּאָרטוגעזישע אידן .... 167—178
16) שבת-חנוכה ביי די שוואַרצע אידן .... 179—191
17) אין טעמפל „עמנו-אל" .... 192—201

די רעפּערטואַזשן וואָס זיינען צונויפגעזאַמלט געוואָרן אין דעם בוך זיינען נישט אַרויסגעוואַקסן פון שרייבערישער ניי־געריקייט, נאָר פון בענקשאַפט נאָכן אַמאָל פון קאָלאָמיי און פון ר׳ איציקל שולעכן.

דער גרעסטער טייל פון די רעפּערטואַזשן איז אַנטשטאַנען אין סאַמע ברען פון דער מלחמה. דעם זונס סכנהדיקע טעג אויפן פראָנט האָבן אויפגעציטערט אין טאַטנס געמיט אינדער־היים און האָבן אין אים געוועקט מיט מער כוח ווי אַן אַנדערש מאָל די קלאַנגען און זשעסטן פון דער אַלטער יידישער וועלט פון זיין יוגנט.

איך האָב אַרומגעוואַנדערט איבער די ניו־יאָרקער שולן, געזוכט יענע קאָלאָמייער בילדער און קלאַנגען, געזוכט — און זיך אָנגעוואָרעמט מיט טרייסט, געזוכט — און געבליבן אומצו־פרידן פון דער באַגעגעניש.

כ׳האָב געפונען טרייסט — ווען ס׳איז מיר געלונגען מיטצו־דאַווענען און מיטצוזאָגן און צו דערפילן יענעם גוטן טעם אין געמיט, וואָס מיין זיידע מרדכי ע״ה, פלעגט אים מיט ליבשאַפט רופן: אַ תהילימדיקער טעם.

כ׳בין געבליבן אומצופרידן — ווייל פון די צערעמאָניעס מיט די היסטאָריש־געהייליקטע סימבאָלן האָט אויף מיר אָפּט געוויעט מיט צו ווייניק יום־טוב און נישט איינמאָל אָפּילו מיט אַ שפּאָר ביסל סוחרישע וואָכעדיקייט.

די דאָזיקע ביידע געמיט־צושטאַנדן שפּיגלען זיך אָפּ אין די רעפּאָרטאַזשן.

איך בין אין קיין איינער פון די שולן נישט געגאַנגען באַ־שרייבן.

איך האָב די איינדרוקן בלויז אויפגעצייכנט דאָרט און ווען ס׳איז מיר זעליש מעגלעך געווען.

עטלעכע פון די שולן וואו איך האָב געדאַוונט אַ שבת זיינען דערפאַר געבליבן נישט באַשריבן.

ש. ב.

צו קבלת שבת ביים ליובאַוויטשער רבי

מזל, אָרגאַניזאַטאָרישער שוואונג און אַן אייגענע פילאָזאָפישע שיטה. — דעם רבינס זון און דעם רבינס ספר. — 360 חבד־שטיבלעך אין אַמעריקע. — איך באַגעגן דריי ליו־באַוויטשער חסידים. — דעם רבינס איידעם לערנט מיט יידן. — וואו איז פאָרט אַ סימן פון „גילוי פנימי"?

די גרויסע חסידישע דינאַסטיעס, וועלכע האָבן געצויגן זייער יחוס־קייט ביז צום בעל־שם, ביז צום מגיד פון מע־זעריטש און ביז צו עטלעכע פון זיינע נאָענטסטע תלמידים, זיינען אין משך פון די לעצטע פופציק יאָר כמעט דורכאויס חרוב געוואָרן. און ווען איך רייד פון חורבן מיין איך אי פול־שטענדיקן איבעררייס, ווי דאָס איז געשען ביי איניקע פון זיי, און אי די פאַטאַלע צעשטויבונג אין „אייניקלעך", ווי דאָס האָט פאַסירט מיט די מייסטע פון די רבישע משפחות.

די דינאַסטיעס וועלכע עס האָבן אויפגעשטעלט דעם בעל־שמס אייניקלעך (ר' משה חיים אפרים פון סידילקאָוו, און ר' ברוך פון מעזיבוזש), און זיין אור־אייניקל ר' נחמן פון בראַצ־לאַוו, האָבן ניט געהאַט קיין געדויער. די רבישע משפחה, ווי־דער וואָס האָט געשטאַמט פון דעם מעזעריטשער מגיד און פון זיין יונג־פאַרשטאָרבענעם זון ר' אברהמל מלאך, האָט בלויז ביז אַן ערך צום סוף פון פאַריקן יאָרהונדערט געקענט אָנהאַלטן אַ דירעקטע און צענטראַלע משפחה־ליניע. דערנאָך איז געקומען די פאַרצווייגונג איבער הויפן פון בוקאָווינע, גאַליציע און רומעניע, און עס זיינען פאַרבליבן ווייטע, וויי־טערע און גאָר ווייטע צווייגן אָן... אַ לעבעדיקן בשותפותן שטאַם. און אַזוי איז געשען ניט נאָר מיט רוזשין, נאָר אויך מיט אַ סך אַנדערע רבישע גזעס אין פוילן און אין אוקראַינע.

נאָר אויף איין חסידישער דינאַסטיע האָט, דאַכט זיך, די צייט קיין שליטה נישט געהאַט, אויף דער דינאַסטיע, וואָס איר באַגרינדער איז געווען דעם מעזעריטשער מגידס באַ־ליבטער און גרויסער תלמיד ר' שניאור זלמן, דער רבי פון ליאַדי. אַוודאי האָט אויך די ליאַדער גזע, שפּעטער באַקאַנט ווי די ליובאַוויטשער גזע, געהאַט אירע שווערע דינאַסטישע סכנות און קריזיסן. די ערשטע געפאַר לויערט אויף דער דינאַסטיע שוין באַלד נאָכן טויט פון איר באַגרינדער. עס זיינען געווען אַזעלכע צווישן די חסידים, וועלכע האָבן גע־האַלטן, אַז דעם רבינס פּלאַץ דאַרף פאַרנעמען נישט זיין זון דובער, נאָר זיין תלמיד, דער באַוואוסטער חב"דישער מחבר ר' אהרן הלוי פון סטאַראָסעליע. די ערשאַפט ווידער, פונעם דריטן רבי, וועלכער איז באַקאַנט אין דער חסידישער

וועלט אונטערן נאָמען „דער צמח צדק״, איז געווען, דער רעזולטאַט פון אַ מין פּאַלאַץ־רעוואָלוציע. ווארעם דער דריטער רבי איז נישט געווען קיין זון פונעם „מיטעלן״, נאָר בלויז אַן אייניקל פון דעם „אַלטן״, פון אַ טאָכטער.

און נאָכן צמח צדקס פּטירה (1866) האָט זיך ערשט רעכט געיאָוועט אַ נייער געפערלעכער קריזיס פאַר דער דינאַסטיע. דער פאַרשטאָרבענער רבי האָט איבערגעלאָזט זעקס זין. און ביי אַזאַ שפע פון יורשים האָט, פאַרשטייט זיך, געלויערט די כראָנישע סכנה פון די מייסטע „גוט־יידישע״ משפחות: צעדרויבלונג און קאָנקורענץ.

אָבער די ליובאַוויטשער גזע האָט דאָס אַלץ גובר געווען, ווייל זי האָט, צום אונטערשיד פון אַלע איבעריקע גרויסע רבישע משפחות, פאַרמאָגט דריי פונדאַמענטאַל־וויכטיקע זאַכן: מזל, ברייטן אָרגאַניזאַטאָרישן שוואונג און אַן אייגענע מאָראַל־פילאָזאָפיע. און באַוואָפנט מיט אַזעלכע גוטע כלי־זיין האָט די דינאַסטיע פון ר׳ שניאור זלמן בעל־התניא גע־קענט אונטערנעמען אַ קאַמף מיט הונדערט פופציק יאָר יידי־שע געשיכטע. זי האָט געהאַט דעם כוח איבערצוגעדויערן אַ בלוטיקע וועלט־מלחמה, אַרויסצוקומען גאַנץ פון אַ גוראַנגל מיטן אַטעאיזם פון דעם סאָוועט־יידישן רעזשים, אַרויסצו־ראַטעווען זיך בשלום פון היטלערס אָקופּאַציע און צו שאַפן אַ חב״דישע „גלות־רעגירונג״ אין סאַמע יידישן האַרץ פונעם נייעם קאָנטינענט: אין ברוקלין.

איך באַצייכן ווי מזל נישט בלויז דעם גליקלעכן שפּיל פון גורל, וואָס דריי יאָר נאָכן צמח צדקס טויט האָט זיין שטול געקענט פאַרנעמען דער יינגסטער, און מן־הסתם אויך פאַ־סיקסטער זון, נאָר אויך דעם פאַקט וואָס די חב״ד־דינאַסטיע

האָט געהאַט, אַזוי צו זאָגן, אַ מער גינציקע זעלישע געאָ־גראַפיע.

אין דער מתנגדישער ליטע האָט אַ פאַרמערונג פון רבישע הויפן נישט געהאַט אַזעלכע לייכטע מעגלעכקייטן, ווי, למשל, אין דער צו ניינציק פּראָצענט חסידישער גאַליציע. און די האַלב־מתנגדישע ליטווישע חסידים זיינען פון לכתחילה גע־ווען ווייניקער פאַרקאָכט אין רבינס אַ זון און מער אין רבינס אַ ספר. די גאַליציאַנער זיינען געווען ענטוזיאַסטישע מאָנאַר־כיסטן. גיט זיי אַ פּרינץ מיטן ריכטיקן יחוסדיקן בלוט אין די אָדערן און זיי שטעלן אייך אויף אַ נייע מלוכה פון היי־מישקייט, פון גוט־ברודערישקייט און פון פרייד. דער רבי איז ערגעץ־וואו פאַר זיי בלויז אַן אויסר־ייד פאַרן טיפן באַדערפעניש צו זיין אינאיינעם — צו זיין חסידים.

דער ליטוואַק אָבער — פאַר אים איז דער עיקר די „קאָנ־סטיטוציע״. דער ליטווישער למדן איז נישט געווען קיין ליו־באַוויטשער חסיד אין דעם זינען, ווי דער גאַליצישער ייִד — אַ סאַדאגערער אָדער וויזשניצער. דער ליטווישער בעל־מוח איז געווען אַן אָנהענגער פון אַ מאָראַל־פילאָזאָפישער שיטה, וואָס דער רב פון ליאַדי האָט זי באַשאַפן און וואָס זיינע יורשים, די ליובאַוויטשער רביים, זיינען געווען אירע טרעגערס און אויסטייטשערס. די תורה פון חב״ד האָט אַפּעלירט צום ליט־ווישן גמרא־קאָפּ אי דערמיט, וואָס זי האָט ערגעץ־וואו גע־פּרוּווט איבערבעטן הלכה מיט קבלה, און אי דערמיט, וואָס זי האָט דאָס פייערדיקע התלהבות פונעם חסידישן האַרץ געשטעלט אונטערן קאָנטראָל פונעם מענטשלעכן שכל. און נאָך מער פון אַלץ האָט דעם אינדיווידואַליסטישן קאָפּ־מענטש פון ליטע און ווייס־רוסלאַנד פאַרכאַפּט דאָס, וואָס

חב״ד האָט אים צוגעשטעלט אַ רישטאָוואַניע פון פילאָזאָפישע טערמינען און באַגריפן, אויף וועלכע ער קען זיך אַליין מיטן כוח פון זיין אייגענעם שכל אַרויפדראַפּען צו מאָראַלישער דערהויבונג און אַרויף אויפן הויכן וועג, וואָס פירט צו געטלעכקייט (אלקות).

דער בעל התניא און זיינע יורשים האָבן דעם חב״דישן חסיד אַזוי־אַרום פאַרגעבן אַ מאָראַלישן אויפגאַב וואָס איז ניט געווען געבונדן נישט צו קיין רבין און נישט צו קיין רבישן הויף. דערפאַר טאַקע האָט חב״ד געהאַט די קראַפט זיך אויסצושפּרייטן איבערן שטח פון אַלע יידישע ישובים און אַפילו אָוועקצושפּאַנען איבערן ים צום יידישן קיבוץ אויפן נייעם קאָנטינענט. קען מען זיך פאָרשטעלן אַ רוזשינער חסיד ערגעץ־וואו אין דער טעריטאָריע פון ליובאַוויטש? ניין, פאַר קיין שום פאַל ניט. אָבער חב״דניקעס אין בעסאַראַביע, אין רומעניע און אַפילו אין גאַליציע זיינען געווען. וואָרעם ליובאַוויטש איז טאַקע געווען וויט, אָבער די חב״דישע ליטעראַטור (דער תניא, די לקוטי־תורה און אַנדערע ספרים) איז געווען נאָענט. מען האָט זי זיך געקענט איינשאַפן און ברענגען אין שטוב אַריין.

און וויפל רוזשינער, וויזשניצער און ראָפּטשיצער שטיבלעך זיינען דאָס פאַראַן אין אַמעריקע? וואָס פאַר אַ זין וואָלטן זיי געהאַט, אַז עס פעלט די סודותדיקייט פון רבין אין חדר־מיוחד, ווי ביי סאַדעגערע, און דער רבי, דער אָנרעגער צו שמחה ביים טיש, ווי ביי די וויזשניצער? חב״ד־שטיבלעך אָבער, ווייל דאָ גייט דאָך בלויז וועגן אַ לעבנס־אויפפאַסונג און וועגן אַ וועג ווי אַזוי זיך אַליין מאָראַליש מתקן צו זיין, זיינען פאַראַן 360 אין אַמעריקע.

ממש 360 חב"ד־שולן אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט — אַזוי האָט מיר פאַרזיכערט דעם ליובאַוויטשער רבינס איידעם, הרב שמריה גור־אריה. איך בין מיט אים געזעסן דאָ אַנומלט אין זיין שיינעם און עלעגאַנטן אַרבעטס־צימער, וואָס געפינט זיך אין ליובאַוויטשער צענטער אין ברוקלין, אויף 770 איסטערן פאַרקוויי, און געכאַפּט אַ היפּשלעך לאַנגן שמועס.

דעם רבינס איידעם — אַ ייד אין די מיטעלע יאָרן, מיט אַ חסידיש־נגידישן הדרת־פנים — איז, אַזוי צו זאָגן, דער פּרעמיער פון ליובאַוויטשער צענטער. ער האַלט די סאַמע וויכטיקסטע פאַרטפעלן פון אויסלאַנד און אינלאַנד־מיניסטעריום. ער איז דער דיפּלאָמאַט, וואָס קען פירן אַ העפלעכן שמועס מיט אַ פרעמדן און דערביי געניי וויסן וואו ניט צו דערזאָגן. און ער איז אויך דער געניטער פאַר־וואַלטער פון דעם ברייט־פאַרצווייגטן און קאָמפּליצירטן ליו־באַוויטש־אַפּאַראַט אין אַמעריקע.

פון תמיד אָן ווערט מיר אַ באַוועגונג פאַרשטענדלעכער און קלאָרער, ווען איך באַקען זיך מיט די מענטשן, וואָס פירן זי און וואָס פאָלגן איר נאָך. מיט אַנדערע ווערטער: מיך אינטערעסירט אין יעדער באַוועגונג מער איר קאָנקרעטע מענטשלעכע געשטאַלט, איידער איר בלייכע אידעאישע אַב־סטראַקציע. מיין ערשטע פראַגע, מיט וועלכער איך האָב זיך געווענדט צו הרב גור־אריה, איז דערפאַר געווען:

— ווי אַזוי זעט אויס אַ ליובאַוויטשער חסיד אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט?

איך האָב געוואָלט וויסן: ווער איז ער דער ייד אין

אַמעריקע, וואָס פאַרגינט זיך די מאָראַלישע אַרבעט איבער זיך אין זינען פון חב״דישער תורה?

ער האָט ניט קיין באַשטימטן אויסזען — האָט מיר דעם רבינס איידעם געענטפערט — ער קען זיין אַ ייד מיט באָרד און פאות, אָדער אַ גלוח; אַ רב וואָס איז אַריינגעטאָן אין תורה, און אַ סוחר וואָס קומט זיך אָפּפרישן חב״דיש בלויז איין מאָל אַ וואָך בין מנחה למעריב; אַן ערשט־אַריבערגעקומענער פון יענער זייט ים, און אַן אַמעריקאַנער דזשאַדזש (ריכטער) און...

— דעם רבינס איידעם האָט ניט געקאָנט באַהאַלטן זיין שטאָלצע צופרידנקייט — דער סטייט־סענאַטאָר קליינפעלד.

און דער צופאַל האָט געוואָלט אַז כמעט תוך כדי דיבור זאָל איך האָבן אַן אילוסטראַציע פון דריי באַזונדערע חב״דישע מענטשן טאַקע ביי הרב גור־אריה אין שטוב. אַ זשוואַווע־יונגער און סימפּאַטישער רב פון שיקאַגע, וואָס פון אָרטאָדאָקסישער יידישקייט איז אויף זיין פּנים בלויז פאַראַן עפּעס אַ גרויס־ווי־אַ־ פליג סימן פון אַ באָרד, איז געקומען געזעגענען זיך מיט דעם פירער פון „זיין חב״ד״ און האָט דערביי געבראַכט צו פירן אַ חב״דיש שטאַרק פאַראינטערעסירטן — אַזוי האָט ער אים פאָרגעשטעלט — דאָקטאָר פון באָסטאָן. דער דאָקטאָר איז געווען אַ גלאַט־ראַזירטער יידישער „יענקי״ מיט אַן אויסגעליגענער שפּיציקער יאַרמלקע אויפן קאָפּ. די יאַרמלקע, וואָס מען האָט באַשיימפּערלעך געזען, אַז זי געפינט זיך אויף זיין קאָפּ צום ערשטן מאָל נאָך צענדליקער יאָרן — אַזוי שטייף און נישט ביי זיך אין דער היים איז זי געזעסן — און נאָך מער די אויגן זיינע, און נאָך מער ווי די אויגן, די ציטערדיקע שטים זיינע האָבן עדות געזאָגט אַז ער גרייט זיך צו ווערן אַ געטרייער חב״ד־

ניק. אפשר האָט דעם דאָקטאָרס אַ זיידע געלערנט דעם תניא און געאַרבעט איבער זיך מאָראַליש, און ביים זיידעס אָמע־ריקאַנער אייניקל איז אויפגעקומען די דערמאָנונג פון יענע טעג און אַן אייגענע בענקשאַפט צו עפּעס העכערס און עס איז נישט געווען ווער עס זאָל די בענקשאַפט ערגעץ־וואו פירן, ביז אַ זשוואָוער־שיקאַגער רב מיט אַ באָרד ווי אַ פליג די גרויס, האָט זי פאַרקערעוועט צו חב״ד.

און דער דריטער עקזעמפּלאַר פון אַ חב״דניק איז שוין געווען אַן אייגענער מענטש פון דער ישיבה אויפן ערשטן שטאָק וואָס איז אַרויפגעקומען צום רבינס אײדעם אין עפּעס אַן ענין פון דער ישיבה. דער דריטער האָט געקאָנט זיין אָדער איינער פון די עלטערע תלמידים אָדער פון די ייִנ־גערע לערערס אין דער ישיבה. ער האָט געהאַט אַן איידעלע דורכגייסטיקטע צורה מיט אַ פּאָר פלאַקערדיקע אויגן וואָס אינאיינעם מיט דעם געקרייזלטן קרענצל האָר אַרום זיין פּנים, האָבן זיי אים געגעבן דעם אויסזען פון וועלט־פרעמדקייט און פון פאַרטועקייט אין לערנען.

אָט דער יונגערמאַן און זיינס גלייכן, די אַלע הונדערט און צוואַנציק גרעסערע און קלענערע תלמידים פון דער ישיבה דאָ אין ברוקלין, פּונקט ווי די עטלעכע טויזנט תלמידים אין די חב״ד־ישיבות פון דער פאַרמלחמהדיקער פוילן — זיי זיינען דאָס די טרעגערס פון דער חב״דישער „יבנה״ פאַר די לעצטע קנאַפּע פופציק יאָר זינט דער טע־ריטאָריאַלער צענטר פון ליאדי, ניעזשין און ליובאַוויטש האָט באַגלייך מיט אַלע איבעריקע חסידישע צענטערן פון מזרח־אייראָפּע גענומען איינשרומפּן און חרוב ווערן. חב״ד האָט זיך דורך עמיגראַציע פאַרשפּרייט איבער דער וועלט

און געמוזט אָנקומען צו חב״דניקעס פונעם מין שיקאַגער רב, באָסטאָנער דאָקטאָר און סענאַטאָר קליינפעלד.

און דאָ קום איך מיט אַ קליינער פּאַרשפּעטיקונג צו דער דריטער פון די דריי מעלות וואָס האָבן, ווי מיר דאַכט, געהאָלפן אויפהאַלטן די ליובאַוויטשער דינאַסטיע, איך מיין דעם ברייטן אָרגאַניזאַטאָרישן שוואונג, וועלכן ליובאַוויטש האָט אַרויסגעוויזן אין דעם חסידות־צעשטערערישן 20טן יאָרהונדערט.

נאָכן אַוועקגאַנג פונעם „צמח צדק“ און דער עיקר נאָכן טויט פון זיין יורש, וואָס איז באַקאַנט אין דער דינאַסטיע ווי דער מהר״ש, האָט דער פילאָסאָפיש־שעפערישער כוח פון די ליובאַוויטשער רביים גענומען שוואַכער ווערן. די עליטע פון די געהויבענע חב״ד־חסידים, די אייזערנע קעפּ און פייערדיקע הערצער, וועלכע דער ליובאַוויטשער אייניקל פישל שניאורסאָן האָט אין זיין ראָמאַן „חיים גראַוויצער“ באַשריבן — די דאָזיקע עליטע איז אונטער די קלעפּ פון אומגינציקער צייט אַלץ מער און מער פאַנאַנדערגעפאַלן און צעשטויבט געוואָרן.

עס האָט זיך געפאָדערט אַ גרויסע אָרגאַניזאַטאָרישע איניציאַטיוו אויף צו באַשאַפן פאַר ליובאַוויטש אַ נייעם איי־גענעם מענטשן־מאַטעריאַל, אויף וועלכן חב״ד זאָל זיך קאָ־נען אָנשפאַרן און מיטן כוח פון די דאָזיקע מענטשן אָנהאַלטן די השפעה אין דער יידישער וועלט.

עס קאָן אויסקומען מאָדנע, אָבער עס איז פונדעסטוועגן היסטאָריש אמת אַז די אָרגאַניזאַטאָרישע וויזיע פון אַן איי־גענער „יבנה“ האָבן געהאַט נישט די גאַליצישע פּראַקטיקער פונעם חדר פון ר׳ אלימלך פון לעזשאַנסק, וואָס זייער גאַנצע

חסידישע שיטה איז דאָך אייגנטלעך באַשטאַנען בלויז אין חסידישער פּראַקטיק, נאָר די פילאָסאָפן פון ליובאַוויטש. די באַוועגונג צו גרינדן חב״דישע ישיבות, וואָס עס האָט געשאַפן דעם היינטיקן ליובאַוויטשער רבינס פאָטער, איז געווען יענע וואונדערלעכע אָרגאַניזאַטאָרישע המצאה, וואָס האָט געראַטעוועט די עקזיסטענץ פון דער חב״דישער די־נאַסטיע און באַשטימט דעם גאַנג פון חב״ד ביז אויפן היינ־טיקן טאָג.

דורך די ישיבות איז, ווי מיר דאַכט, דער צענטראַלער פּונקט פון חב״דישער גייסטיקייט וואָס איז אַלעמאָל געווען האַלב מתנגדיש, פאַרוקט געוואָרן אַלץ מער אויף רעכטס — אין דער ריכטונג פון אַ בלאָט גמרא מיט תוספות. פאַר די „חיים גראַוויצערס״ איז אַלץ ווייניקער און ווייניקער פּלאַץ געבליבן אין חב״ד.

איך בין געווען צו קבלת שבת אין דער חב״דישער שול אונטן אין דער ישיבה און דערנאָך אויך אויבן ביים רבין אין זיין פּריוואַט־שטיבל. מיר איז ביי ביידע מנינים נישט אָקעגנגעקומען יענע באַזונדערע אַטמאָספער פון וואַרעמקייט, פון קאָלעקטיווער התלהבות, וואָס איך פלעג זי באַגעגענען אין מיינע קינדערשע און יינגלשע יאָרן אין דער וויזשניצער, אין דער אַטיניער און אין דער באַיאַנער קלויז פון מיין היימשטאָט. אַז עס האָט מיך דאָ גאָרנישט נישט דערמאָנט אין דעם מוזיקאַליש־געשוואָלענעם און דאָך אַזוי דינעם און דורכנעמענדיקן עקסטאַז פון זשידעטשויוער חסידות — איז אָפּגערעדט. אַ מתנגדישע מנחה און אַ גוט אָרגאַניזירטער ליטווישער מעריב, וועלכן אַ געניטער בעל־תפילה האָט אָפּגע־דאַוונט מיט אַ זייער אַנגענעמער שטים, נישט צו גיך און

נישט צו פּאַוואָליע, נישט צו קאַלט און נישט צו הייס — מיט איין וואָרט אין אַן אויסגעשפּראָכן מיטעלער טעמ־פּעראַטור. דאָס און נישט מער.

און צווישן מנחה און מעריב האָט דעם רבינס איידעם, הרב גור־אריה, אַרומגעזעצט עטלעכע יידן ביים טיש און מיט זיי געלערנט אַ שטיקל חב״דישע תורה. דער אויסטייטש פונעם פסוק אין שיר השירים: משכני אחריך נרוצה, הביאני המלך חדריו נגילה ונשמחה בך (צי מיך נאָך דיר, לאָמיר לויפן, זאָל דער מלך מיך ברענגען אין זיינע קאַמערן, מיר וועלן זיין פריילעך און לוסטיק מיט דיר) אין זינען אַז דער פסוק איז כולל אין זיך דעם גאַנצן גייסטיקן אויפשטייג פון פסח (צי מיך — מיט דער הילף פון אַן אויסנווייניקסטן כוח) איבער ספירות (לאָמיר לויפן — דער פאַרלאַנג צו אינע־ווייניקסטער אַנטפּלעקונג) און שבועות (אינעווייניק אין די קאַמערן — מתן תורה) ביז שמחת תורה (לוסטיק און פריי־לעך מיט דיר — מיט דער תורה, בפרט אַז „בך״ איז בגמטריה כ״ב, די צאָל פון די אותיות פון אַלף בית) איז מיר געפעלן. דעם ליובאַוויטשער איידעמס תורה איז מיר בפירוש געפעלן אָבער זי האָט מיך נישט אויפגעטרייסלט. זי האָט נישט גע־וועקט קיין איבעריקע בענקשאַפט ביי מיר צו וועלן אַריינ־דרינגען אין טיפקייטן. נישט ביי מיר, אָבער אויך נישט ביי די יידן אַרום דעם טיש. איך האָב די בענקשאַפט נישט געזען אויף די פּנימער און איך האָב נישט געפילט איר אָטעם.

וואו־זשע איז פאָרט דאָ אַ סימן פון יענער טיפער ווע־לעניש צו מאָראַלישער דערהויבונג, צו דעם יסורים באהבה־דיקן גאַנג איבערן דערנער־וועג צו גילוי פּנימי (אינעווי־

ניקסטע אַנטפּלעקונג) און גילוי אלקות (געטלעכע אַנטפּלעקונג)?

איינער אַ יונגערמאַן ביים דאַוונען, אַ יונגער בויגעוודיקער גוף מיט אַ צעשטראַלט פּנים האָט זיך געוואונדן אין צער ביי די תפילות. זיין צורה האָט אויסגעדריקט שטעכעדיקן שמאַרץ, גלייך ווי ער וואָלט געגאַנגען איבער דערנער. ער איז די גאַנצע צייט געווען פאַרזונקען אין עקסטאַז און נאָכן דאַוונען איז ער אַראָפּ די טרעפּ אַ וואַקלדיקער פון איבערלעבעניש־שיכרות.

אפשר איז אָט דער יונגער בחור אין רבינס פּריוואַט־שטיבל געווען אַן איינזאַמער חב״דישער חסיד אין דער מתנגדישער אַטמאָספער אויף איסטערן פּאַרקוויי? און אפשר איז אַזאַ אַלטער חב״דישער חסיד טאַקע דער רבי אַליין?

איך האָב עטלעכע טעג שפּעטער פאַרבראַכט ביי אים אַן ערך צוואַנציק מינוט אין זיין אַרבעט־צימער. איך האָב אים געפרעגט ווי אַזוי מיר דאַרפן פאַרשטיין זיינע דריי קול קוראס, וואָס רופן אונדז צו דערוואַרטן אין גיכן משיחן. דעם ליובאַוויטשער איז מחמת זיין שוואַכן געזונט שווער צו רעדן אָבער אויף וויפיל זיינע רייד זיינען צו מיר דערגאַנגען האָט פון זיי אַ ווייַ געטאָן עפּעס אַ טיפע, ביז אומהיימלעכקייט טיפע אמונה אין באַלדיקער גאולה. אַ שאָד וואָס דעם רבינס איידעם האָט מיר פאַרטייטשט אַז דער רבי מיינט נישט ביאת המשיח, נאָר בלויז אַ רוף צו תשובה. אַ שאָד!

קדישים צו מנחה אין בית-המדרש הגדול

כלי־קודשדיקע געוועלבן. — ר׳ יצחק שמש אָרגאַניזירט די מנחהס. — די בלעכענע פּושקע וואָס זעט. — די אָפּאָזיציע אויף די הינטערשטע בענק. — מע לערנט „סנהדרין״ און מע זאָגט רבנן־קדיש אויף דער וואָר און אין חלום. — עס וועלן זיך אָנהויבן ישעות ונחמות״.

נאָרפּאָלק סטריט איז אַ גאַס פון מסחר און פון קלייטן אויך אין יענעם טייל אירן, וואו עס שטייט זינט נײַנציק יאָר די אימפּאָזאַנטע געביידע פונעם בית־המדרש הגדול. אלא וואָס דען? די געוועלבן ביים טראָטואַר אַנטקעגן בית־המדרש זיינען כמעט אַלע כלי־קודשדיקע. זיי האָבן דורכאויס צו טאָן מיט יידישקייט. צי איז דאָס דער „סופר ובעל מגיה מירושלים״, דער פאַרקויפער פון טליתים, פון פרוכתן און פון „ספר תורות מיוראָפּ״, דער בעל־הבית פונעם „בית

דפוס עברי", דער מצבה־שלעגער, צי גאָר דער קלייטניק, וואָס מאַכט פאַר זיך רעקלאַמע מעשה „דעפּאַרטמענט סטאָר", ניו יאָרקיש, אַז ער איז אַן „אימפּאָרטער מכל דבר שבקדושה" — אַלע האָבן זיי זיך דאָ אַוועקגעשטעלט צו דינען מיט זייער „סחורה" דער פרומקייט פון אַקעגנאיבער, דעם בית המדרש, זיינע גבאים, זיינע מנדבים, זיינע לערנערס און זיינע דאַוור־נערס. און וואָס שייך דעם „באַרבער", וואָס זאָגט אָן זיינע קונים אי שערן, אי „שייוון", האָב איך אַ חשד, אַז אין זיין יידישער שילד האָט זיך אָדער אַריינגעגנבעט אַ טעות, אָדער זי איז אַזוי זיך אַ ביסל מגזם. וואָרעם ווער זאָל זיך דאָס גיין גאָלן דווקא אַקעגן בית־המדרש צו אַ באַרבער, וואָס האַלט „געשלאָסן שבת און יום־טוב" און טראָגט אַ יאַרמלקע ביי דער אַרבעט? „שייוון" מיינט דאָ מן הסתם נישט עפּעס אַנדערש ווי בלויז צוגלייכן און צופּוצן אַ באָרד. איך בין געווען אַ בעלן צוצוקוקן זיך צום באַרבערס טועכץ און צו קומען דעם אַנ־דערן טאָג און זיך נאָך אַמאָל צוקוקן, און איך קאָן עדות זאָגן, אַז איך האָב ניט געזען אַפילו איין מאָל, ער זאָל עובר זיין אויפן לאו פון גאָלן יידישע בערד.

אין בית־המדרש אַליין צו מנחה זיינען פונדעסטוועגן געווען אַ היפּש ביסל גילוחים. אָבער זייער „שייוו" שטאַמט זיכער נישט פון דעם באַרבער, וואָרעם זיי אַליין זיינען גאָר־נישט פון דער שכנהשאַפט. זיי וואוינען מיט גאַסן און מיט גאַנצע קוואַרטאַלן ווייטער פון דאַנען. זיי דאַוונען דאָ בלויז אין דער וואָכן און צייטווייליק: יעדער זיין טאָג, זיינע צוויי טעג און העכסטנס זיינע עלף חדשים אין יאָר.

פאַרוואָס עס ציען זיך די יאָרצייטניקעס און די קדישים פון נאָענט און פון ווייט דווקא אַהער צום בית־המדרש הגדול?

ווייל דאָ, ווען מען זאָל ניט גיין צו דער אַרבעט פון פאַרטאָג ביז אַרום מיטאָג־צייט און ווען מען זאָל ניט גיין פון דער אַרבעט צווישן אַן ערך פיר אַזייגער נאָכמיטאָג און ניין אַזייגער אויפדערנאַכט (איך מיין אין די זומער־חדשים) — האָט מען תמיד צו דער האַנט אַ מנין.

צו מנחה איז דאָס גאָר אַ באַקוועמלעכקייט, וואָרעם יעדע פופצן־צוואַנציק מינוט שטעלט מען זיך פון דאָס ניי דאַוונען, און אויב אַ יאָרצייטניק אָדער אַ יתום־קדיש האָט אין זינען געהאַט באַלד ביים אַריינקומען זיך דורכצורײדן מיטן שמש, דאַרף ער אַפילו לאַנג נישט וואַרטן אויף זיין ריי ביים עמוד. פון מיינע „בימים ההם" אין דער גאַליצישער היימשטאָט געדענק איך, אַז רעדן מיטן שמש איז געווען נישט פון די לייכטע זאַכן. וואָרעם וואו נעמט מען דעם שמש? אויב ער איז גראָד נישט געגאַנגען אַ גאַנג פאַר אַ חשובן בעל־הבית און ער איז דאָ אין קלויז, איז ער ניט אַנזעעוודיק. מען דאַרף זיך אויף אים נאָכפרעגן. דאָ פאַלט די טרחה אינגאַנצן אַוועק. ר' יצחק דער שמש זיצט העכער פאַר אַלע מתפללים, אויף דער קיילעכדיקער באַנק פאַרן שולחן. אַלע זעען אים, און פון זיינע אויגן קאָן זיך קיינער פון די יידן אין בית־המדרש נישט אויסבאַהאַלטן. ר' יצחק איז אַ וואונדערלעכער אָרגאַניזאַטאָר און דער האַלבער צענדליק אָדער גאַנצער צענדליק מאָל מנחה וויקלט זיך אָפּ אונטער זיין קאָמאַנדע ווי אויף אַ שנירל. אָט איז אַ בעל־תפילה צוריקגעקומען פון עמוד. ר' יצחק שמש האָט זיך אויפגעהויבן פון דער באַנק, האָט זיך צוגעשטעלט צום שולחן און אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער האַנט. ער זאָגט דערמיט אָן אויף קלאַפּ־לשון: אַלע פאַראינטערעסירטע זאָלן וויסן זיין, אַז עס הייבט

זיך אָן פון דאָס ניי אַ מנחה. אויסגעקלאַפּט די מודעה, נעמט ער פונעם שולחן די פּושקע און לאָזט זיך אַראָפּ פונעם באַ־לעמער אויף אַ שפּאַציר צווישן די צוגעקומענע דאַוונערס. און דעם שמשס בלינדע בלעכענע פּושקע האָט עפּעס איר אייגענעם אופן, ווי אַזוי צו דערזען, צו דערשמעקן נייע פּני־מער. אַזוי ווייזט אויס. וואָרעם ער אַליין, ר׳ יצחק, ניט ער קוקט זיך אַפילו אום אויף עמעצן ביי זיין גאַנג. ער שפּאַנט מיט אויגן אַראָפּגעלאָזטע, איינגעגראָבן אין דער גראָער באָרד זיינער, וואָס ווייעט מיט אומגעדולד און מיט קפּדנות, און ביי זיין רעכטער האַנט הענגט נאָך די פּושקע און זינגט אומעטיק מיט אירע גראָשנס, ווי ביי אַ לוויה. אַזוי פינף, זעקס און זיבן שריט, און ביים אַכטן איז גלייך די פּושקע זאָל אַ נעם טאָן דעם שמשס האַנט (און ניט פאַרקערט) און זיך מיט איר אָוועקלאָזן איבער קעפּ און פּלייצעס צו איינעם דאָרט־אַ אַ דאַוונער. ר׳ יצחק האָט טאַקע אָוועקגעקוקט און כלומרשט נישט געזען, אָבער די פּושקע האָט זיך נישט טועה געווען: ס׳איז אַ יאָרצייטניק אָדער אַ קדיש, וואָס האָט זי נאָך ניט מהנה געווען מיט אַ קופּערנער מטבע.

די „יתומים" און די בעלי היאָרצייט — זיי זיינען ר׳ יצחק שמשס געטרייע רעגירונגס־פּאַרטיי. זיי נעמען פאַר ליב יעדן בעל־תפילה, וועלכן ער שטעלט אַוועק, און זיי טראָגן גערן די לאַסט פון זיין פּושקע־בודזשעט. אָבער עס איז אויך פאַראַן אַן אָפּאָזיציע. און ווי יעדע אָפּאָזיציע, וואָס פאַרמאָגט ניט קיין ריכטיקע פּונקטן פון קריטיק און פילט זיך דערפאַר אַנמעכטיק, איז אויך די אָפּאָזיציע פון ר׳ יצחק שמש אין בית־המדרש הגדול — אַ פאַרביטערטע, אַ גאַליקע. באַשטיין באַשטייט די אָפּאָזיציע צום גרעסטן טייל פון די

„יושבים״, איך מיין פון די געוויינלעך עלטערע יידן, וואָס קומען אַריין אַרום פינף דאַווענען מנחה און וואַלטן דערנאָך גערן געוועזן צו כאַפּן אַ שמועס וועגן דער מלחמה און וועגן יידי־שע צרות — ביז מעריב. איז אָנשטאָט דעם, פאַלן זיי אַריין אין אַ פאַבריק פון מנחהס, נישט אָפּצודעכען. ווארעם אַט נאָר־וואָס אָנגעהויבן צו ריידן מיט אַ שכן אויף דער באַנק — קוים עטלעכע ווערטער און געציילטע צוויי זיפצן — און שטעל דיך אויף: מען זאָגט שוין ווידער „קדושה״. אַז ער לאָזט נישט רואיק זיצן, דער שמש, און ער פאַרגינט נישט אַ מינוט מנוחה, מען זאָל קאָנען עפּעס הערן און דערציילן אַ נייעס.

זאָל ער זיך ווידער אָוועקגיין — זאָגט איר — דער אָפּאָזיציאָנעלער ייד? אַט טאַקע קעגן דעם פּראָטעסטירט ער פון גאַנצן האַרץ און מיט פולער פאַרביטערונג. וואוהין זאָל ער דאָס גיין אין אַ שפּעטן זומערדיקן נאָכמיטאָג, דער ייד מיט די טאָפּל ברילן, וואָס זיצט לעבן מיר אויף אַ באַנק רעכטס פונעם שולחן? לערנען — אַפילו ווען ער זאָל קענען — קאָן ער נישט צוליב זיינע האַלב־בלינדע אויגן; אין קרעטשמעס און אין קאַפעטעריעס גייט ער ניט, ווארעם ער איז נישט פון די, וואָס זיינען גרייט צו טרינקען קאַווע און צו עסן „סענדוויטשעס״, אַפילו ווען ס׳הונגערט נישט — אַבי צו פרעסן און צו זויפן! ער וואוינט דאָ אין דער סאַמע נאָענט און דאַווענט דאָ יעדן טאָג און אויך שבת און יום־טוב. ווי אַזוי עס איז געווען מיט יאָרן צוריק מנחה־צייט אין בית המדרש הגדול געדענקט ער שוין נישט, אָבער שוין היפּשע עטלעכע יאָר, אַז דער־אַ שמש וועט אייך פאַר נאָך זעקס סענט אין פושקע לאָזן דאַווענען נאָכאַמאָל אַ מנחה

און נאָכאַמאָל און וועט נישט אויפהערן. נאָך יעדער „קדושה" — און ער איז געזעסן לעבן מיר פאַר דער צייט פון אַמאָל פיר, אויב נישט מער — האָט דער מיט די טאָפּל-ברילן גיפּטיק אַ פרעג געטאָן ביים נאָענטסטן אַרום: „איר מיינט טאַקע, אַז ער איז שוין פאַרטיק, דער שמש? ער האָט שוין אָנגעפילט די פּושקע?" געענטפערט האָט אים פון דער הינ־טערשטער באַנק אַ יונגערער ייד, מיט אַן איבערגעוואַקסענעם גוף און מיט אַ סאַרקאַסטיש שמייכעלע אויף זיין שלעכט אָפּ־געגאָלטן פּנים: „חלילה, ער האָט נאָר וואָס אָפּגערעדט מיט אַן אַנדערן קאַליקע, ער זאָל זיך צושטעלן צום עמוד."

פון אָט דעם ענטפער איז מיר קלאָר געוואָרן אַ צווייטער פּונקט פון קריטיק מצד דער אָפּאָזיציע. דער ייד מיט די טאָפּל־ברילן האָט געלייגט דעם טראָפּ אויף דער עטיק, למאי, הייסט עס, מע חזרט איבער די מנחה צוליב עטלעכע גראָשנס. דער ייד מיטן איבערגעוואַקסענעם גוף און מיט דעם שלעכט־געגאָלטן פּנים האָט אונטערגעשטראָכן מער די עסטעטישע זייט פון דער קריטיק. אים האָט געאַרט, פאַרוואָס דער שמש פרעגט אַפילו נישט איבער די בעלנים, צי זיי זיינען בכוח זיך אונטערצונעמען אַזאַ דעליקאַטע עובדה ווי צו דאַווענען פאַרן עמוד. און אַן און פאַר זיך איז דער עסטעט טאַקע געווען גערעכט. ווארעם עס האָבן אין צוויי שעה מנחה פאַר־ביימאַרשירט פאַרן עמוד בעל־תפילהס, וואָס „עס זאָל זיי נאָר ניט גערעכנט ווערן". קאַרגע עברי און נוסח — רבונו של עולם, וואו האָט זיך דאָס צו אַ טייל פון די דאָזיקע מנחהדיקע שלוחי־ציבור גענומען אַזאַ אוממוזיקאַלישקייט און אַזאַ שטימ־לאָזע שטימע?

אָבער איז דען דער דאָזיקער ייד, וואָס איז געקומען

צולויפן דירעקט פונעם שאַפּ און געכאַפּט אויף זיך דעם טלית און זיך אַוועקגעשטעלט פאַרן עמוד, אויסן געווען צו זיין אַ בעל־תפילה? פאַר עמעצן פירצושפּרעכן? עמעצן צו פירן מיט וואָרט און מיט נגינה? אין דער גרויסער יידישער קלויז אויף נאַרפאָלק סטריט האָב איך יענעם מאָנטאָג פאַרנאַכט ניט געזען קיין ציבור און קיין שליח־ציבור. עס זיינען געווען היפשע עטלעכע צענדליק יחידים, אָבער קיין באַהעפטונג צו אַ קאָלעקטיוו איז נישט פאָרגעקומען. יעדער פון זיי — דער יאָרצייט־קדיש און דער יתום־קדיש — איז געקומען מיט זיין פריוואַטער משפחה־פּיעטעט און איז אויסן געווען זי דאָ וואָס אינטענסיווער מקיים צו זיין, וואָס טיפער פאַר זיך איבערצולעבן. און דער ייד, וואָס איז צוגעגאַנגען דאַוונען פאַרן עמוד, האָט אויך ניט געמיינט קיין שליחות פאַרן כלל. ער האָט דערפון אַפילו ניט אָנגעהויבן צו טראַכטן. פאַר־קערט: ער האָט געהאַפּט, און די האָפענונג זיינע איז זיך סומך אויף דער דערפאַרונג פון דורות, אַז דאָס אָרט און דער איינהיל וועלן דווקא זיין אַ סגולה צו קאָנען זיין מיט זיך און מיט זיין אייגענעם משפחה־צער. עס איז אַ מין אַנטלויפן וואָס מער נאָך פאַרנט פונעם כלל, כדי צו קאָנען פראַווען יחידות, אַ פאַרלאַנג צו זאָגן די תפילות הויך פאַר קהל, כדי — כדי צו דערפילן די שטילקייט אין זיך אַליין.

און דער עולם קדישים — נישט ער אָריענטירט זיך אַפילו נאָך דעם יידן ביים עמוד. דעם צייכן צו קדיש גיט ר׳ יצחק שמש. אַ קלאַפּ אין שולחן — און עס צעכוואַליעט זיך דאָס טיפע יידישע פאַמיליע־געפיל. אויף צענדליקער קולות צעזאָגט זיך דער קדיש, און פון יעדן שטים־קנייטש הערט

זיך אַרויס: „מיין טאַטע, מיין מאַמע, איך און מיין אייגן הויז־געזינט״.

און דאַך האָט דווקא פון אָט דעם משפחה־עגאָאיזם, וואָס הויערט אַזוי ליידנשאַפטלעך אונטער דער יידישער טויטן־תפילה, נישט קיין אַנדערער ווי משה העס אַרויסגע־פילט — און איך האָב אים יענעם אויפדערנאַכט צווישן יאָר־צייטניקעס און יתום־קדישים אין בית־המדרש הגדול אַזוי גוט פאַרשטאַנען ווי, מיר דוכט, שוין זינט יאָרן ניט — אַז „אויף דער דאָזיקער ליבע, וואָס שטאַמט פון בלוט און איז דאַך אַזוי ריין, ווי גאָטס גייסט, איז קיינער נישט אַזוי פּעאיק ווי אַ יידיש האַרץ״. די „צעאיינציקטע״ (משה נאַדירס אַ וואָרט) משפחה־טרויערן באַהעפטן זיך מיטאַנאַנד מחוץ פון די בית־המדרש ווענט, אין גאַס און אין שאַפּ, און עס ווערט פון זיי יענער קאָלעקטיווער צער, וואָס הייסט יידישער פאָלקס־פּאַטריאָטיזם. דאָ, אין בית־המדרש, צעשטויבט זיך דער ציבור אויף קדישים פון פערזענלעכן צער און דאָ ווערט פון דעם שטויב פאַמיליע־איבערלעבענישן געפורעמט דער גייסטיקער כוח פון דער יידישער אומה.

טראַכטנדיק אַזוי, איז ביי מיר יצחק שמש ווייט אַרי־בערגעוואַקסן זיינע עטישע און זיינע עסטעטישע קריטיקער אויף יענע בענק רעכטס פונעם שולחן. דעם ייד מיט די טאָפּל־ברילן און דעם ייד מיטן איבערגעוואַקסענעם גוף האָב איך פאַרשטאַנען און באַדויערט. צו יצחק שמש אָבער, צו דעם ייד, וואָס אָרגאַניזירט אין די וואָכנטעג אַן ערך צען מנחהס אין בית המדרש הגדול פאַר יתום־קדישים און יאָרצייטני־קעס, — צו אים האָב איך געהאַט אַ געפיל פון דרך־ארץ — דרך־ארץ, וואָס קומט איינעם, וואָס דער גורל האָט אים

אָוועקגעשטעלט אויף אַ באַשיידענעם פּאָסטן פון אַ דינער אין וואַרשטאַט פון „רוח האומה״, און ער טוט זיין עבודה בשלמות.

אין מיטן איינער פון די מנחהס — ס׳איז גראָד געווען אַ שטילערער בעל־תפילה און אַ שטילערער מנין — האָבן זיך דערטראָגן אין קלויז אַריין קלאַנגען פונעם וואָליבאַ־קאַנטן, זיסן גמרא־ניגון. ס׳איז נישט געווען שווער אויסצו־געפינען וואו מען לערנט. פון יענער זייט מזרח־וואַנט זיינען פאַראַן צוויי צימערן. די מעבלירונג זייערע — טראַדיציאָנעל: געדיכטע פּאָליצעס מיט ספרים, לאַנגע טישן מיט שמאָלע, נידעריקע בענק. אין חדר אויף רעכטס, וואָס האָט אַ באַזונ־דערן אַריינגאַנג דורכן הויף, פירט אָן אַ מיטליאָריקער רב אַ לערנעכץ מיט איבער אַ מנין יידן. איך זעץ זיך צו. מיין שכן רוקט מיר צו אַ גמרא (מסכתא סנהדרין), מישט אויף דף נ״ג און ווייזט מיר אָן מיטן פינגער אויפן שטיקל רש״י, ביי וועלכן מ׳האַלט. ס׳איז די רייד וועגן די ארבע מיתות בית־דין (די פיר מינים טויט־שטראָף, וועלכע דער יידישער גע־ריכט פלעגט צופסקענען). די לערנערס זיינען אַריינגעטאָן אין דער פראַגע ווען ס׳קומט דער האַרבער, ביטערער טויט פון סקילה. „אלה הן נסקלין״ (אָט פאַר די איז פאַר־געשריבן דער טויט פון פאַרשטייניקן) — און עס ווערט אויס־גערעכנט אַ צעטל פון מיאוסע און צום טייל פערווערזע פאַרברעכנס, וואָס זיינען אַ זעלטנקייט צווישן די גויישסטע גויים און מכל שכן צווישן יידן און יידישע יידן. די פאַר־ברעכנס זיינען נישט בנמצא, קיין סנהדרין עקזיסטירט נישט, אָבער דאָ, אין בית־המדרש הגדול דניו־יאָרק, זיצן פאַר־האָוועטע יידישע קרעמערס און בעל־מלאכהס און שטודירן

מיט זייער רב די געזעצן פון אַן אילוזאָרישער וועלט. עס גייט זיי אין לעבן אַריין, די „רעאַליסטישע" יידן דאָביים טיש צו דערגיין און צו באַרעכטיקן יעדן דינסטן קנייטש אין די פּאַראַגראַפן, גלייך זיי וואָלטן געווען ממשותדיקע ריכטער, וואָס האָבן צו משפּטן אַ ממשותדיקן פאַרברעכער.

וואו איז נאָך דאָ אַ פאָלק, וואו זיינען נאָך דאָ פאָלקס־מענטשן, וואָס זאָלן פאַרמאָגן אין אַזאַ מאָס דעם זעלישן כוח צו לעבן אָט אויף דער וואָר און אָט אין חלום, און זאָלן קאָנען אַריבערשפּרינגען מיט אַזאַ וואונדערלעכער גרינגקייט פון איין מלכות אין צווייטן? איך קוק אויף דעם עפּעס באַלייבטן ייד מיט דעם קמץ־בערדל, וואָס זיצט לעבן רב ביי דער לינקער זייט. ער האָט אַ ביסל פאַרשפּעטיקט צום לערנען. ער איז נאָר־וואָס אַריינגעקומען, דאַכט זיך — דירעקט פונעם טיש־קעסטל, און שוין — ער איז שוין אויס סוחר פון גרענד סטריט, ער איז געוואָרן אַ געשטאַלט אינעם היסטאָרישן ראָמאַן, וואָס הייסט „סנהדרין". ער רעדט, דיסקוטירט און פרעגט איבער, גלייך ער זאָל ניט זיין אַ פיקטיווע פיגור, נאָר אויף דער וואָר אַ מיטגליד פון גרויסן יידישן געריכט, וואָס דאַרף זיך קלאָר מאַכן, דאַרף משפּטן...

און אָט איז מען פאַרטיק געוואָרן מיטן שטיקל גמרא פאַר היינט, און — נישט נאָר אויס שפּיל, נאָר דער שפּילער איז שוין אַזוי ניכטער, אַזוי אויס פיקציע און צוריק וואָר, אַז ער קאָן זיך אַליין שוין באַדאַנקען, זיך אַליין אָפּגעבן יישר כוח פאַר דעם, וואָס און ווי אַזוי ער האָט געשפּילט, און אַפילו פאַרלאַנגען דאָס ביסל אַפּלאָדיסמענטן, וואָס קומט אים צווישן אַלע גוטע שפּילערס פון זיין פאָלק. אַזוי האָט מיר געקלונגען דער רבנן קדיש, וואָס טאָקע דער זעלבער באַלייבטער ייד

מיטן קמץ־בערדל האָט געגומען זאָגן נאָך איידער מען האָט באַוויזן צוצומאַכן די גמרא.

בכלל האָט מען ביים לערנען יענעם מאָנטאָג נאָכמיטאָג — און מען האָט געלערנט נאָך דער גמרא משניות און נאָכן משניות שולחן ערוך — געזאָגט צופיל קדיש. ווי מיר האָט זיך געדאַכט, איז דאָס דעם רב נישט באַזונדערס ניחא געווען. עס איז אויסגעקומען אַז ווי נאָר אָפּגעלערנט אַ האַלבן דף גמרא, אַ פּערטל פרק משניות אָדער אַ סימן שולחן ערוך, האָט מען שוין פּרעטענציעס אויף „שלמא רבא“ (גרויס פרידן) און „חנא וחסדא“ (חן און חסד) פאַר „על רבנן ועל תלמידיהון ועל תלמידי תלמידיהון ועל כל מן דעוסקין באוריתא“ (פאַר די רבנים, זייערע תלמידים, די תלמידים פון זייערע תלמידים און פאַר אַלע, וואָס זיינען עוסק אין תורה). מיר האָט זיך גע־דאַכט, אַז דעם רב איז ניט צום האַרצן, וואָס זיינע תלמידים, קוים וואָס איינגעטונקען זיך ביי די ברעגעס פונעם גרויסן און טיפן ים פון תורה און שוין נעמען זיי זיך איבער מיט דער הנאה פון די כוואַליעס, וועלכע דאַרפן ערשט קומען און אַ שלאָג טאָן.

טאָמער האָב איך שלעכט פאַרשטאַנען, וואָס עס האָט געמיינט דעם רבס אומגעדולדיקע מינע צו די אָפטע רבנן־קדישים, בעט איך אים ער זאָל מיך מוחל זיין. און ביי די רבנן־קדישים אַליין דאַרף איך זיך אַוודאי אַנטשולדיקן, וואָ־רעם ליטעראַרישע אימפּרעסיעס זיינען אַוודאי אומוויכטיק אַנטקעגן דעם פאַקט, וואָס יידן פון „ביזנעס“, פון מקח וממכר און פון מלאכה קומען זיך צונויף טאָג־איין טאָג־אויס און באָדן זיך גייסטיק אויס ביי גמרא, ביי משניות און ביי שולחן־ערוך. די כתה פון די לערנער דאָ איז ניט קיין צופעליקע.

זי איז אַ שטענדיקע און באַשטייט יעדן טאָג כמעט דורכאויס פון די זעלבע מענטשן. ווען מען האָט אַרויסגענומען די גמראָס, האָבן אַלע געוואוסט, אַז מ'האָט זיך נעכטן אָפּגע־שטעלט ביים דף נ"ג, און ביים משניות — אַז ס'האַנדלט זיך וועגן „חולין" פּרק ח', משנה ד', און ביים שולחן־ערוך — אַז מען דאַרף אַרויסנעמען דעם „אורח חיים" און אויפ־מישן סימן תקכ"ג.

און נאָך מער ווי די כתה יידן דאָ ביים טיש האָט מיר אימפּאָנירט יענע עלטערע יידישע פּרזי פון אַרום די זעכציק, וועלכע איז אַריינגעקומען, האָט אַראָפּגענומען פון דער פּאָ־ליצע אַ ספר און זיך אַוועקגעזעצט לייענען. אַ גוטע האַלבע שעה איז זי געווען פאַרטיפט אין בוך, האָט פּאַוואָליע אי־בערגעמישט בלעטער און שטיל געמורמלט. אַז זי האָט פאַר־ענדיקט, האָט זי צוריק אַריינגעשטעלט דאָס ספר, איז צו־געגאַנגען צום טיש פון די לערנערס, אַריינגעוואָרפן איר גראָשן אין דער פּושקע און אַ צופרידענע פאַרלאָזט די „לייברערי". אויך די דאָזיקע פרומע יידישע מאַמע האָט זיך עמאַנציפּירט אין אַמעריקע. איר עמאַנציפּאַציע באַשטייט אין דעם, וואָס זי לייענט איר „תחינה", איר „צאינה וראינה" און איר מוסר־ספר ניט אין דער היים אָדער ניט בלויז אין דער היים, נאָר אויך אין דער נאָענטסטער עפנטלעכער ביבליאָטעק פון איר וואוינונג, אין בית המדרש הגדול אויף 60 נאָרפאָלק סטריט.

אויפן וועג צוריק אין קלויז אַריין האָב איך זיך אין צווייטן חדר אָפּגעשטעלט ביי אַן אַנדערער כתה לערנערס. געלערנט האָט מיט די יידן אַ קליין, דאַר מענטשל מיט אַ קליין קיילעכדיק בערדל פון אַ חשובן שטאָט־משכיל. אויפן טיש

זיינען געלעגן „בבא בתראס״, אָבער געאַמפּערט האָט מען זיך וועגן אַ פּראַצעדוראַלער פראַגע, אַזוי צו זאָגן, וועגן אַ „פּונקט צו דער אָרדענונג״. סטייטש, האָט זיך געהיצט אַ הויכער גילוח אין די פּערציקער און פאַרלאַנגט פונעם פאָרזיצער זיין רעכט, סטייטש, ווי אַזוי לאָזט מען דאָס נישט פרעגן אַ מענטש אַ קשיה? וויפיל מאָל איך נעם פרעגן, פאַלט מיר אָט־דער־אָ אַריין אין די רייד און מאַכט מיר צו גאָרנישט די גאַנצע פראַגע. „מיינעם אַ באַיטשיק״, האָט געשריגן מיט כעס דער מיטליאָריקער גילוח, „וואָלט איך אָנגעלערנט און אים געוויזן ווי אַזוי מען דאַרף זיך פירן!״ דער פאָרזיצער האָט געענטפערט מיט אַ קלוגן, מילדן שמייכל: „איז דאָך אָבער די מעשה, וואָס ער איז נישט אייערער און נישט קיין „באַיטשיק״.

און דער ראש החבורה איז ממש געווען גערעכט. אָ־דער־אָ וואָס לאָזט נישט פרעגן און מאַכט צונישט קשיות, איז, לויט מיין אָפּשאַץ, געווען אַ ייד ווייט אין די זיבעציקער און האָט אויסגעזען צו זיין דווקא אַ שטילער, גאָר קיין שטיפער נישט. ער האָט בלויז פיינט, האָט מיר דערנאָך איינער פון די לערנערס מיט אַ שמייכל געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מ׳פרעגט איבעריקע קשיות; ער האַלט נישט פון דער קאָנסטיטוציע; ער האָט ליב, אַז מ׳לערנט.

ענדלעך האָט זיך די אָפּאָזיציע דערוואָרט אויף מעריב. דער רב, וואָס איז שוין געזעסן זינט אַ צוואַנציק מינוט אין מזרח לעבן אָרון־קודש און האָט אַריינגעקוקט אין דער גמרא, האָט איצט אַראָפּגענומען ס׳קאַפּל און אָנגעטאָן דעם שיינעם שוואַרצן קאַפּעליוש. געדאַוונט פאַרן עמוד האָט ענד־לעך נישט קיין יתום און נישט קיין יאָרצייטניק, וואָרעם ער

האָט צוגעלאָזט צום קדיש דעם עולם און אַליין זיך דערווייל אויסגעדעכעט. ספירה האָט געציילט דער רב אַליין מיט אַ ליטווישן „סין". „היום", האָט ער געמאָלדן מיט טרוקענער זאַכלעכקייט, „תשעה וארבעים יום שהם שבעה שבועות לעומר" (הייסט זיינען ניין־און־פערציק טעג, וואָס דאָס זיינען זיבן וואָכן אין עומר).

„ס'האָט זיך געענדיקט דער יידישער טרויער" האָט אַ זאָג געטאָן לעבן מיר אַן עלטערער ייד. „איצט, איה"ש, פון ערב־שבועות אָן", האָט ער רבייש פאַרזיכערט, „וועלן זיך אָנהויבן ישועות ונחמות." אַלע פון אַרום האָבן אָנגעקוקט דעם ייד מיט דאַנקבאַרקייט פאַר זיינע גוטע ווערטער און נאָכגעזאָגט פונעם גאַנצן האַרצן: אָמן!

דאָס חסידישע שטיבל פון די 99-יקער

וואו טוט מען אַהין דעם שירעם? — מען טרינקט טיי פאַרן דאַוונען. — דער נאָמען „99־יקער" איז קיין מיסטעריע ניעשט. — שטריימלעך ווי גילדערנע קרוינען. — אַ בעל־תפילה מיט מוזיקאַלישע לאַטעס. — דעם סאַנדזער רביס אוראייניקל. — „מי שברכס" אָן אַן אָנהויב און אָן אַ סוף. — בחורים זיינען זיך מכבד מיט אַ מפטיר.

דעם ערשטן טאָג שבועות אין דער פרי האָב איך גע־בלאָנדזשעט אַרום האַוסטאָן סטריט און עווענױ „בי" און געזוכט דאָס שטיבל פון די „99־יקער". אין דרויסן האָט עקשנותדיק גערעגנט. צווישן די געדיכטע רעגנשנירלעך האָט זיך געיאָגט אַ ווינט, אַ שיבעניק און געטראַכט רק צו רשעותן. אָט רייסט ער מיר דעם קאַפעליוש פונעם קאָפּ און אָט בּאַרעט ער זיך מיטן אויפגעשפּאַנטן שירעם אין מיין האַנט.

די גאַסן זיינען פּוסט און פאַרטרויערט. מ׳זעט נישט קיין מענטש און — מ׳זעט נישט קיין הויז וואָס זאָל אויסזען ווי אַ שול.

ענדלעך — די שיינע שטיינערנע געביידע פון דער ישיבה ר׳ שלמה קלוגער. אָבער גיי זיי אַ קלוגער און געפין דאָס שטיבל פון די „99יקער״, וואָס דאַרף זיין אין שכנות, אַז אַלע הייזער דאָ זיינען וואוינהייזער און האָבן אַלע איין הויף און אַלע איין פּנים מיט קאַלך־לישאַיעס. ווי אַזוי זאָל מען דערקענען הינטער וועלכער פון די אָפּגעליפּעטע פּראָנט־ווענט און הינטער וועלכע פון די פאַרהאַנגענע פענצטער עס גרייטן זיך די „99יקער״ צו אקדמות? איך פּרואוו אַריינקוקן דורך די אָפענע טויערן און דערכאַפּן מיט די אויגן אַ טיר, וואָס קאָן זיין אַ „שער לד׳ ״ — אַ טיר צו אַ שול. אומזיסט. הינטער יעדן טויער הויערט אַ שטאָק פינצטערניש און דאָס איינציקע וואָס מען קען אין איר דערזען איז אַ שמאָלע טרעפּ, וואָס פירט אַרויף צו — אַ צווייטער פינצטערניש.

און וועמען צו פרעגן איז נישטאָ. די, וואָס גייען פאַרפרי זיינען שוין אין שול און די, וואָס האָבן ליב צו קומען שפּעטער, זיינען נאָך אין דער היים. אָבער ווען איך האַלט שוין ביי אָפּלאָזן זיך פון זוכעניש פּאַסירט עס, ווי עס פּאַסירט אַלעמאָל אין די ראָמאַנען און אַמאָל אויך אין לעבן — עס באַווייזט זיך הילף אין דער געשטאַלט פון צוויי פרזיען. יום־טובדיק פאַרפּוצטע לויפן זיי מיט גיכע, דריבנע טריטעלעך, האַלטן זיך נאָענט ביי די הייזער און שטעלן זיך אָפּ ביי איינעם פון די טונקעלע טויערן.

— ווייסט איר נישט וואו ס׳איז ס׳שטיבל פון די 99יקער?

— גיב איך אַ פרעג.

— טאַקע דאָ אויפן ערשטן שטאָק — ענטפערן די פרויען — אָבער — נעמט מיך איינע פון זיי דורך מיט אַ תרעומותדיקן בליק — אין אַ שול אַריין קומט מען מיט אַ שירעם? וואו וועט איר אים אַהינטאָן?

און מיט וועמען זיך אַן עצה צו האַלטן איז נישטאָ. וואָרעם די פרויען, איז, ווייזט אויס, פריקרע געווען לענגער צו רעדן מיט אַ ייד, וואָס טראָגט אום יום־טוב אַ שירעם און האָט נאָך די העזה צו קומען מיט אים אין שול אַריין.

איך האָב זיך נישט געפילט שולדיק, וואָרעם איך האָב דאָך ביי מיר געוואוסט, אַז איך קום אַהער פון היפש ווייטע גאַסן, און אַז אַריינקומען אין שול אַריין אַ פיטש־נאַסער, אַן אויסגעווייקטער, איז אפשר אַ גרעסערער חילול־הקודש ווי אַ שירעם אין האַנט. אָבער די פאַרשוואונדענע צוויי פרויען וואָלטן מן־הסתם סיי־ווי נישט געהאַט קיין פאַרשטענדעניש פאַר מיינע טענות. מען וועט מוזן וואַרטן אויף אַ מאַנסביל, — האָב איך אַ טראַכט געטאָן, — וואָס איז אַליין אַ ביסל זינ־דיק: טראָגט זיך קורץ, איז אַ שטיקל גלוח, האָט כאָטש פאַר־געסן זיך אַרומצובינדן מיטן נאַז־טיכל, און דערעיקרשט, וואָס פאַרמאָגט (אפשר טאַקע צוליב דער זינדיקייט) אַ קליין ביסל פון יענעם אויבנאויפיקן, אָבער דערפאַר געזונטן אַמע־ריקאַנער „נעם־עס־גרינג״־הומאָר, וואָס מאַכט לייכט ס׳לעבן אי זיך אי אַנדערע. אַזאַ ייד וועט מיר העלפן בייקומען מיין שירעם־פּראָבלעם.

דערווייל כאַפּ איך אַ קוק אויפן אַרום, געוואוין־צו די אויגן צו דער פינצטערניש פון די הילצערנע טרעפּ, וואָס וועלן מיך אַרויפפירן אין שטיבל, און לייען איבער די שילד מיט די פאַרווייעטע אותיות, וועלכע איך האָב ערשט איצט

אַנטדעקט. דער פולער אָפיציעלער נאָמען פונעם שטיבל לייענט זיך אַזוי:

„בית המדרש דחברה עדת ישראל אַנשי גאַליציע, מנהג ספרד“.

איז פאַרוואָס־זשע הייסן זיי 99־יקער? איך האָב דעם פּראָזאַאישן פּשט פון אָט דעם היפּשלעך פּאָעטיש־מיסטיש קלינגענדיקן נאָמען פונעם גאַליצישן חסידים־שטיבל שוין געוואוסט מיט וואָכן פריער, און איך וועל אים אייך מגלה זיין נאָך איידער איך האָב געקאָנט אָהינטאָן דעם שירעם און אַריינגיין דאַוונען.

די „99יקער“ מיינט גאָר נישט פאַרהוילנס, ס׳איז פּראָסט און פּשוט דער נומער פונעם הויז אויף אַטוירני סטריט, וואו די „אַנשי גאַליציע, מנהג ספרד“ זיינען שיינע עטלעכע יאָר געזעסן קאָמערינע מיט זייער שטיבל. די שול אויף 99 אַטוירני סטריט איז געוואָרן אַ שם דבר און די דאַוונערס דאָרט זיי־נען געבליבן 99־יקער, אַפילו דעמאָלט ווען זיי האָבן זיך מיט זייער קלויז אַריבערגעקליבן אויפן ערשטן שטאָק פון 370 האַוסטאָן סטריט.

איך האָב לאַנג נישט געדאַרפט וואַרטן. ס׳איז באַלד אָנ־געקומען אַ „זינדיקער“, נייַן, אַ נייַן־און־נייַנציקער, און ער האָט גלייך פאַרשטאַנען וואָס פאַר אַ מין פּראָבלעם איך האָב, נאָך איידער איך האָב אים דערציילט וועגן וואָס דאָ גייט, האָט ער שוין געוואוסט, אַז איך דאַוון מן הסתם אויף איסט־בראָדוויי, בין שטעקן געבליבן צוליבן רעגן אין מיטן וועג און קאָן מיך נישט דערשלאָגן צו מיין אייגענער שול. ווען איך קלער טעג און וואָכן, וואָלט איך, איך בין מודה, נישט גע־קענט צוטראַכטן אַזאַ איינפאַכע און קלאָרע סיטואַציע, אַזאַ

„אַליבי״ אַן צויטן פאַר מיר און פאַר מיין שירעם אין די אויגן פון אַ פרומען יידישן דאַוונער. און ווייל מיין קלוגער גאַליצישער לאַנדסמאַן האָט פאַרשטאַנען אין וואָס פאַר אַ מצודה איך בין, האָט ער תיכף געהאַט אַן אָרט פאַר מיין פאַראַסאָל. איר וועט אים איבערלאָזן — האָט ער מיר געזאָגט — אין אַ ווינקל אין בית־הכסא און איר מעגט זיכער זיין, אַז קיינער וועט אים נישט צונעמען, ווייל ווען ס׳זאָל זיך אַפילו געפינען, חלילה, אַ ייד, וואָס וועט וועלן עובר זיין אויף „לא תגנוב״ וועט ער עס אָבער נישט קענען אויספירן, ווייל וואָס פאַר אַ מתפלל ביי די נייך־און־ניינציקער וועט אַנרירן אום יום־טוב אַ שירעם? מיין לאַנדסמאַן האָט דערמיט אַנגעוואונקען אויף דעם באַקאַנטן אַנעקדאָט מיט דעם יידן, וואָס האָט באַשלאָסן צו ווערן אַ רוצח און האָט שוין דעם ערשטן מאָרד נישט געקענט אויספירן, ווייל ער האָט זיך טועה געווען און מיטגענומען מיט זיך פון דער היים ס׳מילכיקע מעסער. און אַזוי ווילד און אומגעגראַמט ווי דער אַנעקדאָט איז, באַהאַלט ער אין זיך ערגעץ וואו אַ טיף פינטעלע פון פסיכאָלאָגישן אמת. דער מענטש קאָן צומאָל לייכטער עובר זיין אויף אַ שווערער זינד איידער אויף אַ גרינגער עבירה.

***

ס׳איז נאָך געווען פרי. פון דעם קליינעם טייל דאַוונער, וואָס איז דערוויל געקומען אין שול אַריין, זיצן עטלעכע און קוקן אַריין אין אַ ספר, זאָגן אַ קאַפּיטל תהילים; אַנדערע, ווידער, כאַפּן דערוויל אַ געשמאַקן שמועס, אָבער די מייסטע זיינען פאַרטיפט אין טרינקען טיי. אין ווינקל לעבן „כיור״

שטייט אַ סאַמאָוואַר און ווער עס פּילט אַ באַדערפעניש נאָך אַ ביסל וואַרעמס גייט־צו, צאַפּט זיך אָן אַ ביסל אָקריפּ, באַפאַרבט עס מיט אַ ניעפּ סענץ פונעם טשייניק און ברענגט זיך אַהיים צו זיין באַנק אַ מחיהדיק גלעזל טיי. איך כאַפּ אַ קוק אויף איינעם פון די טרינקערס — אַ קליינגעוויקסיק יידל אין אַ טוכענעם קאַפּעלוש און מיט אַ ווייס, קיילעכיק בערדל — און איך הויב אָן צו צווייפלען אין דער גאַליציש־קייט פון די „אַנשי גאַליציע". וואַרעם ווי קומט עס צו אַ גאַ־ליצישן ייד ער זאָל גאָר זופן דעם טיי פון אַ שיסעלע מעשה פאָניע? איך רוק זיך צו צום טרינקער און פרעג אים וואָס פאַר אַ לאַנדסמאַן ער איז. שטעלט זיך אַרויס, אַז דער טרינ־קער על־פּי מנהג פאָניע איז אַ סאַמאָראָדנער גאַליציאַנער און אַ סאַנדזער חסיד. און נישט נאָר איז ער סתם זיך אַזוי און — גאָרנישט. ניין. ער איז אַ פלאַמיקער פּאַטריאָט פון גאַליצישקייט און פון סאַנדז. אַז דער יונגערמאַן, וואָס זיצט אויף אַ באַנק הינטער אים מישט זיך אַריין אין אונדזער גע־שפּרעך און מיינט, אַז אַ היפּשער פּראָצענט פון די דאַווענערס אין שטיבל זיינען נישט קיין גאַליציאַנער, ווייל עס דער סאַנדזער חסיד נישט צוגעבן. ער באַשטייט אומבאַדינגט דע־רויף, אַז די שול איז אַ גאַליצישע און אַ סאַנדזער.

און ער איז געווען גערעכט. וואָרעם מאַסגיביק פאַר דער גאַליצישקייט זיינען אין דער ערשטער ריי די ברייטע, גרוי־סע, סאָלידע שטריימלעך, וואָס האָבן זיך אַ פערטל שעה שפּעטער געגומען באַווייזן אין שטיבל. אַזעלכע געדיכטע שטריימלעך, וועלכע זיצן אויף מאַסיווע קעפּ ווי גילדערנע קרוינען, וואָס אי זיי וואַזשען אַראָפּ און אי זיי מאַכן העכער, אימפּאָזאַנטער די געשטאַלטן, געדענק איך בלויז אין מיין היימ־

שטאָט פון צוריק מיט דרייסיק יאָר. איך זאָג: צוריק מיט גאַנצע דריי צענדליק יאָר, וואָרעם נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן די געלע פוטער־קרוינען צום גרויסן טייל אָנגעהויבן צו פאַרשווינדן פון פרומע יידישע קעפּ. מ'האָט אויך שבת, אויך יום־טוב און אויך ביי חתונות געשומען טראָגן סאַמעטענע און אַפילו טוכענע קאַפּעלושן. ביי די 99יקער אין ניו־יאָרק באַלאַנגען די שטריימלעך, מייסטנס צו די רבנים. אין שטיבל אויף האָוסטאָן סטריט דאַוונען עטלעכע „איינינקלעך" און עטלעכע רבנים מיט „שוואַכע קאָנגרעגיישאָנס" ד. ה. מיט אָזעלכע שולן, וואו אין מיטן יום־טוב שבועות קאָן זיך מאַכן עס זאָל נישט זיין קיין מנין. און די דאָזיקע „איינינקלעך" און רבנים זיינען דורכאויס גאַליציאַנער, מערב־גאַליציאַנער און זיי מיט זייערע זיידענע זשופּעצעס און סויבלענע שטריימלעך שאַפן דאָס דעם קאָלאָריט פונעם שטיבל. און די פאַרב, די חסידיש־גאַליציאַנער פאַרב ווערט נאָך פאַרשטאַרקט דורך דעם אויסזען פון די רבנישע קינדער, יינגלעך און דערוואַקסענע בחורים.

אַט קומט אַריין אַ בר־מצווה־יינגל אין קורצע הייזלעך. ער האָט אַ ליכטיק קינדיש פּנים און אַ פּאָר זיידענע „שופר־פּיאות", ווי מ'פלעגט זיי זען נאָר אין אונדזערע גאַליציאַנער קאַנטן. ער גייט צו צום „כיור", גיסט אָפּ די קינדערישע הענט מיט טיפן מענערשן ערנסט און נעמט זיך שוין צו דער עבודה. ער שטייט לעבן זיין פאָטער דעם ריגליצער רבי, וואָס ציט, ווי מ'גיט מיר איבער, זיין יחוס פון ר' נפתלי ראָפּשיצערס גזע, און איז אַריינגעטאָן אין דאַוונען מיט גרויס התלהבות. ער שאָקלט מיטן קליינעם געפּאַקטן גוף זיינעם אויף רעכטס און אויף לינקס. און זיינע ליפּן הערן נישט

אויף צו זאָגן. עס שטעקט אַ גבורה אין דעם בר־מצווה־יינגל און ער האָט אַ כוח פון זעלישער קאָנצענטרירונג, מיט וועלכער עס מעג אים מקנא זיין נישט איין דערוואַקסענער. ער איז דער איינציקער מיט אַ קורצן רעקל צווישן די רבנישע קינדער אין שטיבל. עס פעלן אים נאָך אַ יאָר צוויי אָדער דריי ער זאָל קאָנען אָנטאָן דאָס לאַנגע, טראַדיציאָנעלע זשאַקעטל. אָבער דערפאַר טראָגט ער אַ יאַרמלקע, אַ רבנישע, אַ טיפע, וואָס דעקט צו נישט נאָר דעם קאָפּ, נאָר כמעט אויך דעם גאַנצן נאַקן.

און דאָ לעבן מיר האָט זיך אַוועקגעשטעלט דאַוונען ביחידות און אַניאָגן ס׳מנין דעם כזשאַנאָווער רבס עלטערער זון. זיין באַרימטער עלטער־זיידע איז געווען דער סאַנדזער רב ר׳ חיימל האַלבערשטאַם (געשטאָרבן מיט אַן ערך זי־בעציק יאָר צוריק), וואָס האָט ביים סוף פון די זעכציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט פאַרפירט דאָס גרויסע מחלוקת קעגן סאַדאַגערער הויף און קעגן דער גאַנצער רוזשינער גזע. דאָס מחלוקת האָט דעמאָלט אויפגעטרייסלט גאַליציע און האָט דערגרייכט אַזש ביז ירושלים, וואו די רוזשינער חסידים האָבן אויסגערופן אַ חרם קעגן סאַנדזער רבי. און עס האָבן נישט געהאָלפן קיין שום השתדלותן נישט מצד רבנים און נישט אַפילו מצד דעם אייגענעם זון, דעם שפּע־טערן סיעניאַווער רב, וואָס האָבן זיך געוואָלט אַריינלייגן אין שלום צווישן סאַנדז און סאַדאַגערע. דער סאַנדזער רב איז געווען נישט צום בויגן. ערשט נאָך זיין פּטירה האָט זיך די מלחמה ווי עס איז איינגעשטילט. ר׳ חיימל האַלבערשטאַם האָט פאַרמאָגט די אידעאישע אַגרעסיווקייט פון אַ ווילנער גאון און די הייסבלוטיקע קנאות פון אַ חכם צבי און פון זיין

זון ר׳ יעקב עמדין, פון וועלכע ער האָט אָפּגעשטאַמט פון זיין מוטערס צד.

מיט אַ ליידנשאַפט ענלעך אויף דער, מיט וועלכער ר׳ יעקב עמדין האָט גערודפט דעם „שבתי־צביניק״ ר׳ יונתן אייבשיץ, איז דער סאַנדזער רב אַרויסגעטראָטן קעגן סאַדאַ־גערער רבי ר׳ אברהם יאַנקעניו און קעגן זיין געשטרויכלטן ברודער ר׳ בער פון לעאָווע. דאָס חידושלעכע איז בלויז דאָס, וואָס דווקא דער סאַנדזער רב, דער שטרענגער קטיגור ר׳ חיימל האַלבערשטאַם האָט לויט דער חסידישער לעגענדע געזאָלט זיין אַ גלגול פון דעם מילדן און אייביק ליבעפולן סניגור ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער. איז געמאָלט אַזאַ מין זעלישער צונויפשטעל פון קנאות און מענטשלעכער מילד־קייט? מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס פּנים פון דעם סאַנד־זערס אוראייניקל, וואָס איז געזעסן לעבן מיר, האָט אויסגע־דריקט אָט דעם סינטעז. דער אוראייניקל איז געווען אַ בחור פון אַן ערך אַ יאָר צוואַנציק (דאָס לאַנגע זשאַקעטל און דאָס באַוואַקסענע פּנים האָבן אים עלטער געמאַכט) און האָט גע־האַט אין זיין אויסזען אי זעלטענע גוטסקייט, וואָס איז גרייט תמיד נאָכצוגעבן און מוחל צו זיין, און פון דער אַנדערער זייט האָט אין זיין וועלט־פרעמדן בליק געפלאַמט עפּעס אַן אומהיימלעך פייערל פון זיין זיכער מיטן אייגענעם אמת און פון וועלן דורס זיין יעדן וואָס האָט די העזה אָפּצונויגן פון יענעם אמת.

איך האָב מיט דעם יונגנמאַן גערעדט און די גאַנצע צייט הנאה געהאַט פון זיין עכטער נוח־לבריותדיקייט. אָבער אַז ער איז אין משך פונעם שמועס געוואויר געוואָרן אַז איך בין אַ כהן און ער האָט מיך דערנאָך נישט געזען דוכענען, האָט

ער אויף מיר אַ קוק געטאָן מיט קוים פֿאַרהוילענער קאַלט־קייט און צו מיר געזאָגט מיט אַ געצוואונגענעם שמייכל: „השם יתברך זאָל אייך אַרויספֿירן אויפֿן רעכטן שכל". און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך האָב פֿון זיינע ווערטער אַרויס־געהערט האַרטע קנאות, גרייטקייט צו שטראָפֿן, מחרים צו זיין אַלע די וואָס זיינען עובר אויפֿן מינדסטן געבאָט פֿון יידישקייט.

⁂

געדאַוונט פֿאַרן עמוד, וואָס איז צוליב שבועות געווען אָנגעטאָן אין גרינע אָבער שוין האַלב־פֿאַרוויאַנעטע בלעטער, האָט דער לאַנצוטער רב. ער האָט מתיקות אין דער שטים און ער וואָלט געווען אַ זייער גוטער בעל־תפילה ווען ער פֿאַרמאָגט צום קול אויך נגינה. ער דאַוונט נישט לויט אַן איינגעשטעלטן נוסח. ער האָט זיך, ווייזט אויס, זיינע אייגענע קאָמפּאָזיציעס. אָבער די ניגונים זיינע זיינען נישט קיין איינהייטלעכע. זיי זיינען געלאַטעטע, און מען זעט צו שטאַרק אָן די לאַטעס. אַט טענצלט זיין געזאַנג אָפּערעטיש לייכט ווי ביי די וויזשניצער, און אַט, אָן שום איבערגאַנג, האָט ער זיך אַריינגעזונגען אין זשידעטשויווער מאַיעסטעטישקייט. אַט איז ער עלעגאַנט און מוזיקאַליש געטאַקט ווי אַ טשאָרטקאָווער זמר, און איידער וואָס ווען זיינען מיר שוין אויפֿן פּראָסטן שליאַך פֿון סקאַרבאָווע זאָגעכץ. ווען דער בעל־תפילה האָט אָנגעהויבן אַ ניגון האָט זיך דער עולם פֿאַרמאָסטן הנאה צו האָבן, ווייל עס איז, ווי געזאָגט, פֿאַראַן זיסקייט, צוציענדיקע זיסקייט אין זיין שטים, אָבער צוליב די פֿרעמדע מוזיקאַלישע לאַטעס אין דער מיט האָט מען אַלעמאָל אויפֿסניי געמוזט

פרוואון הנאה האָבן — און דער אַלעמאָל אויפסניי מאַכט מיד. סוף כל סוף שטייט מען אָפּ און מען גיט אויף די האָפענונג.

ווייזט אויס אַז דער קלוגער גבאי האָט עס געפילט. ביי שחרית האָט ער עס שוין נישט געקענט פאַרריכטן. האָט ער עס כאַטש געוואָלט פאַרהיטן ביי „יה אלי וגואלי״, וואָס ווערט געזונגען לויט חסידישן מנהג נאָכן לייענען. דער גבאי, אַ הויכער, אַ באַלייבטער, מיט אַ בלאָנדער טיפּיש־קאַצאַפּישער באָרד, האָט זיך אַוועקגעשטעלט לעבן דעם ייד, וואָס האָט איבערגענומען צו זינגען, „יה אלי״, און אים אַלע אַן ערך פופצן מינוט אַזוי צוגעהאָלפן, אַז מען האָט נאָר געהערט דעם גבאי; פון דעם זינגער — קיין איין וואָרט נישט.

אַז עס איז דאָ אַ גבאי אין שול און אַז ער האָט די קאָמאַנדע, האָט מען ערשט געפילט ווען מען האָט זיך גענומען לייענען. קודם האָט זיך דער באַלייבטער ייד אומגעקוקט אין שטיבל, האָט באַמערקט די פרעמדע פּנימער און האָט יעדן פון זיי אָפּגעגעבן שלום־עליכם. ער איז געווען דער איינציקער וואָס האָט דאָס געטאָן, און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער איז מוציא גאַנץ קהל. דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט ביים שולחן און אָנגעהויבן צו פאַרקויפן די עליות. שלישי — אַ האַלבן דאָלאַר, צום ערשטן, צום צווייטן און צום דריטן מאָל. ביים דריטן מאָל האָט ער אַ וואונק געטאָן צו אַ הויכגעוויקסיקן מיטליעריקן ייד מיט האַלב־איינגעפאַלענע, געגאָלטע באַקן, און יענער האָט אַריינגעלייגט אַ צעטעלע לזכר, אַז מען זאָל וויסן ביי וועמען איינצומאָנען נאָך יום־טוב. רביעי האָט מען נישט פאַרקויפט. ס׳איז אַ צו טייע־

רע פּרשה. זי האָט אין זיך די עשרת הדברות. האָט מען צו רביעי אויפגערופן דעם ריגליצער רבי. יעמוד — האָט זיך צעקלונגען דער אויפרופער — מורה מורנו הרב ר׳ יוסף בר מורה מורנו הרב ר׳ אברהם אליעזר. עס איז צוגעקומען מיט סטאַטעטשנע שריט אַ בכבודיקער ייד. ס׳האָט אַ בלענד געטאָן די ברייטע זילבערנע עטרה אויף זיין טלית און עס האָט זיך דערהערט אַ טיפע רבנישע ברכה מיט אַ קוועטש.

לאַנג און פאַרצווייגט, אומענדלעך פאַרצווייגט זיינען געווען דעם גבאיס „מי־שברכס״. אַן אַ שיר נעמען האָט מען אַהין אַריינגעפלאָנטערט: די סאַמע נאָענטסטע און דערנאָך ווייטערע קרובים, פריינד, באַקאַנטע און סתם אין וועמען מען האָט זיך דערמאָנט. צווישן „מי שברך״ און „ונאמר אמן״ זיינען געלעגן אייגנטלעך צען און מער „מי שברכס״, נאָר אָן אַן אָנהויב און אָן אַ סוף. איך האָב באַוואונדערט דעם גבאי מיט וויפיל געדולד ער האָט דאָס געצויגן דאָס „מי־שברך״־טייג ביי יעדער עליה. איך ווייס נישט ווי די אַנדערע מתפללים, אָבער מיך האָט די שפּאַרעוודיקייט געשטערט. די שפּאַרעוודיקייט ביי תפילות און ביי ברכות איז בכלל, מיר דאַכט, אַ פריקרער ענין. „לחכימא די ברמיזא״ (דעם קלוגן איז גענוג אויפן וואונק) איז אַן אויסטראַכטעניש צווישן מענטשן. אַ תפילה צו גאָט מוז זיין פול אין דער כוונה און האָבן אָטעם אין די ווערטער.

מפטיר האָט געקויפט דער כזשאַנאָווער רבס יינגערער זון, און האָט דערנאָך מכבד געווען מיט דער עליה זיינעם אַ חבר, אַ ברייטביינערדיקן אַטלעטישן בחור מיט אַ שיין פאַר־כאַוועט בערדל. עס איז מיר געווען זייער אָנגענעם צו זען

דעם זשעסט פון דעם יונגן בחור צו זיין חבר. איך האָב הנאה געהאַט וואָס יונגע מענטשן פילן דעם טעם פון כיבוד מיט דער תורה. עס מאַכט גלויבן, אַז זיי פילן אויך דעם טעם פון לערנען די תורה.

אַנשי ארם-צובה

אַ טרעפּ פון מרחץ אין שול אַריין. — די ספר־תורה אין אַ פּעסל. — אַ יתום איז עולה לתורה. — דער פּייערלעכער געזאַנג פון „כתר". — ר' עזרא און השם הטוב עזרא. — ווער איז געבליבן געטריי: ישראל צי דער שומר ישראל?

אין סאַמע צענטער פון דער ניו־יאָרקער יידיש־רעדנדי־קער יידישקייט, אין די גאַסן פון אַרום דעלענסי און איסט־בראָדוויי, הענגט כמעט אויף יעדן צווייטן הויז אַ שילד, וואָס זאָגט אָן, אַז דאָרט דאַוונט אַ חברה אַנשי... די שטעט און שטעטלעך, וואָס ווערן אָנגערופן אויף די שילדן, זיינען היי־מישע, פון דער ליטע, פון פּוילן, פון אוקראַינע, און אַפילו נאָך היימישער: פון גאַליציע.

און פּלוצעם אויף עסעקס סטריט, צווישן פענצטער פון אַן ערשטן שטאָק, קומט אייך אַקעגן אַזאַ פרעמדער און

מאָדנער־וויטער נאָמען ווי „אַנשי ארם צובה“. עס האָט זיך אין מיר געריסן אומגלויביק אַרויפצושרייען: פון וואַנעט זענט איר, ליבע לאַנדסלייט? פון וואַנען זענט איר?... פון ארם צובה?... פון יענער שטאָט, וועגן וועלכער עס ווערט געזונגען אין תהילים, אַז יואָב, דער גענעראַל פון דעם גרויסן יידישן דיכטער און קיניג דוד, האָט מיט איר מלחמה גע־האַלטן און „האָט געשלאָגן פון אדום אין טאָל פון זאַלץ צוועלף טויזנט“? אַזש פון דאָרט? פון אַזוי ווייט — צו די ברעגעס פון האָדסאָן?...

איך האָב נישט געשריען. איך האָב זיך גרויסשטאָטיש געצוימט, זיך אויסגעהיט פון דער שאַנד פון „גרינקייט“. אין ניו־יאָרק, דער וועלט־מעטראָפּאָליע, איז אַלץ בנמצא, אַפילו לאַנדסלייט פון ארם צובה.

די חברה „שערי צדק“ פון די יידן, וואָס האָבן אַהער אַריינגעוואַנדערט פון אַלעפּאָ, פון ביירוט און פון קאָנסטאַנ־טינאָפּאָל און רופן זיך דאָ אויף דעם אַלטן תהילימדיקן נאָמען פון אַלעפּאָ: „אַנשי ארם צובה“, געפינט זיך אין אַ שמאָל הויז אויף עסעקס סטריט (נומער 9), אויפן ערשטן שטאָק. איך חזר איבער דעם דאָזיקן טאָפּאָגראַפישן דעטאַל, ווייל יענעם שבת פאַר ראש־השנה, ווען איך האָב באַשלאָסן צו דאַווענען מיט אַחינו בני ישראל פון סיריע, איז פאַר מיר דער ערשטער שטאָק געווען אַ פּראָבלעם ממש נישט צום פאַרענטפערן, ווי אַזוי קומט מען אַריין צו די אַנשי ארם צובה, אַז עס איז קיין אַריינגאַנג נישטאָ? עס זיינען יאָ דאָ צוויי טירן צו דער גאַס, אָבער אויף איינער שטייט געשריבן, אַז ער פירט צו דער „מקוה כשרה לכל בנות ישראל בהשגחת הרב“ און די צווייטע איז מודיע מיט גרויסע קידוש־לבנה־אותיות, אַז דער

אפשר נאָך גרעסערע, אַז דורך איר גייט מען צו דער מאַנסבילישער אָפּטיילונג פון דער טערקיש־רוסישער באָד. איך האָב סוף כל סוף איינגעשטעלט מיט דער מאַנסבילשער טיר און עס איז מיר אָקעגנגעקומען דאָס געוויינלעכע בילד פון אַ פעדערשטן צימער אין אַ מרחץ. ביי דער וואַנט אויף לינקס — אַ לאַנגע, שמאָלע באַנק, אויף וועלכער עס זיינען אויסגעלייגט בעזימלעך, וואָס פון זייער גרין־געלקייט שמייכלט אַרויס אַ סאַדיסטישער פאַרלאַנג צו שמייסן יידישע לייבער. און אויף רעכטס? אויף רעכטס עטלעכע קאַבינעס מיט צונויפגעצויגענע פירהאַנגען, אונטער וועלכע מען גרייט זיך צו דער אָפּשמייסעכץ, אָדער מען איז שוין אַ הייס־אָפּגעשמיסענער און מען ציטערט פאַר קעלט.

וואָס־זשע קאָן די דאָזיקע פּאַנאָראַמע פון מרחץ האָבן צו טאָן מיט דער חברה „שערי צדק" פון די אנשי ארם צובה? הינטער דער לעצטער קאַבינע, ביים אַריינגאַנג, שלענגלט זיך אַ הילצערנע טרעפּ — גלייך פון בית־מרחץ צום בית־תפילה.

איך בין אָנגעקומען שוין שפּעטלעך, כאָטש ס'איז געווען נישט מער ווי עפּעס נאָך ניין אַזייגער. מען האָט שוין געהאַלטן ביי קריאת־התורה. אויף אַ הויכן שטול, וואָס האָט אויסגעזען ווי דער כסא של אליהו אין אַ שול פון דער היימישער גאַליציע, איז געשטאַנען די ספר תורה. געשטאַנען איז אייגנטלעך נישט די ספר תורה, נאָר איר קיילעכדיק הילצערן שטיבל, ווי אַ וויינפעסל. דאָס שטיבל האָט זיך אין דער סאַמע מיט ברייט פאַנאַנדערגעעפנט און אויף דער הינטערשטער וואַנט האָבן זיך געשפּרייט די פאַרמעטענע יריעות. דער בעל־קורא, אַ תימנער ייד מיט דעם קלאַסישן

פּנים פון אַן אָריענטאַל, האָט אויפגערופן מיט אַ ניגון פון אַזאַ געציקלטער אַראַבישער קלאַנגיש, וואָס האָט צוגעדעקט די ווערטער און אַ ניט־געניט אויער האָט זיי נישט געקאָנט כאַפּן. אַז דער גערופענער איז צוגעקומען, האָט ער נישט אַ וויש געטאָן מיטן טלית דעם אָנהויב פון דער פרשה, ווי עס איז דער שטייגער אין אונדזערע היימישע שולן, נאָר ער האָט אַ קוש געטאָן דאָס זיידענע ווייסע טיכל, וואָס איז געווען באַפעסטיקט ביי איינער פון די תורה־קרוינען אויפן אויבערשטן דעק פונעם פעסל און האָט אַריינגעפלאָטערט צום הייליקן פּאַרמעט אין די אינגעווייַדן.

דער תימנער בעל־קורא האָט זיך געזונגען די צוויי קליינע סדרות פון דער וואָך (נצבים־וילך) מיטן ניגון פון אַ פאַרשמאַכטן מדבר־זמרל און איך האָב דערווייל אָנגעקוקט די שול און די דאַוונערס. ס'איז אַ גרויס צימער, אָבער דערפאַר זעט מען נאָך מער אַרויס די אָרעמקייט. דאַוונערס זייַנען דאָ סך־הכל צוועלף: פינף עלטערע און די רעשט ייִנגלעך. די בעל־בתים — דריי פון זיי מיט גלאַט־ראַזירטע לאַנגע פּנימער פון פאַרשוואונדענער אַקטיאָרן־גלאָריע — זיצן אויף דער באַנק אין מזרח. די ייִנגלעך, אויך אין טליתים, — אויף די עטלעכע בענק ביי דער מערב־וואַנט. קיין פרויען זייַנען כלל ניטאָ. און ווען עס פאַלט איינער יאָ איין צו קומען, וואו וואָלט זי זיך אָוועקגעזעצט? ניטאָ קיין עזרת נשים און ס'איז אַפילו ניטאָ וואו אַוועקצושטעלן עטלעכע בענק און צו מאַכן אַ סעפּאַראַטן ווינקל פאַר די פרויען. איבעריקנס, לויט דעם אויסזען פון דער מאַנסבילשער שול, מעג מען זיך משער זיין, אַז די פרויען פון די ארם־צובה־בעלי־בתים ליגט אפשר ניט אין זין זיך אויסצופוצן און צו גיין אין שול

אַריין. האַרעוואַניע און דאגת־פרנסה צווינגען צומאָל זיך אָפּצוזאָגן אַפילו פון אַזאַ פאַרגעניגן ווי צו גיין דאַווענען. איז וואָס־זשע דאַרף מען מאַכן איבעריקע הוצאות פאַר אַן עזרת־נשים?!

ערשט ביי שביעי, ווען דער אויפגערופענער איז געווען אַ ייִנגל פון דער באַנק לעבן מיר, האָב איך געכאַפּט דעם טעקסט פונעם „יעמוד״. „יעמוד — האָט געציקלט אויף זיין מדבר־ניגון דער תימנער בעל־קורא — השם הטוב עזרא אבאדי״. עס איז געווען מן הסתם דערפאַר, וואָס עזראס אויפרוף האָט פון לכתחילה צוגעצויגן צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די דאַוונערס און אויפגעוועקט די פאַרשלאָפנקייט אין שול. עזרא, אַ בחורל פון אַ יאָר זיבעצן אָדער אַכצן, איז געווען אַ יתום. אַז דער בעל־קורא האָט געענדיקט לייענען די פרשה האָט עזרא געזאָגט קדיש. דערנאָך האָט מען געמאַכט אַ „מלא״ פאַרן נפטר און אַ „מי שברך״ פאַר זיינע לעבן־געבליבענע קרובים. עס איז געווען דער איינציקער „מי שברך״ אין משך פון גאַנצן לייענען. און פאַר דער גאַנצער צייט וואָס עזרא איז געשטאַנען ביי דער תורה איז ער געווען אַרומגערינגלט פון אַלע בעלי־בתים. זיי האָבן פון אים קיין אויג ניט אַראָפּגעלאָזט און געהיילט זיין טרויער מיט דער וואַרעמקייט פון זייערע בליקן. עס איז געווען אַ רירנדיקע סצענע פון קאָלעקטיווער אַחריות פאַרן צער פון אַ יתום.

וואָס שייך סצענע, איך מיין סצענישקייט, איז דאָס געווען דער איינציקער טעאַטראַלישער מאָמענט אַרום דער קריאת התורה. ס'האָט געפעלט קודם־כל דער פּאַטעטישער, דערהויבענער זשעסט פון הגבה, פון אויפהויבן די ספר־תורה מיט צוויי שטאַרקע מאַנצבילשע הענט און זיך אויסדרייען מיט

איר אַזוי, אַז ויראה כל העם, דאָס גאַנצע פאָלק זאָל זען די תורת משה אמת אין איר גאַנצער צעוויקלטקייט. מיר געדענקט זיך זייער גוט מיט וואָס פאַר אַ מינע פון אַ טריאומפאַטאָר עס פלעגט זיך דערנאָך אַוועקזעצן דער בעל־הגבה. און נאָך אָט דעם מאָמענט פון פאַטאָס איז געקומען די לירישקייט פון גלילה. די גרויסע, מעכטיקע תורה איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קינד, אַ ציטערדיקס, וואָס די כנסת ישראל טוט איר אָן דאָס העמדל מיט מאַמעשער זאָרג און מען הערט זי ניט אויף צו טוליען צו זיך, צו האַלדזן און צו קושן ביז — ביז מען שטעלט זי אַוועק זיך אָפּרוען אין קאַסטן פון הייליקייט.

דאָ, ביי די לאַנדסלייט פון ארם־צובה, האָט געפעלט די דאַזיקע טעאַטראַלישקייט. אָפּגעלייענט — אַוועקגעלייגט דעם זילבערנעם טייטל אין אַ זייט, פאַרוואַרפן אַרויף דאָס זיידענע ווייסע טיכל, צוגעמאַכט דאָס פעסל און עס אָן שום ווייטערע צערעמאָניעס אַריינגעשטעלט אין אָרון־קודש. די ספר־תורה פאַרלירט דאַדורך פון איר פאַרמעטענער אַרכאַאישקייט, פון איר — ספר־תורהדיקייט. זי ווערט נישט מער ווי אַ שיין־געבונדענער, אין פאַרצירטע טאָוולען געבונדענער ספר, וואָס אָט האָט מען אין אים אַריינגעקוקט, און אָט שוין מיט איין דערלאַנג פון האַנט גלייכגילטיק צוריק אַריינגעשטעלט אין אַלמער.

איז טאַקע די צערעמאָניע אַרום קריאת־התורה איז אונדזערע מזרח־אייראָפּעאישע שולן ברייטער אין זשעסט, סצעניִשער און מיט מער געמיט. אָבער דערפאַר האָט מיך דאָ, אין דער אָרעמער שול פון די סירישע יידן, פאַרכאַפּט און צו מיר זייער אַפּעלירט די יעמוד־פאָרמולע. ביי די אַשכנזים

ווערט דער טראָפּ געלייגט מער אויפֿן אינטעלעקטועלן ווערט פֿונעם מענטש. יעדער עולה־לתורה, תלמיד־חכם צי עם־הארץ, איז אַ „רעב״, און דער דאָזיקער „ר׳ ״ האָט אין זיך אַ שטאָך חוזק פֿאַרן פּראָסטן יידן. ער מוז זיך פֿילן שלעכט מיט דעם ניט־פֿאַרדינטן טיטל, און אויב זיין אויער איז אַ סענסיטיווער, וועט ער אַרויסהערן פֿון אים אַ טאָן פֿון איראָניע. און עס איז שוין צו שפּעט, ער זאָל זיך נעמען לערנען, ווערן אַ למדן און זיך פֿאַרדינען דעם טיטל. עס איז צו שפּעט, סיידן — סיידן ער האָט אין זיך דעם שטאָף, יענעם אויסערגעוויינלעך זעלטענעם שטאָף, פֿון וועלכן עס ווערן געשאַפֿן די ר׳ עקיבאס. דער פּשוטער ייד, דער שוסטער, דער שניידער און דער בעל־עגלה, וואָס לערנען קען ער ניט, אָבער איז פֿרום צו גאָט, און נאָך מער היט ער די מצוות פֿון מענטש צו מענטש, ער הויערט אַ הילפֿלאָזער אונטער דער לאַסט פֿון איראָנישקייט, מיט וועלכער עס איז פֿאַר אים איבערגעלאָדן דער טיטל „ר׳ ״.

דער אויפֿרוף אָבער „השם הטוב״ (דער גוטער נאָמען) שטרייכט אונטער דאָס מאָראַלישע פּינטעלע אין דעם מענטש. דער „גוטער נאָמען״ מיינט צו זאָגן, אַז כבוד פֿאַרדינט ניט אַזוי דער ייד דער בעל תורה, ווי דער ייד דער בעל מדות. און „השם הטוב״ קאָן איראָניש נאָר אַ ביס טאָן יענעם גביר, וואָס פֿאַרמאָגט אַלץ: געלט, תורה און אַפֿילו פֿרומקייט, נאָר וואָס עס פֿעלט אים איז אַ גוטער נאָמען צווישן מענטשן. איך זאָג, אַז אַפּחוזקן קאָן אַזאַ אויפֿרוף נאָר פֿון אַ גביר, וואָרעם אַן אָרעמאַן מיט אַ שלעכטן נאָמען — ווער גיט אים דען כבוד?

„השם הטוב״ אָטעמט סאָציאַל, ווייל ער פּאַסט זיך צו צו

די מאַראַלישע מעגלעכקייטן פון אַלע — לומדים און עם־הארצים — און ער סטימולירט זיטלעך, וואָרעם אַ גוטן נאָמען קאָן יעדער דערגרייכן און עס איז קיין מאָל ניט צו שפּעט פאַר אים צו אַרבעטן און אים צו פאַרדינען.

אַ ביסל אומפאַרשטענדלעך איז פאַר מיר אין דער אויפרוף־פאָרמולע געווען וואָס זי לאָזט אויס דעם נאָמען פונעם פאָטער. עס איז עולה צו דער תורה נישט עזרא בן פלוני, נאָר עזרא מיט זיין בירגערלעכן פאַמיליע־נאָמען אַבאַדי. ביים אַרויסגיין פון שול האָב איך דעם בעל־מוסף רפאל בן יוסף (אַזוי האָט ער זיך פאַר מיר פאָרגעשטעלט) געפרעגט, וואָס איז דער טייטש דערפון, און ער האָט מיר געגעבן אַן ענטפער אַן ערנסטן, פון וועלכן איך האָב נישט געקענט אויפהערן שמייכלען. מיר האָבן אַ מסורה — האָט מיר רפאל געזאָגט, — אַז זיכער איז מען נאָר וואָס שייך דער מאַמען, אָבער ניט דעם טאַטן. האָט עס דערפאַר ניט קיין זין אויפצורופן אַ נאָמען, וואָס ס׳איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט — אַ קליינע, די סאַמע קלענסטע, אָבער דאָך אַ מעגלעכקייט — אַז ער זאָל זיין פאַלש.

איך האָב אַוודאי נישט פּראָטעסטירט קעגן אַזאַ מסורה, ווייל כ׳האָב געזען, אַז דער בעל־מוסף פון „שערי צדק" איז צו שטאַרק פאַרגלויבט אין איר, און איך האָב אים ניט געוואָלט מצער זיין מיט איבערשפּאַרעניש, נאָר געטראַכט האָב איך מיר, אַז דער מנהג קאָן האָבן אַ סך טיפערע און אפשר גאָר פלאַכערע היסטאָרישע וואָרצלען, וואָס איז כדאי אויסצופאָרשן. און מיין מיטשמועסער, וועלכער האָט מיך באַגלייט אַ שטיקל וועג צו איסט־בראָדוויי, איז טאַקע, ווי איך האָב מיך איבערצייגט, אַ גאַנץ פיינער בעל־תפילה, אָבער וואָס

שייך אינפאָרמאַציע וועגן מנהגים איז מיר אויסגעקומען (טאָמער בין איך מיך טועה, בעט איך אים ער זאָל מיר פאַרגעבן), אַז מען קאָן זיך אויף אים נישט פאַרלאָזן אינגאַנצן און אַפילו ווייניקער ווי אינגאַנצן.

מען וועט פרעגן: וואָס באַוואָרן איך זיך אַזוי מיט אַן אַנטשולדיקונג? לייענט דען רפאל, דער בעל־מוסף, יידיש, אָדער איז אפשר אַן אַנדערער פון די אנשי ארם צובה אַ יידיש־לייענער? דער ענטפער: ווי עס זעט אויס די באַציאונג פון רפאל און זיינע לאַנדסלייט צו דער יידישער פרעסע ווייס איך ניט. ס'איז געווען אַ טעמע, וואָס איך האָב מיט אַ כיוון אויסגעמיטן, אָבער אַז ער און נאָך איינער פון די דאַוונערס אין דער „שערי צדק" זיינען גוטע יידיש־רעדערס, דאָס האָב איך געהערט. אַז מען וואוינט אויף דער איסט־סייד, האָט מיר רפאל געגעבן צו פאַרשטיין, לערנט מען ס'לשון פון די פויליש[ע] יידן. איך בין געווען — כ'בין מודה — באַגייסטערט פון דעם כוח פון אַסימילירונג, וואָס יידיש פאַרמאָגט נאָך צווישן יידן.

אמת איז, אַז די לאַנדסלייט פון „ארם צובה" אויף עסעקס סטריט, זיינען דורכאויס אָרעמע מענטשן, הכנעהדיקע און האָבן דערפאַר אפשר אַ באַדערפעניש זיך צוצוטוליען וואָס נעענטער צו דער מערהייט יידן, וואָס וואוינען אין זייער געגנט. די סירישע יידן פון ברוקלין — האָט מיר פאַרזיכערט דער בעל־מוסף רפאל — זיינען רייך, האָבן אַן אייגענע גרויסע שול אויף דער צוואַנציקסטער עוועניו דאָרט און — ער האָט ניט דערזאָגט, אָבער כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז זיי מוזן נישט אָנקומען צו יידיש.

מוסף האָט מען געדאַוונט גיך. רפאל האָט געזאָגט און

דער עולם האָט זעלטן נאָכגעזאָגט. עס האָט נישט געהערשט קיין האַרמאָניע צווישן בעל־תפילה און עולם. דער פאַרן עמוד דאַוונט אַזוי ווי פאַר זיך, מיט אַן אייגענעם ניגון, און די אויף די בענק — זיי האַלטן כמעט דורכאויס אין איין שווייגן. כמעט — וואָרעם אַז עס קומט צום ערשטן פסוק פון „כתר יתנו לך" האָבן זיך די בעלי־בתים און די יינגלעך געגעבן אַ שטעל אויס אין צוויי רייען ווי אַ כאָר און גענומען זינגען די ווערטער מיט ברייטקייט און מיט גרויס חשיבות. דער ניגון איז געווען אַ פייערלעכער, אַן ערנסטער, אַ גע־הויבענער און אַ שפּעדיקער. אָרעמע עמיגראַנטן פון דער ווייטער אַלעפּאָ האָבן אין אַ צימער איבער דער טערקיש־רוסישער באָד אויף עסעקס סטריט געכוואַליעט אַ לויב־געזאַנג צום גרויסן גאָט פון ישראל. די לאַנגע פאַרבליטע פּנימער פון די אנשי ארם־צובה האָבן אין דעם מאָמענט אָנ־דערש אויסגעזען. אַן מליצה: זיי האָבן געשיינט מיט פרומקייט און האָבן געגליט פון געטריישאַפט צו דעם, וואָס לעבט אייביק.

ווען איך האָב מיך דערנאָך צעשיידט פון רפאל בעל־מוסף האָב איך נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן יענעם פייערלעכן מאָמענט פון „כתר" און עס איז מיר אויסגעקומען עפּעס ווי אַ ביטערער חוזק דאָס, וואָס דער בעל קורא האָט אַרויסגעלייענט צו די דאָזיקע יידן ביים סוף פון דער סדרה „וילך": „און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: זע, דו לייגסט דיך מיט דיינע עלטערן און דאָס דאָזיקע פאָלק וועט אויפשטיין און זיך אָפּקערן נאָך די געטער פון די פרעמדע פון דעם לאַנד — — און עס וועט מיך פאַרלאָזן און פאַרשטערן מיין בונד, וואָס איך האָב געשלאָסן מיט אים".

אַ האַרטע, אַ בייזע נבואה און — אַן אומגערעכטע. וואָרעם האָבן דען אַט די יידן פון אַלעפּאָ ביז ניו־יאָרק נישט גע־האַלטן דעם בונד אין עלנט פון וואַנדערונג און אין אָרעמ־קייט פון באַזעצט זיין?

און נאָך האָט ער געלייענט דער בעל קורא: „און אַצינד שרייבט אייך אויף דאָס דאָזיקע געזאַנג, און לערן עס אויס די קינדער פון ישראל — — כדי דאָס דאָזיקע געזאַנג זאָל מיר זיין צום עדות קעגן די קינדער פון ישראל".

אַז איך בין אַהיימגעקומען, האָב איך זיך צוגעכאַפּט צום געזאַנג פון „האזינו", געוואָלט אויפפרישן אין זכרון די פּאָע־טישע שורות פון משהס „ווערטער צו גאַנץ ישראל". און איך האָב געלייענט:

„ער האָט אים (יעקבן) געפונען אין מדבר־לאַנד,
און אין וויסטן געוואָי פון דער ווילדעניש
אים אַרומגערינגלט, אים אויפגעפּאַסט
אים אָפּגעהיט ווי אַן אויגאַפּל".

(ובתהו ילל ישמון, יצרנהו כאישון עינו).

האָט ער טאַקע אַזוי געהיט זיינע דינערס און לויב־זינגערס פון ארם צובה, פון מאַגענצא, פון וואָרמייזיע און פון וואַרשע, דער וועכטער פון ישראל? דער באַרדיטשעווער ז"ל וואָלט זיכער געהאַט דעם מוט צו זאָגן ווער עס איז גע־בליבן גערעכט און געטריי: ישראל, צי דער שומר ישראל?

בר־מצווה אין אַ רעפאָרמירטן טעמפּל

אַ פאַרזאַמלונגס־זאַל. — דריי וואָזעס מיט ווייסע ליליעס. — דער ראַבאַי, דער געניטער פאָרזיצער. — דיסציפּלינירטע זעלנער אין ראַבאַיס טעמפּל. — אַ ייד קרעכצט פאַר תענוג. — די טיפע סימבאָלן פון דער הפטורה.

דער טעמפּל פונעם „יידישן צענטער" אין פאָרעסט הילס זעט אויס נישט אַנדערש ווי אַ פאַרזאַמלונגס־זאַל. נישטאָ קיין מזרח און נישטאָ קיין עזרת נשים. אויף צוויי רייען בענקלעך זיצן אויסגעזעצט מאַנסבילן און פרויען אין איינעם — אַלע מיטן פּנים צו דער טריבונע. אויף דער טריבונע, ביי אַ ברייטן, סאָלידן רעדנער־פּולט, וואָס איז אי עמוד און אי שולחן, שטייט דער חזן, אַ ייד מיט אַ כלי־קודש־היטל און מיט אַ פליגן־בערדל — מיטן פּנים צום עולם. ביי דער הינטערשטער וואַנט אויף דער בינע, וואו עס באַ־

האַלט זיך אונטער שווערע פּאָרהאַנגען אַן איינגעבויטער אָרון־קודש, זיצט אויף אַ בענקל דער יונגער, שלאַנקער, גלאַט־ראַזירטער ראַבאַי.

ס'איז פֿאַראַן אָרדענונג און שטילקייט אין זאַל. דער חזן זינגט פֿאַר די תּפילות און דאַרט, וואו דער עולם דאַרף לויט פֿאַרשריפֿט אונטערכאַפּן דאָס געזאַנג און אַרויסהעלפֿן דעם חזן, ווערט דאָס געטאָן אין בעסטן סדר. עס איז גלייך די מאַנסבילן און די פֿרויען אויף די בענקלעך זאָלן זיין נישט גלאַט מתפּללים, נאָר עפּעס אַן איינגעלערנטער כאָר. קיין יחידישע קאַפּריזן גילטן דאָ נישט. ס'איז נישטאָ דאָ דער וואויל־באַקאַנטער וויל־איך־דווקא־אויסלאָזן דעם פּסוק מיט אַ קוועטש אַ האַלבע מינוט שפּעטער. אַלע הויבן גלייך אָן און אַלע לאָזן גלייך אויס. דער יונגער ראַבאַי איז זייער מקפּיד אויף דיסציפּלין און זיין אויער איז, ווייזט אויס, שפּירעוודיק און דין. אַ ליאַדע אַרויסטריט פֿון דער ריי מיט אַ פֿאַרשפּע־טיקטן שאַרך אין קול דערטראָגט זיך צו אים און דער מינד־סטער געשושקע צווישן צוויי פֿרויען, וואָס עס איז זיי נמאס געוואָרן דער ערנסט פֿון אַריינקוקן אין סידור, פֿאַרטשעפּעט זיין געהער מיט שטערעניש.

און ער פֿאַרמאָגט כּוח פֿון אויטאָריטעט, דער יונגער ראַבאַי. ער איז אַ פֿאָרזיצער, וואָס קען רופֿן צו אָרדענונג און איינשטילן ווידערשפּעניקע אַן איבעריקע רייד און אַן איבעריקע זשעסטן. ער הויבט זיך אויף פֿון זיין בענקל העט טיף אויף דער בינע לעבן אָרון־קודש, דערנענטערט זיך מיט דריבנע טריט און מיט אַ שטרענגקייט אין דער האַלטונג, וואָס גיט אים דעמאָלט דעם אויסזען פֿון אַ פֿרומען קאַטוילישן גלח, צום ראַנד פֿון דער טריבונע און בלייבט שטיין אַ שטום־

פּאַרעקשנטער לעבן חזן. אָבער דאָס איז שוין גענוג. די מאַנס־בילן און די פרויען אויף די בענקלעך דערפילן די ניט אַרויס־געזאָגטע מאַנונג־ און שטראָף־רייד און — עס ווערט אָפּגע־ווישט אויך דאָס לעצטע שטויבעלע פון אומדיסציפּלין.

דעם שבת — סדרה בהר — האָט דער ראַבאַי זיך היפּשע עטלעכע מאָל געמוזט אויפהויבן פון זיין זיץ און וואַנדערן נאָך פאַרנט־צו מיט שוויגעניש. ס׳איז דאָס מאָל געווען אַ סך מער עולם און צום גרויסן טייל פרעמדער עולם. דריי הויכע וואַזעס מיט ווייסע ליליעס זיינען געשטאַנען פאַר דער טריבונע און האָבן דערציילט דעם אַריינקומער, אַז היינט וועט מען דריי מאָל לייענען מפטיר פאַר דריי בר־מצווה בחורים.

און אָט זיינען זיי טאַקע די דריי קאַנדידאַטן, וואָס וועלן באַלד אויפגענומען ווערן אין פאַרבאַנד פון דערוואַקסענע און וועלן מסתמא צוזאָגן צו טראָגן דעם עול פון יידישע מצוות און פון יידישן גורל. צווישן קאַפּעליושן דאַרע און ווייכע און צווישן קאַפּעלעך פון סאַטין און פון שוואַרצן פּאַפּיר סטאַרטשען אַרויס די דריי בר־מצווה־קעפּ מיט ווייסע שפּי־ציקע שטאָף־יאַרמעלקעס.

איך קוק מיך איין אין די יינגלעך, איך לאָז נישט אַראָפּ קיין אויג פון זיי. זייערע פּנימער זיינען רואיק. זיי פאָלגן נאָך דעם „סוירוויס״ מיט ניט־וויניקער זיכערקייט ווי די דער־וואַקסענע. וואָרעם וואָס איז דאָ וואָס מורא צו האָבן? דער ראַבאַי באַזאָרגט שוין אַלץ. מען דאַרף אַפילו ביים שכן נישט פרעגן וואו מען האַלט. דער ראַבאַי קומט אַרויס און זאָגט אָן דעם עולם ער זאָל אויפמישן אין „פרעיער־בוק״, אויף זייט 225 און לייענט מיט זיי, ווי אַן אָפּפרישונג פון דעם ביז

איצטיקן העברעאישן טעקסט פון דאַוונען, אַ זייטל קלוגע לעבנס־שפּרוכן אויף ענגליש. דער ראַבאַי זאָגט צוויי שורות, פון וועלכע די ערשטע דערציילט, אַז „דאָס מויל פון דעם געדעכטן איז אַ קוואַל פון לעבן". ענטפערט אים דער עולם מיט אַנדערע צוויי, וואָס די ערשטע פון זיי האַלט, אַז „די צונג פון אַ גערעכטן איז געגליכן צום בעסטן מין פון זילבער". און אַז דער ראַבאַי ווענדט זיך ביים סוף מיט אַ ספּעציעלער מעלדונג צו די יתום־קדישים, מיינט ער אויך נישט זיי מטריח צו זיין. ער אַליין זאָגט פאַר זיי דעם קדיש און זיי זיינען בלויז יוצא מיטן שטיין. און וואו איז — האָב איך אַ טראַכט געטאָן — דער צופּ אין האַרץ פון יתום, וואָס ווערט געוועקט דורך דעם עכאָ פונעם קדיש־וואָרט אין אייגענעם מויל?

ווייל אַלץ ליגט אויפן ראַבאַי און דער פּשוטער מיטגליד פון דער „קאָנגרעגיישאָן" האָט נישט מער צו טאָן ווי צו זיצן רואיק אויף זיין בענקל און העכסטנס איין מאָל אין עטלעכע שבתים צו מאַכן אַ ברכה איבער דער תורה — ווייל עס ווערט אַזוי ווייניק פאַרלאַנגט פונעם דערוואַקסענעם, וואָס־זשע זאָל זיך שוין שרעקן דער בר־מצווה־בחור?

און מיר האָט זיך יענעם שבת אין רעפאָרמירטן טעמפּל פון פאָרעסט־הילס אויסגעדאַכט, אַז דער „סוירוויס" מיט דעם „פּרעיער־בוק" האָבן נישט נאָר באַפרייט דעם יידישן יחיד פון פּערזענלעכער טוּונג ביים רעליגיעזן ריטואַל, נאָר זיי האָבן אים אויך געגעבן פולשטענדיקע וואַקאַציע פון אינדיווידועל־רעליגיעזער עמאָציע. וואָרעם אויב אַ ייד, אַ מיטגליד פון אַ רעפאָרמירטער קאָנגרעגיישאָן, זאָל האָבן אַ באַדערפעניש אין אַן עת צרה צו בעטן פאַר זיך און זיינע קינ־

דער צו דעם גרויסן גאָט פון ישראל, וואו קען ער אים העכסט־פערזענלעך דערגרייכן? די טאַטעס און די זיידעס פון די איצטיקע מתפללים אין פאָרעסט־הילס־טעמפל האָבן דאָס אי־בעריקע מעסטל פון רעליגיעזער עמאָציע (און דאָס איבעריקע איז דאָך אין דעם פאַל דאָס יחידישע, דאָס נאָרמאַלע) אויס־געלאָדן אין די אייגענע קנייטשן פון די תפילות, אין דעם אומדיסציפלינירטן געשריי און אין דעם ספּאָנטאַנעם קרעכץ. די מאַמעס און די באָבעס פון די פרויען, וואָס האָבן אין טעמפל פון סטעפּאָרד סטריט אין קווינס אָראָפּגעגנידערט פון דער עזרת נשים אויף די בענק פון די מאַנצבילן, האָבן פאַר זיך און פאַר זייער הויז־געזינד געריסן דעם אָרון־קודש, געמאָסטן פעלדער און זיך אויסגעוויינט זייער אייגענעם געוויין ביי ליכט־בענטשן און ביי „גאָט פון אברהם״ צווישן שבת און וואָך.

און זיי, די מיטגלידער פון דעם „יידישן צענטער״ אין קווינס, זיינען הילפלאָז. זיי זיינען אין אַלץ אָנגעוויזן אויפן ראַבאַי, אויפן „סוירוויס״, וואָס דאַרף דעקן אַלץ און האָט נישט קיין פּלאַץ פאַר אינדיווידועלע באַזונדערקייטן. צווישן חסידים און מתנגדים זיינען געווען פרומע און זייער פרומע, אָפּגעהיטע און לפנים משורת־הדין אָפּגעהיטע, קאָרעקטע און עקסטאַטישע מצווה־טוערס. ביי די רעפאָרמירטע זיינען אַלע פערזענלעכע גרענעצן פאַרווישט געוואָרן. עס זיינען נישטאָ קיין מער אָדער ווייניקער פרומע. אַלע זיינען גלייך פּאַסיוו באַטייליקט אין רעליגיעזן ריטואַל און זיי האָבן אַפילו נישט די פּריווילעגיע, וואָס להבדיל דער קאַטוילישער קלויסטער גיט זיינע פרומע, די פּריווילעגיע אַריינצוגיין ווען ס'איז

אין גאָטס הויז, זיך אָװעקשטעלן אין אַ װינקל און זיך אָפּ־װיינען און אָפּתפּילהן פון האַרץ.

די גאָט־בענקשאַפט, די גאָט־מורא און די גאָט־ליב־שאַפט — אַלץ דאָס, װאָס מיר רופן מיטן שם הכולל: דאָס רעליגיעזע געפיל, איז דאָ אין רעפאָרמירטן ייִדישן טעמפּל גלייך צוגעשוירן געװאָרן. עס איז נישט אַנדערש װי דאָס גראָז אויף די שיינע גרינע לאַנקעס אויף די רייכע און ריינע גאַסן אַרום דעם טעמפּל. אָרדענונג איז דאָרט פאַראַן און דיסציפּלין, אָבער עס איז פאַרבאָטן די עקסטראַװאַגאַנץ פון װאַקסן. עס הערשט דאָרט װייניקער דער רבונו של עולם און מער דער גערטנער...

באַדויערט האָב איך דער עיקרשט די בר־מצװה־בחורים. ביי זיי האָט אַזאַ גלאַטיקער און רעליגיעז־אויטאָריטאַרער ריטואַל געמוזט אָװעקהרגענען זייער אינטימען חלום פון גייסטיקער מענערישקייט. ייִנגלעך אין די יאָרן טרוימען דאָך פון זעלבסטשטענדיקייט און פון באַזונדערע גבורות, װאָס „איך װעל אויפטאָן װען איך װעל זיין אין דער מדרגה פון דערװאַקסענע״.

איך דערמאָן זיך אין מיינע בר־מצװה־חלומות פון צו־ריק מיט עטלעכע און דרייסיק יאָר. מיט מיינע תפילין און מיט מיין דוכענען האָט זיך מיר אויף אַ פולן אמת אויסגעדאַכט װעל איך קענען אויפטאָן אַ סך מער װי מיין טאַטע און אַפילו װי מיין גאַר־פרומער זיידע. איך װעל מיך אַריינרייסן — האָב איך געטרוימט — מיט מיינע תפילות און מיט מיינע כװנות אַזוי הויך, אַז איך, דװקא איך, װעל אויספּועלן אַ פּרנסה פאַרן זיידן און אַ גוטע שדוכים פאַר זיינע טעכטער. און װען מיין זיידע ע״ה האָט מיר אין איינעם אַ נאָך־

שבועותדיקן מיטוואָך אָנגעטאָן די תפילין און מיט טרערן אין די אויגן היפשלעך איינגעצויגן די רצועות פון מיין של יד, אַזוי אַז ס'האָט אַזש וויי געטאָן, דאַכט זיך מיר הייגט, אַז יעדער צי מיט דער רצועה האָט געמיינט: פאַרלאָז דיך ניט, מיין אייניקל, אויף שמעון ראטס שיין טערערעלקען ביים עמוד און אַפילו נישט אויף פּיוּויש האָלאָפּיעטניקס ממעמקים־געשרייען ביים דאַוונען. איצט מוזטו נעמען קלעטערן אויף דיין אייגענעם וועג צו גאָט, ברוך הוא, מיט דיינע אייגענע רמ"ח אברים און אויף דיין אייגן אחריות.

איך בין דעמאָלט זיכער געוואָרן אַ בר־מצווה. די אָט־מאָספּערע פון דער קלויז, וועלכע האָט מיך פּראָקלאַמירט פאַר אַ מצוות־טראָגער באַגלייך מיט אַלעמען, האָט אין מיר ווי ביי אַלע מיינע חברים געוועקט רעליגיעזע זעלבסטשטענ־דיקייט. דער ריטואַל פונעם רעפאָרמירטן טעמפּל איז, ווי מיר דאַכט זיך, ניט בכוח צו מאַכן פון די דרייצן־יאָריקע יינגלעך טאַקע זעלבסטשטענדיקע בר־מצוות. ער סטימולירט זיי בלויז צו ווערן דיסציפּלינירטע זעלנער אין ראַבאָיס טעמפּל־אַרמיי.

אַז מען האָט אַוועקגעלייגט דאָס ספר אויפן שולחן און אַ קליינער, ברייטביינערדיקער ייד אַן אַ סימן באָרד אויף זיין פּנים האָט מיט אַ וואונדערלעך־שאַרפער שטים און מיט מו־זיקאַלישער פּינקטלעכקייט גענומען לייענען: "און גאָט האָט גערעדט צו משהן אויפן באַרג סיני, אַזוי צו זאָגן: רעד צו די קינדער פון ישראל און זאָלסט זאָגן צו זיי" (וידבר ד' אל משה בהר סיני לאמור דבר אל בני ישראל ואמרת אליהם), האָט איינער אַן עלטערער ייד פון די הינטערשטע רייען עובר געווען אויף דיסציפּלין און אַ טיפן האַרצרייסנדן קרעכץ

געטאָן. אַלע האָבן זיך אומגעקוקט. דער ראַבאַי האָט אַ שפּיזל געטאָן מיט זיין בליק אין זאַל אַריין, אָבער דער עלטערער ייד האָט נישט אַרויסגענומען די אויגן פון חומש. ער האָט נאָכגעפאָלגט דעם בעל־קורא. איך האָב קודם געמיינט, אַז דאָס האָט זיך אַ ייד עלעהיי הערש פוזער אין דער שטאָט פון מיין קינדהייט דערשראָקן פאַר דעם, וואָס משה רבנו גייט צו אים זאָגן אין גאָטס נאָמען, אָבער איך האָב בפירוש גע־האָט אַ טעות. ביים אַרויסגיין פון טעמפּל בין איך געווען אַ בעלן צו פאַרפירן מיט דעם זקן אַ שמועס און פון די שבחים, וואָס ער איז נישט מ״ד געוואָרן נאָכצוזאָגן דעם בעל־קורא האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דער קרעכץ זיינער איז געווען אַ קרעכץ פון תענוג. ער האָט אַ זיפץ געטאָן, דער אַלטער, ווי איינער זאָגט: אַי וועט דאָס זיין אַ פאַרגעניגן צו הערן לייענען — אַ מחיה. און ער איז געווען אין גאַנצן גערעכט. דער קליינער, ברייטביינערדיקער ייד אָן אַ סימן באָרד אויף זיין פנים האָט אַוועקגעלייגט אַ לייענעכץ, וואָס איז געווען גוט און געשמאַק און האָט מיך דערמאָנט אין דעם בעל־קורא פון מיינע יינגל־יאָרן, אַן יואל־מאיר פרייז, וואָס האָט פערציק יאָר שבת פאַר שבת געלייענט די תורה פאַר יידן פון דער קאָלאָמייער ר׳ איציקל־קלויז און זיי קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו פאַרחידושן מיט דעם זעלטענעם חתוך הדבור זיינעם און מיט דער מתיקות פון זיין שטים.

שוין צוליב דעם בעל־קורא האָט זיך געלוינט צו דאַוונען יענעם שבת אין רעפאָרמירטן טעמפּל פון קווינס. ביז מפטיר איז דער בעל־קורא געווען אי דער אויפרופער און אי דער לייענער. דערנאָך האָט די אויפרוף־קאָמאַנדע איבערגענומען דער חזן, אַן אָדעסער ייד, וואָס האָט געקרייזלט דעם „יעמוד״

פאַר די בר־מצווה־בחורים מיט אַ דריי־גאַרנדיקן געקרייזל. די בר־מצווה־ייִנגלעך האָבן געהאַט אַ שווער שטיקל אַרבעט. דער ניגון פון דער ברכה, וועלכן מען האָט מיט זיי איינגע־לערנט, איז געווען אַ היפשלעך קאָמפּליצירטער. אָבער יעדער פון די דריי האָט דעם זמר דורכגעפירט בשלמות. דערנאָך, אַז מען איז פאַרטיק געוואָרן מיטן לייענען און מיטן נאָכאַמאָל און נאָך אַמאָל איבערלייענען דעם מפטיר, האָט מען זיי אַלע דריי אויסגעשטעלט ביים שולחן אין איין ריי און צווישן זיי פרידלעך איינגעטיילט די הפטורה.

די בר־מצווה־ייִנגלעך — איצט קען מען קלאָר און באַנאַנד זען זייערע פּנימער. דער פון רעכטס — אַ שאַרף־געשניצטער קאָפּ פון אַ לערנער, אַ בעל־מוח, וואָס קען פרעגן קשיות, וועלכע עס וועט שווער זיין צו פאַרענטפערן. דער פון לינקס — איידעלער טרויער שטראַלט אַרויס פון זיין בליק, און דער אין דער מיט, וואָס דער חזן האָט אים אויפ־גערופן הבחור הבר־מצווה יהושע ב״ר אברהם — זיין פּנים שפּילט מיט אַלע פאַרבן פון פאַנטאַזיע. זיינע פאַרטרוימט־גליקלעכע גרויסע אויגן שוועבן, דאַכט זיך, ערגעצוואו אַרום אין כישוף־לאַנד פון געלייענטע אָדער אַליין באַשאַפענע מעשהלעך.

די הפטורה איז פון קאַפּיטל 32, ירמיה. איינער פון די ייִנגלעך לייענט: „און איך האָב אָפּגעקויפט דאָס פעלד פון חנמאל, מיין פעטערס זון, וואָס אין ענתות און איך האָב אים אָפּגעוואויגן דאָס געלט, זיבן שקל און צען זילבער". יאָ, איך געדענק: און ער האָט געהייסן אַריינלייגן דעם געשריפט פון שטר־מכירה אין אַ ליימענעם טאָפּ, כדי דאָס פּאַפּיר זאָל זיך וואָס לענגער אויפהיטן, „וואָרעם — כאַפּט אונטער אַ צוויי־

טער פון די בר־מצווהס זיין טייל הפטורה — אַזוי האָט גע־זאָגט גאָט ד׳ פון צבאות, דער גאָט פון ישראל: עס וועלן נאָך געקויפט ווערן הייזער און פעלדער און ווייַנגערטנער אין דעם דאָזיקן לאַנד״ (כי כה אמר ד׳ צבאות אלהי ישראל עוד יקנו בתים ושדות וכרמים בארץ הזאת).

אַ שפע מיט „גוטע פסוקים״ אין דער הייַנטיקער סדרה און אין דער הייַנטיקער הפטורה. אין דער סדרה רעדט זיך פון „אויסרופן אַ פרייַלאָזונג איבערן לאַנד״ און עס האַלט זיך אין איין שטעלן די נאָגנדיקע סאָציאַל־מאָראַלישע פראַגע „וכי ימוך אחיך״ (און אַז דייַן ברודער וועט אָרעם ווערן) און די הפטורה לויכט מיט אַזוי פיל סימבאָליק פון מענטש־לעכער האָפענונג און אָפּטימיזם, אַז — אַז ס׳איז אינטערע־סאַנט צו וויסן, וואו, אין וועלכן ים פון סימבאָל־טיפעניש, וועט דער ראַבאַי פאַראַנקערן זיין דרשה.

די דרשה איז אַ קורצע, אַ געלאַסענע, אָן איבעריקע אַקצענטן פון פּאַטעטיק און זי טייטשט זיך אַריין אין ירמיהס אָפּטימיסטישן פסוק וועגן די הייזער, וואָס וועלן נאָך געבויט ווערן. אָבער איז דאָס אַ כיוון צי בלויז אַ צופאַל, אַז דווקא דער רעפאָרם־ראַבאַי, וואָס איז דאָך בעצם דער מייסטער פון קאָלעקטיוון ריטואַל און וואָס האָט פון דעם רעליגיעזן געפיל פון זייַנע טעמפּל־יידן אָוועקגעשניטן אַלע אינדיווידואַ־ליסטישע נשמה־צויטן — אַז דווקא ער זאָל דעם נביאס טיפן סימבאָלישן אַקט פון קויפן ערד אין דער צייט פון חורבן און קאַטאַסטראָפע אויסטייַטשן אַזוי קליין־אינדיווידואַליס־טיש?

וואָרעם קעגן דעם פאַרנעם פון יידישער פאַרוויסטונג אין אייראָפּע און קעגן דעם היקף פון גזירות, וואָס הענגען

איבערן טרוים פון אַן אייגן לאַנד אין ארץ ישראל, איז עס בלי ספק קאַפּריזנע און קליין־אינדיווידואַליסטיש צו רעדן וועגן דעם, אַז דער מענטש טאָר אין קיין שום שווערן מאָמענט פון זיין לעבן נישט פאַרלירן די האָפענונג, — נישט פאַרלירן זי אַפילו, ווען דער „חלף איז אויפן האַלדז״, וואָרעם „עס וועלן נאָך געקויפט ווערן הייזער און פעלדער אין דעם דאָזיקן לאַנד״.

מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די סימבאָל־טאַנקען, וואָס דער ראַבאַי האָט געבראַכט צו פירן אויף איינצונעמען אַזאַ קליינעם אָביעקט פון יחידישער טרייסט, ווען דאָס גאַנצע פאָלק זיצט אַזוי אָבלדיק און פאַרצווייפלט ביי דער אַש פון דעם חורבן, זיינען צו שווער, צו וואַגיק און עס לאָזט זיך מיט זיי דערפאַר נישט מאַניפולירן אויף אַזאַ קליינעם שטח.

אָבער אפשר איז עס פאַרט אַ כיוון, וואָס צייכנט אָן די גאַנצע סתירה אין דעם עצם פון דער רעפאָרם? דער רעליגיעזער ריטואַל איז טאַקע אַ קאָלעקטיווער, אָבער מחוץ פון די טעמפל־מויערן אָנערקענט מען נישט דעם יידישן כלל, און דערפאַר קאָן ער נישט עקזיסטירן אין ראַבאַיס דרשה. פשוטער גערעדט, — אפשר איז עס אַזוי, אַז אין טעמפל האָט מען נישט ליב די פערזענלעך־רעליגיעזע קאַפּריזן, און מחוץ פונעם טעמפל האָט מען ניט האָלד די כלליש־נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס?

איך גלויב נישט, אַז אין דעם פאַל האָט אויפגעשפּילט די אָרגאַנישע סתירה פון רעפאָרם. איך קען נישט דעם ראַבאַיס נאַציאָנאַלן קרעדאָ. איך האָב נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט מיט אים צו רעדן. ווען מיר האָבן זיך באַגעגנט

אויבן אין „אוידיטאָריום" אויף קידוש ביי צוויי פון די בר־מצוותס, איז נישט געווען דער פּאַסיקער מאָמענט דערצו, — בפרט, אַז איך האָב אַ ביסל פּאַרשפּעטיקט און די געסט האָבן שוין געהאַלטן ביים אַהיימגיין.

איך האָב נאָר געהאַט צייט אויסצוגעפינען ביים חזן, אַז דאָ אין „אוידיטאָריום" איז אויך אַ שול. דאָס איז אַ קלויז, וואו עס דאַווגען די טאַטעס און די פעטערס לויטן אַלטן היימישן שטייגער. און אונטן, — האָט מיר דער חזן געזאָגט, — איז נאָר היינט, צוליב די בר־מצוותס, געווען עפּעס קאָנסערוואַטיווער. אַן אַנדערש מאָל שפּילן זיי אָרגל יעדן פרייטיק צו נאַכטס, און שבת אין דער פרי איז דאָ ווייניקער עולם, אָבער — אַ סך מער אָרדענונג און אַ סך מער פּינקטלעכקייט.

מען בענטשט ראש-חודש אלול

מען פאַרהערט חזנים און בעל־תפילהס. — דער אַסטראָוועער רבי באַנייט אַ קלויז. — כ׳קום אָן דער צענטער און יידן קענען דאַוונען בציבור. — וואָס פאַר אַ מעלות דאַרף האָבן אַ בעל־תפילה אַז ער זאָל קענען זיין אַ „גוטער בעטער״ ראש השנה און יום־כיפור? — דריי פרויען אין דער עזרת נשים. — אַ פראָסטלעכער טייטש אויף קהלת. — דער לעבנס־פראָגראַם פונעם „יהי רצון״.

דער שבת, ווען מען בענטשט ראש־חודש אלול, איז אין דער יידישער אַמעריקע דער אמתער יום־הדין פאַר חזנים און בעל־תפילהס. ווער עס האָט בדעה צו ווערן אַ שליח ציבור פאַר יידן אין די פאַרכטיקע טעג פון ראש־השנה און יום־כיפור, דער מוז אין יענעם שבת דורכגיין אַן עקזאַמען. און שולדיק אין דעם עקזאַמען זיינען די אַגאַנסן. און

נישט אַזוי זיי אַליין ווי די איינאונדיזועלביקייט פון זייער נוסח. כמעט וועגן יעדן חזן האָט זיין שול־פּרעזידענט צו דערציילן, אַז ער איז אַ וועלט־קינסטלער און אַ ירא שמים און כמעט וועגן יעדן ווערט פאַרזיכערט, אַז זיין שטים איז מעכטיק ווי ביי אַ לייב און זיס ווי ביי אַ טויב. און אַז אַלע בעל־תפילהס אין אַלע שולן האָבן, מיט קליינע ענדערונגען, וואָס זיינען קוים צו דערטאַפּן, די זעלביקע מעלות און די זעלביקע מידות, ווי אַזוי זאָל דאָס אַ פּשוטער ייד באַשליסן אין וועלכער שול פון דער געגנט ער זאָל קויפן „טיקעטס" פאַר ימים נוראים?

ער קען זיך אַנדערש ניט העלפן, דער מאַן פון „קענדי־סטאָר" און דער „בוטשער": ער מוז אָנקוקן די סחורה. און די פּרעזידענטן און גבאים וויסן, ווייזט אויס, אַז מיט די לויבענישן אַליין וועט מען צו קיין טאָלק נישט קומען, וואָרעם שוין פון לכתחילה, טאַקע אין אַנאָנס גופא, פאַרבעטן זיי דעם „טיקעט"־קויפער ער זאָל קומען און גאַנץ בחינם טועם זיין פון חזנס שטים און פון זיינע תפילות, און, הייסט עס, אדרבא זיך איבערצייגן צי מען האָט חלילה מגזם געווען.

און דער שבת, ווען מען בענטשט ראש־חודש אלול, איז דאָס דער טאָג, ווען מען „פאַרזוכט דעם חזן" און עס ווערט באַשטימט אין וועלכער פון די שולן עס זאָל „נישט זיין וואו אַ שפּילקע צו וואַרפן" און אין וועלכער עס זאָל חלילה זיין האַלב־ליידיק. עס איז אַ טאָג, שטעל איך מיר פאָר, פון גרויסער איבערלעבעניש פאַר די בעל־תפילהס. וואָרעם ראש־השנה־יום־כיפור איז דאָך פון אַ געוויסן שטאַנדפּונקט, שוין נאָך אַלעמען. פאַר אַלעמען איז איצט אין שבת־פאַרהער, ווען יעדער חזן מוז ציטערן נישט צו פאַרשעמען זיך און זיין

פרעזידענט און — נישט קאַליע צו מאַכן די קאַסע פון דער „קאָנגרעגיישאָן".

און איך — פון אייגענע עקזאַמענס איז דאָך אָפּגערעדט אָבער אַפילו יענעמס האָב איך פון תמיד אָן ווייניק וואָס ליב געהאַט.

און אַז מען וויל נישט מיטגיין מיט דעם שטראָם פון די עקזאַמינירערס און דווקא אין אַזאַ שבת אַריינכאַפּן אַ הרחבת־הדעתדיקן ראש־חודש־בענטשן אויפן אַלטן גוטן שטייגער פון אַמאָל, איז, דאַכט זיך, ניט פאַראַן קיין מער זיכערס ווי צו דאַוו־נען אין אַ חסידישער קלויז, וואו דער רבי איז אַליין דער בעל־תפילה און דער בעל־קורא. דאָ איז שוין נישט געמאָלט קיין עקזאַמען־צעפּלעניש ביים שליח־ציבור. דאָ זיינען נישטאָ קיין פּרעזידענטן. עס איז בלויז דאָ אַ גבאי, איז ער דעם רבינס גבאי, און עס איז דאָ קהל — איז עס פון לכתחילה דעם רבינס קהל. און אַז איך האָב זיך נאָך דערוואוסט, אַז אין „קהל חסידים" אין בראָנקס ביים אָסטראָווער רבינס זון קומט פאָר אַ שמחה: די שול „האָט ב״ה אַריינגעמופט אין אונדזער נייעם בילדינג" און „דער רבי שליט״א וועט שבת פ' ראה בענטשן ר״ח אלול", האָב איך, לכל הדעות, געמעגט גיין ווי אויף אַן אייזערנער בריק.

ס'האָט מיר נישט געקאָנט איינפאַלן, אַז דער רבי האָט אויסגעקליבן דווקא יענעם שבת אויף צו באַנייען זיין קלויז, ווייל — ווייל ער האָט זיך געוואָלט לאָזן פאַרהערן. דעם אָסטראָווער רבינס זון האָט זיך אַריבערגעצויגן פון די איסט־בראָנקס צו מערב־צו אויף דזשעסאָפּ עווענױ, און ער האָט זיך געוואָלט שטעלן צום עקזאַמען פאַרן „וועסט־בראָנקסער

פובליקום", וואָס האָט נישט געוואוסט נישט פון אים אַליין און נישט פון זיינע גרויסע זכות־אָבות.

און דער רבי האָט בפירושע זכות־אָבות. ער שטאַמט אָפּ, האָט מען מיר געזאָגט, אין דירעקטער ליניע פונעם „לובלינער חוזה". און ר' יעקב יצחק הלוי האָראָוויץ פון דער לובלינער פּאָרשטאָט וויענאַוואַ איז בשעתו, מיט הונדערט און פערציק יאָר צוריק, געווען דער פּאָפּולערסטער חסידישער רבי אין פּוילן. צענדליקער טויזנטער יידן האָבן צו אים געשטראָמט פון נאָענט און פון ווייט. דער הויף פונעם לובלינער „זעער" איז געווען אַ פעסטונג פון יידישן גלויבן, אַ צענטער פון יידישער מאַכט און אַ נעסט פון פאַנטאַסטישער יידישער האָפענונג.

אָבער עס איז, ווייזט אויס, היפשלעך ווייט פון נאַפּאָלעאָנס צייטן ביז צו די טעג פון היטלער הרשע, און אפשר נאָך ווייטער פון דער אַלטער שטאָט לובלין ביז צו איינער פון די נייע גאַסן אין וועסט־בראָנקס.

ווען איך האָב אין יענעם שבת פ' ראה פון דעם בלוטיקן יאָר תש"ג אָנגעקלאַפּט אין דער שיינער דעמבענער טיר פונעם אויסגעפוצטן הויז אויף דזשעסאָפּ עוועניו, וואו עס געפינט זיך די קלויז פונעם לובלינער חוזהס אור־אור־איייניקל, האָט מיר געעפנט אַ הויכער גילוח מיט טרויעריק איינגעפאַלענע באַקן און — און האָט זיך מיט מיר דערפרייט: „גוט, וואָס איר זענט געקומען", האָט ער צו מיר אַ זאָג געטאָן מיט צופרידנקייט. פאַרוואָס עס איז גוט, איז מיר באַלד קלאָר געוואָרן: איך בין געווען דער צענטער צום מנין. געדאַווגט האָט מען שוין. דעם ניי־אָריינגעקומענעם, וואָס האָט נישט געוואוסט דעם חשבון, האָט זיך געקאָנט אויס־

דאַכטן, אַז בציבור. דער רבי ביי זיין שטענדער פון דער רעכטער זייט אָרון קודש האָט געדאַוונט פון פאַרנט הויך און די אַכט יידן האָבן נאָכגעהאַלטן. אָבער אין דער ווירקלעכקייט איז עס קיין מנין נישט געווען. על־פּי־דין האָט קיין כלל נישט עקזיסטירט. עס זיינען בלויז געווען יחידים, וואָס האָבן געגאַרט צו ווערן אַ כלל און — זיינען דורך מיר אויפגעריכט געוואָרן.

די אויפריכטונג האָט זיך באַלד געשפּירט אין שול. דער רבי ביי זיין שטענדער איז געוואָרן אַ געזעצלעכער בעל־תפילה און די סוף־פּסוקים, וואָס די מתפללים האָבן אויסגעשריען, האָבן איצט גענומען לויפן מיט זיכערקייט צום שליח־ציבור און זיך אַריינגעריסן אין זיין „אויסלאָזעכץ״, ווי טייכן אין ים אַריין. מיר איז געווען גוט אויפן האַרצן. אָפּגעטאָן — האָב איך געפּילט — אַ יידיש־געזעלשאַפטלעכע מצווה נישט צום אָפּפרעגן. עס וועט נישט העלפן וואָס אַפּיקורסים וועלן שמייכלען און פרומע אפשר אויך. וויפיל צער האָב איך אין יענעם שבת צו שחרית פאַרהיט און וויפיל שטילע ניט־אַרויסגעזאָגטע פריידן גורם געווען?!

איך האָב מיך אַרומגעקוקט אין קלויז. אַ לופטיק, רחבותדיק צימער פאַר די מאַנצבילן. ביי דער דרום־וואַנט — אַ לאַנגער, שמאָלער טיש צום לערנען. אין דער מיט און אין דער לינקער זייט — עטלעכע צענדליק בייע, ווייס־געהובלטע בענקלעך. אַ נייער, אויך ווייס־געהובלטער אָרון־קודש פאַר־צויגן מיט אַ ברייטן, ווייס־געשטריקטן פּרוכת. פון פאָרנט אַ באַלעמער. אין מזרח—אַ שטענדער רעכטס פאַרן רבין און אַ שטענדער לינקס — מן הסתם פאַר אַ געהויבענעם חסיד, וואָס וועט זיך אפשר אַמאָל יאַווען על־פּי נס, ווי היינט אַזוי

ניסימדיק דער צענטער צום מנין. פון דער אָפֿענער טיר צו הינטן־צו — די עזרת נשים.

אין דער מאַנצבילשער שול זיינען צווישן די אָפּגעצײלטע צען פֿאַראַן צוויי בערד (דער רבי און נאָך איינער אַ ייד, אַ קליינער, אַ דיקלעכער, פֿון אַ יאָר עטלעכע און פֿופֿציק) און צוויי אָן טליתים. די צוויי בחורים זיינען דעם רבינס זין. זיי טראָגן שטרויענע קאַפּעליושן און זיינען בכלל „דייטש" געקליידט. אָבער עס ווייעט פֿון די יינגלעך מיט פֿרומקייט, מיט יענער ערנסטער פֿרומקייט, וואָס פֿרעגט נישט קיין קשיות און וועט נישט פּרוּוון זיך אַרויסצורירן מיט גאָרנישט פֿונעם איינגעשטעלטן שטייגער. און טאָמער האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אויפֿן פּנים פֿונעם רבינס יינגערן בחור, וואָס איז אַ תּלמיד פֿון דער ישיבה ר' יצחק אלחנן און טראָגט דעם נאָמען פֿונעם „לובלינער חוזה" האָט דאָך דורכגעשוועבט אַ שטיפֿערישער שמייכל, בין איך געווען זיכער, אַז די שטיפֿערישקייט גייט ניט ווייטער ווי ביז אָפּזאָגן פֿאַר פֿרי פֿאַר זיך אַליין פּרק און דערנאָך אַ ביסל שפּאַצירן מיט אַ חבר אין דרויסן צוויי גאַסן אַהין און צוויי גאַסן צוריק.

ביידע יינגלעך העלפֿן צו וויפֿיל עס שיקט זיך אין קלויז. זיי האַלטן אונטער דעם פֿאָטער ביים זינגען און נאָכן דאַוונען שטעלן זיי דעם קידוש, וואָס דער רבי גיט צוליב חנוכּת־הבית. דאָס יינגערע בחורל גיט אַכטונג טאָמער פֿעלט איינעם פֿון די מתפּללים אַ סידור, אַ חומש. דער עלטערער, ווידער, אַ מוסמך פֿון דער ישיבה „תּורה ודעת", קומט צו הילף דעם אימפּראָוויזירטן גבאי. ער זאָגט אים אונטער ווי אַזוי צו פֿאַרטיילן די עליות און זאָגט אים פֿאַר דעם רבינס נאָמען ביים אויפֿרופֿן. דאָס לעצטע איז פֿאַרן גבאי,

ווייזט אויס, דאָס שווערסטע. ער קאָן נישט געדענקען דעם רבינס לאַנגן נאָמען. אָט האָט ער אים געהערט און אָט דאַרף ער מאַכן דעם „מי שברך" און ער האָט שוין ווידער פאַרגעסן. ער איז בכלל ניי אין זיין מלאכה: ער ווייס נישט, אַז דעם רבין קומט דער טיטל מורה מורנו. אָבער סיי דער רבי און סיי די זין פאַרקוקן דאָס ביסל אומכבוד. יעדער פון די צען איז היינט אַ געציטערטער, און דער איינגעשפּאַרטער „פאַרגעסער" גאָר באַזונדערס, וואָרעם אַפילו אַ בלינדער קאָן זען, אַז דער פּראָוויזאָרישער גבאי ווערט דעם רבינס ערשטער שטאַבילער חסיד. ער ווייזט אַרויס אָרגאַניזאַטאָרישע געטריישאַפט. ער האָט אין זינען נישט נאָר דעם היינטיקן, נאָר אויך דעם שבת פון איבעראַכטאָג, פון איבער צוויי וואָכן און פון ווייטער. ביים קידוש מאַכט ער אַן „אַפּיל" צום מנין און פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל קומען דאַוונען און נישט מיינען, אַז מען טוט אימיצן אַ טובה דערמיט. מען טוט די טובה נאָר זיך אַליין. איר וועט מודה זיין, אַז אַזוי רעדט איינער, וואָס וועט שוין בלייבן אַ היימישער דאָ אין קלויז, אַן אייגענער מענטש אין „הויף", סיידן — סיידן, ווי אַ זאַך מאַכט זיך, ס'זאָל אַרויסקומען עפּעס אַ רוגזה. און סיי דער רבי מיט זיינע זין אין דער מאַנצבילשער שול און סיי די רביצין אין דער עזרת־נשים — דאָס קאָן מען זען אויפן ערשטן בליק — זיינען נישט קיין קריגערישע מענטשן.

אין דער עזרת־נשים זיינען אַחוץ דער רביצין, אין אַ בכבודן שוואַרצן שייטל, פאַראַן בלויז נאָך צוויי פרויען: איינע אַ מיטליאָריקע, מיט אַ מאָדערנעם הוט אויפן קאָפּ, און די אַנדערע, דאַכט זיך, אַן עטוואָס עלטערע, וואָס האָט די האָר איינגעבונדן מיט אַ שוואַרץ טיכל. ביי דער רביצין איז,

זעט מען, באַזונדערס אָנגעלייגט די דאַוונערין מיטן מאָ־דערנעם הוט. זי ווייזט איר אַרויס אויפמערקזאַמקייט און האָט אין זינען, אַז זי זאָל וויסן וואו מען האַלט. נאָכן דאַוונען גייט די רביצין איר ווייזן די פּריוואַט־וואוינונג. איך האָב קודם געמיינט, אַז זי איז דעם פּראָוויזאָרישן גבאיס לעבנס־באַגלייטערין און אַז אין זיין זכות דערלאַנגט מען איר אַ פּולער מעסטעלע כבוד; אָבער פונעם רבינס דרשה פאַר מוסף האָב איך פאַרשטאַנען, אַז די עזרת נשים האָט אירע אייגענע זכותים. דער רבי האָט אָנגעוואונקען, אַז ער דערוואַרט די פרויען זאָלן העלפן אָנהאַלטן די קלויז און פון דער אָנווינקע־ניש האָט אַ פּינטל געטאָן מיט אַן אָנצוהערעניש, אַז אויף פרויען מעג מען זיך ביי געזעלשאַפטלעכער אַרבעט גיכער פאַרלאָזן ווי אויף מאַנצבילן. זיי זיינען געטרייער, האָבן גרעסערע השגות און מער דערפאָלג. אויף ווי ווייט עס איז באַרעכטיקט דעם רבינס קאָמפּלימענט וועגן דער געזעל־שאַפטלעכער באַדייטונג פון די יידישע פרויען אין יענע אַלטע צייטן בזמן שבית המקדש היה קים, ווייס איך נישט אַקוראַט, און עס איז, לאָמיר זאָגן, אַ צו וויסנשאַפטלעכע טעמע; אָבער אַז נוגע דער געזעלשאַפטלעכער פאַרלאָזלעכקייט און האָרע־וואַניע פון דער עזרת נשים (אויף אַמעריקאַניש־יידישן לאַנדסמאַנשאַפט־לשון הייסט זי געוויינלעך „ווימענס אָקזילע־רי״) און איר אויפטו דער עיקרשט פאַר רעליף־קאָמיטעטן אין קלענערע „קאָנגרעגיישאָנס״ דאָ אין דער נייער אַמע־ריקאַנער היים, איז דעם אָסטראָווער רבינס זון מיט זיין אָפּשאַצונג אין אַ גרויסער מאָס גערעכט — אין דעם בין איך נישט מסופק.

***

דעם רבינס דרשה, וואָס ער האָט געהאַלטן אײדער מען האָט זיך געשטעלט דאַוונען מוסף, איז אין גאַנצן געווען געווידמעט, אַזוי צו זאָגן, דער אָרגאַניזאַציאָנעלער פראַגע פון דער שול. ער האָט פּאָלעמיזירט מיט די יידן, וואָס זיינען נישט געקומען דאַוונען אין „קהל חסידים" קלויז, און פאַר די, וואָס זיינען יאָ געקומען, האָט ער געפּרואווט אָנצייכענען אַ שטיקל פּראָגראַם. איך זאָג „געפּרואווט", ווייל די דרשה איז געווען זייער קורץ און מען האָט געזען, אַז דער בעל־דרשן מוז זיך אַליין גובר זיין, כדי צו קאָנען ריידן אַפילו אַזוי קורץ ווי ער האָט גערעדט. צען מאַנצבילן, פון וועלכע צוויי זיינען די אייגענע זין און דריי פרויענצימער, פון וועלכע איינע איז די אייגענע פרוי — אַזאַ קליינע פאַרזאַמלונג אין היפּשלעך־גרויסע צימערן, קאָן קיין שום רעדנער נישט צו־געבן קוראַזש — און אינספּיראַציע אַוודאי נישט.

די יידן, וואָס זיינען נישט געקומען, האָט דער רבי געלאָזט זאָגן, אַז זיי פאַרשטייען נישט זייערע אייגענע איבּ־טערעסן. זיי לויפן נאָך — האָט ער צו זיי איבערגעשיקט זיין טענה — דעם שיינעם חזנישן קול און פאַרגעסן, אַז פאַרן יום־הדין מוז זיך אַ קלוגער מענטש אויסזוכן אַ גוטן אַד־וואָקאַט. און דער גוטער אַדוואָקאַט פאַר יידן ראש־השנה און יום־כיפור קאָן נישט זיין איינער, וואָס קען טאַקע אמת־שיין זינגען, אָבער האָט אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר געזינדיקט און האָט אפשר חלילה וחס — פון רבינס שטים האָט זיך אַרויסגעהערט איבערגעשראָקנקייט — אַפילו קיין תפילין נישט געלייגט.

דעם רבינס קריטישער אַרגומענט איז אַן צווייפל געווען ריכטיק. וואָרעם וואָס פאַר אַ טעם קען טאַקע האָבן, אַז דווקא אין די פּאַרכטיקע טעג זאָל דער יידישער שליח־ציבור זיין איינער, וואָס עס וועט קיינעם נישט איינפאַלן אים אַוועקצו־שטעלן פאַרן עמוד אַפילו ביי אַ פּראָסטער וואָכעדיקער מנחה. אַ בעל־תפילה מיט בלויז אַ גוטער שטימע, קען, הייסט עס, ניט זיין קיין גוטער יידישער פאַרטיידיקער אין אַזעלכע טעג ווי ראש־השנה און יום־כיפור. איז וואָס פאַר אַ מעלות־טובות דאַרף אָבער האָבן אַ חזן כדי ער זאָל יאָ זיין, ווי דער רבי זאָגט, „אַ גוטער יידישער לאַיער אין יענע טעג?" ער דאַרף האָבן געדאַוונט אַ גאַנץ יאָר און זיין פון אַ גוטער משפחה. פאַר מיר האָט דער דאָזיקער פּראָגראַם פון מאָראַלישע קוואַ־ליפיקאַציעס געקלונגען צו מינימאַליסטיש. איך האָב גע־טראַכט, אַז בלויז האָבן געדאַוונט אַ גאַנץ יאָר און בלויז זיין אַן „איניקל" באַרעכטיקט נאָך אַלץ נישט צו שליח־ציבור־שאַפט ביי יידן. די פראַגע איז אַ סך טיפער און קאָמפּליציר־טער ווי דעם אַסטראָווערס זון האָט זי אַוועקגעשטעלט אין זיין דרשה אין דער קלויז אויף דזשעסאָפּ עוועניו.

און פאַר די צען יידן, וואָס זיינען יאָ געקומען, האָט דער רבי זיך אָפּגעשטעלט אויפן פסוק: „וביתי בית תפלה יקרא לכל העמים" און אים האַלב אין שפּאַס און האַלב ערנסט פאַרטייטשט אַזוי: „אַ שול צום דאַוונען איז מיין הויז — זאָגט גאָט — ביי אַלע פעלקער. דער עם ישראל איז אָבער אַנדערש ווי כל העמים דערמיט, וואָס ביי אים איז מיין הויז ניט נאָר אַ בית־תפילה, נאָר אויך אַ בית־תורה, נישט נאָר אַ שול צום דאַוונען און זיך אויסצובעטן אַ גוט יאָר, נאָר אויך

אַ מקום צום לערנען און זיך צו פאַרטיפן אין גאָטס וואָרט און אין די רייד פון זיינע נביאים.

מען האָט געפילט ווי דער בעל־דרשן ביים באַלעמער חלומט וועגן אַן עדה יידן ביים לאַנגן, שמאָלן טיש, דאָרט רעכטס ביי דער דרום־וואַנט, מיט וועלכער ער זאָל יעדן פאַרנאַכט לערנען כאָטש אַ פרשה חומש מיט רש״י. ער נויגט צו הסברה, צו פאַרטייטשערישקייט, דער רבי אין דער נייער קלויז אויף דזשעסאָפּ עוועניו. ער איז אַ פאַרטייטשער אַפילו על־פי אויסזען. דאָס פנים זיינס איז דאָס פנים פון אַ פריי־לעכן חומש־מלמד, וואָס האָט דערפאָלג ביי די קינדער צו־ליב זיינע איינפאַכע און טיילמאָל אויך וויציקע ביישפּילן.

און אָט די צומאָל צו פשוטע משלים און די צומאָל שוין צו־„פליינע״ שפּראַך האָט מיך געשטערט אין דעם רבינס דרשה. זיין אויסשפּראַך איז אַ קלאָרע, זיין שטים איז אָנגענעם און דאָס פנים אַ פריינטלעכס, אַ סימפּאַטישס, אָבער ווען איך הער ווי דער בעל־דרשן שפּאַרט אונטער דעם שפּרוך פונעם קלוגן קהלת, אַז אויף אַלץ איז דאָ אַ צייט, מיט אַזאַ זייער צייטלעכן, בראָנקסערשן משל, ווי אַז קינדער דאַרפן האָבן „אייזקרים״ אום זומער אָבער נישט אום ווינטער גיט עס מיר אַ גרילץ אין אויער. איך האָב ס׳געפיל, אַז מען האָט צעביטן קהלתעס גילדן־רענדל אויף נדבהדיקע קופּערנע גראָשנס. און נאָך האָב איך ס׳פּעסטע געפיל, אַז אַפילו צווישן ווייניקער למדנישן עולם זיינען גאָר נישטאָ אַזעלכע, וואָס זאָלן נישט זיין בכוח צו געניסן אַנדערש אַ טראָפּן פון אונדזער אַלטער חכמה ווי נאָר אין אַזעלכע בלעכענע „אייז־קרים״ געפעסן. דער רעליגיעזער בעל־דרשן, פּונקט ווי דער וועלטלעכער רעדנער, טאָר זיך נישט אַראָפּלאָזן צום עולם — בפרט אַז

די פּראַקטיקייט פונעם עולם איז אַ סך מאָל אַן אויסגעטראַכטע, אַן איינגערעדטע.

***

אַ באַזונדער אויפלעבונג האָט אַרומגעכאַפּט די צען מאַנצבילן און די דריי פרויען, ווען דער רבי האָט גענומען די ספר־תורה אין האַנט און אָנגעהויבן זאָגן די רייד פון בענטשונג פאַרן נייעם חודש. איך האָב זיך צוגעהערט צו די ווערטער פונעם „יהי רצון", וועלכע דער רבי האָט געצילעט אויפן שטייגער פון אונדזער אַלטן נוסח — אַ נוסח פון ביטערער באַגעניש און פון געשמאַקער האָפענונג — און האָב געטראַכט, אַז דער מחבר פון דער תפילה האָט געמוזט זיין אי אַ מענטש מיט אַ געזונטער און ברייטער לעבנס־קאָנצעפּציע און אי אַ יורידיש־געשולטער קאָפּ. אַניט וואָלט ער נישט געקאָנט אַזוי אַרומנעמענדיק פאָרמולירן דאָס לעבן, וואָס מיר בעטן ביי גאָט, ער זאָל עס אונדז באַוויליקן, און וואָלט דער עיקרשט נישט געווען בכוח אַזוי ריכטיק צו שפּאַלטן און צו ניואַנסירן די באַגריפן וועגן דעם דאָזיקן לעבן, אַזוי, אַז מיר זאָלן זיין הונדערט־פּראָצענטיק באַוואָרנט און מען זאָל אונדז נישט קאָנען זאָגן: דאָס האָט איר נישט פאַרלאַנגט און יענע פאָדערונג איז נישט געווען גענוג קלאָר. אדרבה, הערט אויס אַ פּראָגראַם פון פאָדערונגען, וואָס ווערט פון חודש צו חודש אַרויסגעשטעלט צום רבונו של עולם. עס איז אַ פּראָגראַם, וואָס דעקט די מאַקסימאַלסטע פלענער און שפּאַנט וויט אַריבער אַלע „פיר פרייהייטן". אַזוי ווענדט זיך דער ראש־חודש־בענטשער צו גאָט־ברוך־הוא און בעט: אַ לעבן אַ לאַנגס, אַ לעבן פון פרידן, אַ לעבן פון פרנסה,

פון געזונטקייט, אַ לעבן פון גאָטפאָרכטיקייט און פון פריי־שאַפט פון זינד, אַ לעבן פריי פון פאַרשעמטקייט און פון לעסטערונג, אַ לעבן פון דערגרייכונג און כבוד, אַ לעבן, וואָס זאָל אין אונדז אַריינגעבן ליבשאַפט צו תורה און גאָט־פאָרכטיקייט, אַ לעבן, וואָס זאָל דערפילן אַלע באַגערן פון אונדזערע הערצער צו גוטן — אָמן״.

אַזאַ תפילה איז נישט קיין חידוש, וואָס זי רודערט אויף און וואָס דער נוסח פון איר זאָגעכץ וויל נאָכלויפן דעם גרויסן שוואונג פון די ווערטער און רייסט זיך אַלץ העכער און העכער. עס איז אַ תפילה, וואָס מונטערט־אויף לעבנס־מידע און וועקט דעם דמיון אַפילו ביי יענע, וואָס זיינען קראַנק אויף פאַנטאַזיע־לאָזיקייט.

מיר האָט באמת באַנג געטאָן, וואָס אַחוץ מיר זיינען אין קלויז דעמאָלט געווען בלויז נאָך ניין מאַנצבילן און דריי פרויען.

אין אַ שול ביי דייטשע יידן

אַ טייך מיט שטרויענע קאַפעליושן. — דייטשער און גאַליציִשער נוסח. — אַ גאַליציאַנער וואָס מען גיט איס אָפּ כבוד. — די געציטערטע מצווה פון שמירת שבת. — אַ דרשה וועגן דער „פרה אדומה“ און חומש מיט רש״י. — פאַרפּלאָנטערטע קשיות און פרומע ענטפערס.

די דייטש־יידישע „קאָנגרעגיישאָן אַגודת ישרים“ צייכנט זיך אויס מיט יונגשאַפט. קודם איז זי אַליין געגרינדעט געוואָרן אין גאַנצן מיט אַ דריי יאָר צוריק. דערנאָך פאַרמאָגט זי אַ יונגן, סימפּאַטישן רב, וואָס די „אגודת ישרים“ אין ניו־יאָרק איז זיין ערשטע רבנות־שטעלע. און וואָס שייך דעם חזן, איז ער נאָך נישט אַלט קיין דרייסיק יאָר און זעט אויס נאָך יינגער.

אָבער די אַלע זאַכן בין איך געוואויר געוואָרן שפּע־

טער — צווישן שחרית און מוסף. דעמאָלט איז מיר מעגלעך געווען אויסצופרעגן אַ ביסל מיין באַנק־שכן און ערשט דע־מאָלט ווען דער חזן האָט געשפּאַנט מיט דער ספר־תורה צום שולחן און דער רב האָט זיך נאָכן לייענען געשטעלט זאָגן זיין דרשה, האָב איך געקענט זען זייערע פּנימער און זייער יונגשאַפט.

דער יונגער קאָלאָריט פון דער שול איז מיר אָבער שוין אויפגעפאַלן אַ סך פריער — ביים אַריבערטרעטן די שוועל. דאָס גרויסע רחבותדיקע צימער אויפן ערשטן שטאָק איבער דעם קינאָ־טעאַטער „העמילטאָן״ אויף דער 146טער גאַס און בראָדוויי איז צעטיילט אין דער גאַנצער לענג אויף כמעט צוויי גלייכע חלקים. דער כמעט גרעסערער פאַר די מאַנסבילן איז אָפּגעשיידט פון דעם כמעט קלענערן פאַר די פרויען מיט אַ נידעריק האָלץ־ווענטל, וואָס איז פאַרצירט מיט אַ ווייסן, דורכזיכטיקן פירהאַנג אי לשם נוי און אי כדי די וואַנט זאָל אויסזען העכער.

ס'איז זומער־לעבן. אין דער מאַנסבילשער שול — אַ טייך (איך היט זיך פאַרן גוזמאַדיקן וואָרט: ים) מיט שטרויענע קאַפּעליושן אויף די קעפּ פון מיטליאָריקע און יונגע יידן, אַלע אין טליתים. אין דער עזרת נשים — אַ שפע מיט העלע קליידלעך און מיט העלע, יונגע און גאָר יונגע פּנימער. אין אַ פּראָסטן שבת, ווען נישט מ'בענטשט ראש־חודש און נישט מ'רופט אויף אַ חתן, איז אַזאַ געזעמל פון יונגע פרויען און מיידלעך אין אַ שול — ממש אַ זעלטנקייט. און אי די יונגע בעלי־ביתלעך און אי זייערע יונגע ווייבלעך אויף דער אַנדע־רער זייט פירהאַנג האָבן די גאַנצע צייט געדאַוונט מיט התמדה, מיט ערנסט און מיט — גרינטלעכקייט. מיט גרינטלעכקייט

ווייל מ'האָט, דאַכט זיך, געהערט זאָגן (נישט שרייען) אַ יעדן יעדעס וואָרט. מ'דאַוונט מיט דער פראַנקפורטער הברה. מיין היימישער ווייטיקלעך פאַרשפּיצטער „יויצער האַמאוירויס" (יוצר המאורות) פון גאַליציע, איז דאָ על פּי פראַנקפורטער אויסשפּראַך אַ חשיבותדיקער און אַ ביסל אַ צו זאַטער „יאָוצער המעאָורעס". אָבער אַפילו צווישן יידן פון פראַנקפורט, פון שטוטגאַרט און פון קלענערע שטעט אין העסען און אין טירינגען פאַרבלאָנדזשעט זיך אויך מיינער אַ לאַנדסמאַן. איך האָב אים דערקענט און ס'איז מיר פריילעכער געוואָרן אויף דער נשמה. דער דייטש־יידישער ניגון איז אַ פייערלעכער און אַפילו אַ שיינער, אָבער ער דערמאָנט עטוואָס אין קירכלעכער מוזיק. ער האָט אַ פּאַוואָליעדיקן, שלעפּעדיקן ריטם, וואָס פאַרטראָגט זיך נישט מיטן טעמפּעראַמענט פון די יידן אין אונדזערע גאַליציש־אוקראַיניש־וואָליניש־פּוילישע געגנטן. אויף די יידן פון אונדזערע מקומות איז געזאָגט געוואָרן אַז זיי זיינען געאיילציג ווי וואַסער (פּחז כמים) און זיי, אַז זיי זינגען, איז עס געלאָפן, געטאַנצט, געשפּרונגען, אָבער קיין מאָל נישט געגאַנגען און דערצו נאָך פּאַוואָליע שפּאַצירן. ווי לאַנג־זשע קען אַ גאַליציאַנער טאַקע אַ פאַרדייטשטער און טאַקע אין אַ דייטשער שול מיט זיינע נייע לאַנדסלייט פון טירינגען און פון פראַנקפורט אויסהאַלטן דעם טראָט ביי טראָט זייערן און זיך נישט אַריבערכאַפּן כאָטש אויף אַ ווײַלע אין טאַטנס קלויז אַריין אין גאַליציע? דער הויכער ייד אין אַ שטרויענעם קאַפּעליוש ווי אַלע, מיט אַ גלאַט ראַזירט פּנים ווי אַלע, האָט זיך ביי דער קדושה פאַרגעסן און זיך צעלאָזט גיך און מיט אַ קוועטשעלע און מיט

אַ זיפצעלע אויף היימישער אויסשפּראַך „לעדדיר וואודויר אילנייצאַך נעצוכים" (לדור ודור ולנצח נצחים).

טאַקע אַ סאַמאַראַדנער גאַליציאַנער — דער הויכער ייד מיטן שטרויענעם קאַפּעליוש אָבער פונדעסטוועגן גיט מען אים אָפּ באַזונדערן כבוד אין דער דייטשער שול. מ'רופט אים אויף צו דער סאַמע שענסטער עליה: צו ששי. און דער באַזונדערער כבוד זעט זיך אויך אַרויס פון דער אָנגעשטרענג־טער אויפמערקזאַמקייט, מיט וועלכער דער חזן בעל־קורא כאַפּט אויף די נעמען, וואָס דער גאַליצישער בעל־ששי דיק־טירט אים אַריין אין דעם לאַנגן, אָבער באמת היפשלעך לאַנגן „מי שברך". די פרומע דייטשע יידן, האָב איך אַ טראַכט געטאָן, האָבן אַן אַנדער באַציאונג צו מיינע לאַנדסלייט ווי די רעפאָרמירטע. פאַר די שומרי שבת פון פראַנקפורט איז מן־הסתם „אָסט־יידישקייט" דאָך נישט אַזאַ מין אָרגאַנישער פעלער, וואָס קאָן ערשט פאַרהיילט ווערן דורך צוויי דריי דורות מערבדיקייט, ווי עס האָבן דאָס באמונה שלמה גע־גלויבט די „זאָנטאָג־גאָטעס־דינסטלער" פון בערלין־וועסט און פון האַנאָווער.

נאָכן דאַווענען האָב איך מיך, אין דעם פּרט, אַ ביסל אַנ־טוישט. איך האָב זיך ביים אַרויסגיין פון דער שול באַגעגנט מיטן חזן און זיך ביי אים נאָכגעפרעגט אויף מיין גאַליצישן לאַנדסמאַן. דער יונגער העפלעכער חזן האָט פשוט נישט אָנער־קענט דעם בעל־הששיס מזרח־יידישקייט. פאַר אים איז ער אַן „עסטרייך־אונגאַרישער" און דערמיט אַ „וועסט־יודע". וואָס דאַרף ער זיך גריבלען פון וועלכן טייל פון פראַנץ יאָזעפס אַמאָליקער מלוכה דער „עסטרייכער" שטאַמט? אַז ער איז אַ לייטישער ייד און מ'גיט אים ששי אין אַ דייטשער שול,

איז ער זיכער „געבירטיג" פון ווין אָדער פון גראַץ און נישט פון קאָלאָמיי אָדער זאַבלאָטאָוו.

איך מוז מודה זיין, אַז מיר פערזענלעך איז אין דעם פאַל ליבער די גראָדליניקייט פון די בערלינער „זונטאָג־ניקעס" איידער דער זעלישער „שטר־מכירה" פונעם פראַנק־פורטער שומר שבת. דער „בערלינשטשיק" טראָגט די מכה פון דרויסן און עס איז פאַראַן אַ האָפענונג, אַז זי זאָל אָפּערירט און אויסגעהיילט ווערן דורך די פאַקטן און געשעענישן פון אונדזער צייט. די פראַנקפורטער אָבער, זיי דאַרפן קיין דאָק־טאָר נישט. זיי זיינען „אָל־רייט". צווישן זיי, אין זייערע שולן, זיינען גאָר ניט פאַראַן קיין „אָסט־יודען". מ׳האָט זיי משנה שם געווען אויף עסטרייכער און זיי דערמיט אויסגע־שיידט פונעם יידישן קוואַל אין מזרח און — מטהר געווען.

אַחוצן „עסטרייכער" איז נאָך פאַראַן אַן אַנדער ייד אין דער דייטשער „אגודת ישרים" שול, וואָס פאַלט אויף מיט זיין מזרחדיקייט. ער איז דער איינציקער, וואָס טראָגט דעם טלית איבערן קאָפּ, די איבעריקע, אַפילו דער חזן פאַרן עמוד, הילן זיך איין אין טלית, נישט ווייטער ווי ביז צום האַלדז. דער ליטווישער רב (אַזוי רופט אים מיין שכן לעבן מיר אויף דער באַנק) באַלאַנגט נישט צו דער „קאָנגרעגיי־שאָן". ער איז בלויז אַ צייטווייליקער דאַוונער דאָ. אים איז דער פאַר נישט נויטיק צו רייניקן פון זיין מזרחדיקייט מיט אַ שענערן געאָגראַפישן נאָמען פאַר זיין היימלאַנד. און עס וואָלט, אַגב, אויך שווער געווען. ער טראָגט נישט קיין שטרויע־נעם קאַפּעליוש און האָט דאָס טיפּישע אויסזען פון אַ ייד אַ בן־תורה און אַ קהלשער תקיף פון אונדזערע מקומות.

און איר וועט שטוינען, אָבער אַזוי איז עס פאַרט: די

אגודת־ישרימניקעס נעמען זיך איבער דערמיט, וואָס דער ליטווישער רב דאַוונט ביי זיי אין שול. ער האָט נישט קיין אייגענע „קאָנגרעגיישאָן" — דערציילט מיר איינער אַ ייד, וואָס שטאַמט פון דרום־דייטשלאַנד און רעדט דערפאַר די שפּראַך פון היינעס לידער, אָן דעם זעלגעריש־פּרייסישן אַק־צענט — און וואו קאָן דאַוונען אַן אמתער פרומער „יודע" אין דער געגנט, אַחוץ אין אונדזער שול? די באַזונדערע, אָפּ־געהיטע פרומקייט פון דער „אגודת ישרים"־קלויז האָט מיר דערנאָך אויך אונטערגעשטראָכן דער חזן ביים אַהיימגיין. אַחוץ דער שול — האָט ער מיר געזאָגט, — מיט צוואַנציק בלאָק אַרויף, וואו ראַבינער איז דר. ברויער, איז אין גאַנצן „פּערטן רייך" (אַזוי ווערט בדרך הלצה אָנגערופן דאָס גאַסן־בינטל אַרום „וואַשינגטאָן הייטס" וואָס איז געדיכט באַוואוינט פון דייטשע פליטים) נישט פאַראַן קיין פרומערער מנין. מיר היטן אָפּ — האָט זיך דער חזן פאַר מיר באַרימט — דעם אָנקום און אויסגאַנג פון שבת מיט דער מינוט, מיט דער סעקונדע.

ווי ביי אַלע פרומע יידן פון אינדוסטריאַליזירטע גרויס־שטעט, איז „שמירת שבת" אויך ביי די מתפּללים אין דער דייטשער שול אויף 146טער גאַס די סאַמע געצערטלסטע מצווה. קיינע פון די עשרת הדברות איז פאַר אַ ייד, וואָס איז אַ שרייפל אין דעם אַמעריקאַנישן ווירטשאַפט־אַפּאַראַט, נישט אַזוי שווער מקיים צו זיין, ווי שבת. קיינע פון די מצוות, פון די, אַזוי צו זאָגן, דורכשניטלעכע מצוות, איז נישט פאַרבונדן מיט אַזוי פיל מאַטעריעלע קרבנות ווי אָפּהיטן שבת. און פונדעסטוועגן — פונדעסטוועגן וואָלט דער באַרדיטשעווער, ז"ל, געזאָגט — רבש"ע, קוק אָן דיינע קינדער! אין אַ פּראָסטן

שבת סדרה חוקת, האָבן אַרבעטער פּאַרלאָזט זייערע שעפּער, געוועלבערס האָבן פאַרמאַכט זייערע קלייטן, האָבן זיך אָנגעטאָן אין יום־טובדיקע בגדים און אין די ריינסטע שטרויענע קאַפּעליושן וואָס זיי פאַרמאָגן, האָבן גענומען זייערע ווייבער און טעכטער און זיינען געקומען הייליקן דעם טאָג, וואָס דו, באַשעפער, האָסט געהייליקט פון בראשית אָן.

אַ קינד, וואָס איז שווער אָנגעקומען מגדל צו זיין, איז ביי טאַטע־מאַמע געפּיעשטשעטער, געציטערטער ווי די אַנדערע. עפּעס פון אָט דער ציטערדיקייט איבער אַ קינד איז געלעגן אין דעם „גוט־שבת", וואָס די מתפללים פון דער „אגודת ישרים"־שול האָבן זיך איינס ס'אַנדערע אָפּגעגעבן. „גוט שבת" — דאָס וואָרט האָט געמיינט אַ גלעט איבערן לייב פון דער צאַרטער מצווה, אַ קוש פון ליבשאַפט אָדער אפשר אויך פון פאַרליבטקייט אויף אירע גרויס־שטאָטישבלייכע באַקן, אַ ברכה פון האַרצן, אַז זי זאָל האָבן כוח גובר צו זיין דעם שווערן קלימאַט און זאָל איבערלעבן טאַטע־מאַמעס געביין. אַ ייד לעבן מיר, וואָס האָט אויסגעזען ווי איינער וואָס איז נישט פריי פון דאגת־פרנסה, איז נישט מיד געוואָרן צו געבן אַלעמען אַרום זיין ציטערדיקע האַנט (נישט מעטאַפאָריש, נאָר טאַקע אויף אַן אמת ציטערדיקע) און צו שעפּטשען מיט פאַרליבטער מתיקות: גוט שבת.

דער „גוט שבת", ווי אַזוי איך געדענק אים פון „יענע יאָרן" אין דער שטאָט פון מיין קינדהייט, איז געווען גאָר אַנדערש אין טאָן און אין דער כוונה. ער איז געווען געזונט און זעלבסטפאַרשטענדלעך ווי דער „גאָט־העלף!", וואָס שניטערס אין פעלד וואַרפן זיך איבער מיט פרייד ביי דער אַרבעט, ווי דער „מזל טוב" וואָס מחותנים גיבן זיך אָפּ ביי

אַ חתונה. ס׳האָט געמיינט: דערלעבט שבת, ווערן מיר דער־לעבן איה״ש ווייטערע שבתים, מיר און אונדזערע קינדער נאָך אונדז. מיינע קאַלאַמייער זיידעס זיינען געווען שומרי שבת, ווי זיי זיינען געווען שומרים פון אַלע איבעריקע מצוות. די מתפללים פון „אגודת־ישרים״ — האָב איך געהאַט ס׳גע־פיל — זיינען חובבי שבת. עס איז אַן אונטערשייד ווי צווישן דעם בהור וואָס רעדט העברעאיש אין ארץ־ישראל און צווישן דעם „לאָמיר רעדן העברעאיש״ (הבה נדברה עברית) פון אַ יידן וואָס איז אַ מיטגליד פון אַ פאַראיין „חובבי שפת עבר״ אין ניו־יאָרק, שיקאַגאָ אָדער בוענאָס־איירעס.

און די זעלבע עטוואָס קרענקלעכע צפיעשטשעטקייט, וואָס איז געלעגן אין דעם „גוט־שבת״, האָט זיך אויך אַרויס־געהערט פון דעם „יישר כוח״, וואָס מען האָט אָפּגעגעבן יעדן עולה לתורה. די ווינטשעוואַניע האָט געגאָלטן, פאַרשטייט זיך, דער זכיה פון אויפגערופן צו ווערן צו דער תורה, אָבער נאָך מער דער תורה אַליין, אַז זי זאָל האָבן אַריכת ימים אין דער שווערער דושנער לופט, אין וועלכער עס קומט אויס דער יידישקייט דאָ צו אָטעמען, נישט אַנדערש ווי פריער אין די גרויסע שטעט פון דייטשלאַנד אין די יאָרן פאַר היטלערן.

און למאי זאָל איך לייקענען: אָט דעם קרענקלעכן „יישר־כוח״, וואָס איז אַזוי צוגעפּאַסט אויך צו דעם געמיטס־צו־שטאַנד פון אַ גרויסן טייל יידיש־אינטעליגענץ אין אַמעריקע (ואני בתוכם), האָט זיך מיר געוואָלט, אַז מען זאָל מיר אָפּ־געבן. אָבער עס איז געווען צו־שפעט. דער גבאי איז בפירוש אַ מכניס אורח. ער האָט דערזען אַ פרעמדן ייד אין שול, אין אַ טוכענעם קאַפּעליוש, האָט ער אים געוואָלט מכבד זיין מיט חמישי (און איך האַלט פון דער דאָזיקער עליה, ווייל

טאָמער האָט זי ניט פאַרמאָגט עפּעס אַ ראַזשינקע, האָט מען זי אַלעמאָל אָוועקגעגעבן ברוך שניידער, אָדער אַן אַנדערן אָרעמען ייִד). חמישי האָט פּרי געשפּיזט מיין סאָציאַלע פאַנטאַזיע. אָבער איך האָב זיך געמוזט אָפּזאָגן צוליב מיין כּהונה. דער גבאי האָט געהאַט צער דערפון. ער האָט זיך אַנטשולדיקט פאַר מיר מיט אַן אויפריכטיקן „עס טוט מיר לייד".

***

די טעמע פונעם רבס דרשה איז געווען דער ענין פון דער פּרה אדומה, וואָס קומט פאָר אין דער סדרה פון דער וואָך. „דאָס איז דאָס געזעץ פון דער תורה, וואָס גאָט האָט באַפוילן אַזוי צו זאָגן: רעד צו די קינדער פון ישראל, זיי זאָלן דיר ברענגען אַ רויטע קו, אַ גאַנצע, וואָס אין איר איז ניטאָ קיין מום, וואָס אויף איר איז נישט פאַראַן קיין יאָך" (זאת חקת התורה אשר צוה ד' לאמור דבר אל בני ישראל ויקחו אליך פרה אדומה תמימה אשר אין בה מום אשר לא עלה עליה עול) — האָט ציטירט דער ראַבינער אין אָריגינאַל די ערש־טע צוויי פסוקים פון דער סדרה און זיי דערנאָך איבערגע־זעצט אויף אַן עלעמענטאַרן לוטער־דייטש. ער האָט באַ־זונדערס אונטערגעשטראָכן, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ גרונט־געזעץ, וואָס הגם עס איז אפשר נישט אינגאַנצן קלאָר, קען עס נישט אָפּגעפרעגט ווערן. מען קען, האָט דער ראַ־בינער מיט פרומקייט געגעבן צו פאַרשטיין דער עדה זיינער, באַקלערן וועגן דעם געזעץ, עס אויף פאַרשיידענע אופנים דרשנען, אָבער מען טאָר זיך אין דער זעלבער צייט נישט אָוועקרירן פונעם פשט, כאָטש עס קען זיך דאַכטן, אַז דורכן פשט פאַרשטייט מען דעם ענין צום ווייניקסטן.

ביים אויסטייטשן דעם ענין פון דער „פרה אדומה“ האָט דער ראַבינער זיכער נישט מחדש געווען. די רויטע קו — האָט ער מסביר געווען — איז דער סימבאָל פון אומ־ריינעם מאַטעריאַליזם, וואָס ווערט געלייטערט ווי דאָס אַש פון דער פאַרברענטער רויטער קו, וואָס ווערט אַוועקגעלייגט אין אַ ריינעם אָרט און דינט „פאַר דער עדה פון די קינדער פון ישראל פאַר שפּרענג־וואַסער: אַ ריניק־אָפּפער איז דאָס“. ער האָט אַנטוויקלט דעם ריכטיקן געדאַנק, אַז די יידישע תורה איז אַ תורה פון לעבן און נישט פון אָפּזונדערונג פון לעבן. „ובחרת בחיים“ (דו זאָלסט אויסקלייבן דאָס לעבן) איז דער יידישער פּרינציפּ, אָבער דאָמינירן דאַרף אין לעבן די נשמהדיקייט, דאָס גייסטיקע און נישט דער מאַטעריאַליזם. די יידישע קאָנצעפּציע פרעגט נישט נאָך דעם זין פונעם מענטשלעכן לעבן, וואָרעם איר ענטפער אויפן „צוליב וואָס?“ איז דאָס גייסטיקע לעבן גופא. די וואָס ווילן גראָב מאַטער־יאַליסטיש געניסן דעם טאָג, זיי שטעלן אַרויס די פראַגעס נאָכן לעבנס־זין, כדי צו באַרעכטיקן זייער תאווה און זייער געגוס. להיפוך צו דער געניסערישקייט וואָס איז די „לעבנס־חכמה“ פון די מדבר־גענעראַציעס, האָט דער ראַבינער גע־רופן דעם יידישן מענטש צו גיין דעם באַרג־אַרויף פון מאַ־טעריאַליזם צו נשמהדיקייט. אין דעם זין האָט ער גערדשנט דאָס עטוואָס טונקעלע ברונעם־ליד, וואָס געפינט זיך אין דער סדרה פון דער וואָך, און וואָס זיין ערשטער פערז איז: „קוועל אַרויף, ברונעם — זינגט צו אים — (עלי באר ענו־לה).

נישט דאָס, „וואָס“ דער ראַבינער האָט געהאָט צו זאָגן, האָט געמאַכט אַן איינדרוק נאָר דער „ווי אַזוי“ ער האָט גע־

דרשנט, האָט מיך צענומען. עס האָט געזעדט צו אַן עדה יידן. נישט קיין רב, נאָר אַ ראַבינער, אָבער אין זיינע ווערטער איז געקומען צום אויסדרוק טיפע און פולע פרומקייט, וואָס זוכט נישט, ווי ס׳טרעפט זיך אָפט ביי ראַבינער, צו פאַרטיי־דיקן די תורה דערמיט, וואָס זי לייגט זיך אויך אויפן שכל. ניין. דאָ איז פאַר מיר געשטאַנען אַ מאָדערנער פראַנקפור־טער גלגול פונעם אַלטן קאָלאָמייער רב, ר׳ הלל ליכטענ־שטיין, וואָס באַטראַכט עס פאַר אַ גרויסער פריווילעגיע פאַרן אָרעמען מענטשלעכן פאַרשטאַנד, אויב ער קען אויך עפּעס באַנעמען פון יענער תורה־טיפקייט, צו וועלכער עס איז מעגלעך צו דערגיין בלויז מיטן כוח פון פייערדיקער אמונה.

דער דאָזיקער איינדרוק פון עכטער אומפאַרשטעלטער פרומקייט ביים ראַבינער פון „אגודת ישרים", האָט זיך פאַר־שטאַרקט פאַרנאַכט, ווען ער האָט זיך געזעצט לערנען חומש מיט רש״י מיט אַ הייפל פון פינף, זעקס יידן, מיך אַריינגע־רעכנט. איינער אַ יידל מיט אַ ווייס בערדל און מיט אַ פּיקחות־דיק פּנים האָט לכתחילה געהאַלטן אין איין שטעלן פאַר־פלאָנטערטע פראַגעס. מען האָט געזען, אַז ער איז נישט אויסן אַזוי דעם רבס תשובה, ווי צו ווייזן וויפיל ער אַליין ווייס. דאָס יידל האָט זיך פאַררופן אויפן טאַטע פון דער דייטש־יידישער אָרטאָדאָקסיע: ר׳ שמשון רפאל הירש און האָט פאַלעמיזירט מיט רש״ין. עס איז געווען שיין צו זען, מיט וויפיל הכנעה דער ראַבינער האָט געענטפערט יענעם וויסנ־דיקן פרעגער. דער שאַרפסטער כלי־זיין אין דער האַנט פון אַ תלמיד־חכם — דאַכט מיר — איז מער פון אַלץ זיין הכנעה.

עס איז געקומען די רייד — איך געדענק שוין נישט ווי אַזוי — וועגן דער באַרימטער פראַגע: אסתר מן התורה

מנין? (פון וואַנען איז געדרונגען אסתר פון דער תורה?) און וועגן דעם ענטפער, אַז „אסתיר אסתיר פּני" (פאַרהוילן וועל איך פאַרהוילן מיין פּנים פון אייך) און מיר האָט זיך ראַ־ציאָנאַליסטיש אַרויסגעכאַפּט, אַז דאָס איז אַ פיינער וואָרט־שפּיל. איך האָב באַלד חרטה געהאַט, וואָרעם איך האָב געזען, אַז איך האָב דעם ראַבינער גורם געווען אמתן צער. ער האָט גענומען דערקלערן, פאַרוואָס עס קומט אין דער מגילת אסתר נישט פאָר דער שם בגלוי. און ער האָט אויך דאָ נישט מחדש געווען גאָר נישט ווי נאָר די אמתע טיפע אמונה זיינע. און ער האָט דערנאָך באַוויזן פאַר אונז, אַז בנסתר איז דער שם יאָ פאַראַן, וואָרעם אין 5טן קאַפּיטל פאַרבעט אסתר אחשורושן צום מאָלצייט מיט די ווערטער „יבוא המלך והמן היום" (זאָל דער קעניג און המן קומען היינט). די ערשטע אותיות פון די ווערטער זיינען דער שם. אַ צווייטן מאָל געפינט זיך גאָטס נאָמען פאַרבאָרגן אין זיבעטן קאַפּיטל, וואו עס ווערט דערציילט, אַז המן האָט געזען „כי כלתה אליו הרעה" (אַז בייז איז באַשלאָסן אויף אים). די לעצטע אותיות פון די ווערטער שטעלן צונויף דעם שם הויה.

איך בין מודה אַז איך האָב געגלויבט. דער ראַבינער האָט מיר אָנגעשטעקט מיט זיין אמונה. איך בין אים בפירוש דאַנקבאַר פאַר יענעם מאָמענט.

אין דער באָיאַנער קלויז

דער רבי איז נישטאָ אין דער היים. — סאַדאַגערער און באָיאַנער חסידים. — דאָס פּינטל חב״ד אין באָיאַנער חסידות. — באָיאַן אויף איסט־בראָדוויי. — אַ מנין פון פרומע בעל־מלאכהס. — מאָטעסל מזיק האָט מזל. — אַן „אַמעריקאַנער באָי״ פאַרן עמוד. — אַ נדר פון אַ האַלבן קידוש ביי דער תורה און אַ גאַנצער קידוש נאָכן דאַווענען.

ביז אין די אַכציקער יאָרן פונעם פאַריקן יאָרהונדערט, אָדער פינקטלעכער, ביז נאָך דער פטירה פונעם רוזשינערס עלצטן זון ר׳ אברהם יאַנקעניו, האָט איבערן בוקאָווינער־גאַליצישן חסידות געהויערט די זון פונעם סאַדאַגערער הויף. דערנאָך איז דער הויף פאַרטונקלט געוואָרן פון באָיאַן. ר׳ איצעלע, דער לעגיטימער יורש פון סאַדאַגערע, האָט אַ סוף געמאַכט צו דער משפחה־מחלוקה. ער האָט אָפּגעטראָטן

ס׳פּלאַץ דעם יינגערן ברודער און אַליין זיך אַרויסגעצויגן קיין באַיאַן.

באַיאַן — עטלעכע געציילטע מייל די ווייט פון טשערנאָ־וויץ, אַ שטעטל נאָך קלענער פון סאַדאַגערע, מיט אין גאַנצן זיבן טויזנט נפשות, צווישן זיי אַן ערך צוועלף הונדערט יידן, איז מיט אַמאָל אויפגעריכט געוואָרן. ס׳האָט זיך אויף דעם פאַרגעסענעם שטעטל ביי דער בוקאָווינער־רוסישער גרענעץ אַראָפּגעלאָזט מיט גרויס שפע — פּרנסה און באַרימטקייט. באַיאַן האָט אָפּגעריסן פון סאַדאַגערע דעם גרעסטן טייל חסידים און צווישן זיי די סאַמע שענסטע און רייכסטע פון דער זייט און פון יענער זייט גרענעץ. די רייכע אָרענשטייגס פון קיעוו און די נישט ווייניקער רייכע טליתים־פאַבריקאַנטן פון קאָלאָמיי האָבן נישט פאַרפעלט קיין יום־טוב אין באַיאַן.

אין די נאָענטע גאַליצישע שטעט זיינען אויסגעוואַקסן רחבותדיקע באַיאַנער קלויזן מיט גוטע בעל־תפילהס און אַ סך לערנערס און דאָס באַיאַנער חסידות האָט אין גיכן אויס־געאַרבעט עפּעס אַן אייגענעם באַזונדערן ניואַנס אין דעם רוזשינער־סאַדאַגערער נוסח. מען האָט איבערגענומען פון סאַדאַגערע דאָס מלכותדיקע התנהגות פונעם הויף און די סודותדיקע אַטמאָספערע אַרום דער פּערזאָן פונעם רבי, אָבער מען האָט צוגעגעבן מער לומדישע חשיבות דעם חסיד. דער רייכער סאַדאַגערער חסיד, וואָס איז איצט געפאָרן קיין באַיאַן האָט שוין געהאַט למדנישע זין און איידעמס מיוחסים, און זיי האָבן אין דער באַיאַנער שיטה אַריינגעטאָן די ראָ־זשינקע חב״ד, איך מיין דאָס פילאָזאָפיש־לערנערישע פינ־טעלע.

דער באַיאַנער חסיד, אַזוי ווי איך האָב אים געקענט אין

מיין היימשטאָט, איז געווען דער ראַציאָנאַליסט אין דער בוקאָווינער־גאַליצישער חסידות. אויף אים האָט שוין נישט געמאַכט אַזאַ גוואַלדאָוונעם איינדרוק די עשירות און די פּראַכט פונעם רבינס הויף — פּשוט דערפאַר ווייל ער איז אַליין געווען רייך (איך האָב כמעט נישט געקענט קיין אָרעמען באָיאַנער חסיד) און דערעיקרשט ווייל ער האָט זיך שוין נישט געקאָנט באַגנוגענען בלויז מיט אַ וואונדערלע־כער מעשה וועגן רבין, נאָר ער האָט זיך גענויטיקט פאַר דער צייט פון איין פאַר צום אַנדערן — אין עפּעס אַ שפּי־ציקן און טיפן שטיקל תורה, ווייל ער איז געווען אַ למדן... אַן אינטעליגענט.

די באָיאַנער חסידישע יונגעלייט — זייער מוסטער: די העלערס, זין פון אַ רייכן טלית־פאַבריקאַנט און דערצו מיוחסים, דירעקטע אייניקלעך פונעם תוספות יום־טוב — האָבן אין קלויז נאָכדערציילט פאַרשפּיצטע תורהס פון זייער רבין און האָבן זיך דערביי נישט געהיצט, נאָר גערעדט מיט ישוב־הדעת און האָבן אָנגעשטרענגט, אָבער קיל אַרגומענטירט. מיט איין וואָרט זיי האָבן ממש ווי גוטע חב״דניקעס געפּרוּווט פאַרשכלען דאָס חסידות; און געפירט האָבן זיך די באָיאַנער אַריסטאָקראַטיש, ניט געפּראַוועט קיין צעשויבערטע סעודות און נישט פאַרווישט די סאָציאַלע אונטערשיידן צווישן זיך אָבער דערפאַר זיך אויך געהאַלטן ווייט פון מחלוקתן און נישט גערעדט אויף אַנדערע גוטע יידן; און וואָס שייך זייער מוזיק איז ביי זיי טאַקע פאַרבליבן דער רוזשינער־סאַדאַגע־רער נוסח, אָבער ערגעץ־וואו מיט אַ נאָך מער אידעלן און מיוחסדיקן קנייטש. און דער קרעכץ ביים סוף פּסוק, דער אַזוי באַליבטער און ממש באַפרייענדיקער קרעכץ ביים סוף

פסוק, איז געווען, דאַכט זיך, נאָך שטילער, נאָך צעפּיעשטשע־טער, אָבער דערפאַר תקיפותדיקער ווייל דער קרעכצער איז געווען רייכער, איז געווען זאַטער.

סאַדאַגערע איז „פאַרפלעבעיעוועט" געוואָרן. עס זיינען אַהין געפאָרן מייסטנס מיטלשטאַנד און קליינבירגער, און בכלל איז דאָס פאַרעכץ געוואָרן אַלץ קלענער און אָרעמער; און אַפילו טשאָרטקעוו וואו עס האָט געקיניגט מיט גרויס פּרעסטיזש דעם רוזשינערס זון, ר' דוד משה און וואו עס זיינען געווען אַ היפּשע צאָל געהויבענע און פלאַקערדיקע חסידים, האָט בלויז איבערגעטראָפן באיאַן אפשר מיט דער צאָל פאָרערס, אָבער האָט זיך ניט געקאָנט פאַרגלייכן מיט איר אין פרט פון מאַטעריעלער און גייסטיקער איכות פון די חסידים.

און אַז די ערשטע וועלט־מלחמה האָט אין אירע סאַמע ערשטע חדשים חרוב געמאַכט סיי דעם אַלטן רוזשינער הויף אין סאַדאַגערע און סיי דעם נייעם פּאַלאַץ אין באיאַן און ביידע רביים האָבן זיך אַרויסגעצויגן קיין טשערנאָוויץ, איז דער סאַדאַגערער צענטער אַריינגעפאַלן אין גסיסה און האָט געאָטעמט מיט די לעצטע כוחות, אָבער די באיאַנער חסידים האָבן אָפּגעקויפט פאַר זייער רבין אַ גרויס רחבות־דיק הויז אויף דער שיינער גאַס פון קאַרל עמיל פראַנצאָז און האָבן דאָרט באַנייט כאָטש צום טייל די צייטן פון פריער. בלויז צום טייל, וואָרעם צווישן טשערנאָוויץ און קאָלאָמיי האָט זיך אַוועקגעשטעלט די רומעניש־פּוילישע גרענעץ מיט פּאַספּאָרטן און מיט געפּעק־רעוויזיעס און מיט סתם ציפּקע צרות פאַר יידן און דער נייער רעזשים אין דער אוקראַינע

האָט בכלל אָפּגעשטעלט דאָס פּאַרעכץ „זאַגראַניצע" און בפרט צו „גוטע יידן" קיין רומעניע.

היינט איז דאָס סאַדאַגערער חסידות אין גאַנצן חרוב און דער „זיגער" — דער באָיאַנער הויף? — ער האָט זיך אויף זיין באַרג־אַראָפּ צו חורבן אָפּגעשטעלט אין איינעם מיט עטלעכע אַנדערע בוקאָווינער־גאַליצישע דינאַסטיעס אין גלות ווין און האָט איצט נאָכן טויט פון ר' איצעלעס עלצטן זון, אויפגעשלאָגן זיינע געצעלטן אין דער שטאָט ניו־יאָרק, וואָסביים טייך האָדסאָן.

ניו־יאָרק ליגט טאַקע ביים שיינעם און ברייטן האָדסאָן, אָבער דאָס הויז מיט די עטלעכע שטיינערנע טרעפּ, וועגן וועלכן עס מעלדעט אַ הילצערן שילדל, ווי דער שטייגער איז אויף דייטשמעריש, אַז דאָ איז „די וואָהנונג דעס באָיאַנער רבי" געפינט זיך אויף איסט־בראָדוויי, נישט ווייט פון גערער שטיבל און אין דער נאָענט מיטן פּוילישן שטיבל און מיט אַנדערע שטיבלעך.

איך האָב זיך אַריינגעכאַפּט אין דער באָיאַנער קלויז אין אַ שבת אין דער פרי, האָב אָפּגעדאַוונט דאָרט שחרית און מוסף, צוגעהערט זיך צו קריאת התורה און דערנאָך אויסגע־נוצט אַפילו מיין רעכט אויף קידוש. מיין לאַנדסמאַן ר' יאָסל, דער גבאי פון דער קלויז, האָט מיך מכבד געווען מיט גוטע עטלעכע טראָפּן אָקאָוויט און מיט אַ געשמאַק אייער־קיכל און איך האָב דערפילט אַ היימישקייט, גלייך איך וואָלט גע־ווען מיט אַזוי פיל יאָר יינגער און זיך געפונען ערגעץ אין אַ שולעכל אין מיין גאַליצישער היימשטאָט. „ערגעץ אין אַ שולעכל" אָבער נישט אין דער באָיאַנער קלויז, וואוהין איך פלעג אָפּט אַריינקומען כאַפּן אַ שמועס מיט חדר־חברים

און אויך נישט אין דער מתנגדיש־חסידישער ר׳ איציקל־שול וואו מיין זיידע ע״ה האָט געדאַוונט.

די שמאָלע באָיאַנער קלויז אין וועלכער עס זיינען אויס־געזעצט ביי עטלעכע טישן אַ דריי צענדליק יידן דערמאַנט אין ערגעץ אַ מנין פון פרומע בעל־מלאכהס אין אַ גאַליצישער שטאָט. די פּנימער לויכטן נישט מיטן ליכט פון תורה און דאָס דאַוונען צאַפּלט נישט מיט התלהבות און ציטערט נישט מיט כוונות; אָבער דערפאַר שוועבט דאָ אַרום יענע האַרציקע צניעות פון אָפּהיטן גאָטס געבאָטן אָן שום איבערפרעגעכצער און יענער הכנעהדיקער אָפּשיי פאַרן סידור און פאַרן חומשל, וואָס זיינען געווען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר די שולעכלעך פון די צעכן אין דער אַלטער היים.

דער רבי, — עס איז דעם אַלטן באָיאַנערס יינגסטער זון, ר׳ מרדכי־שלמה, — איז נישטאָ אין ניו־יאָרק. ער איז איצט אין שיקאַגאָ. עס איז נישט ווי אַמאָל אין באָיאַן: די פּרנסה קומט נישט אַליין אין שטוב אַריין. מען מוז זי מעורר זיין און אַהיימברענגען; אָבער דאָ, צווישן די פּשוטע פרומע יידן ביים באָיאַנער מנין, קען מען סיי ווי פאַרגעסן, אַז אין אַ חדר־מיוחד שטייט דער רבי און דאַוונט, און אַז אָט קאָן ער אַריינקומען צו „פּתיחת הארון״, אָדער נאָכן דאַוונען זאָגן „גוט שבת״ די מתפּללים. די דריי מנינים דאַוונערס דאָ זיי־נען נישט דווקא באָיאַנער חסידים. זיי וואָלטן נעקאָנט זיין אויך סאַדאַגערער, וויזשניצער, קאָסאָווער און בכלל... זיי האָבן דרך־ארץ פאַר אַ „גוטן ייד״, און אַז דער רבי קומט אַריין צו „פּתיחת הארון״ איז ביי זיי זייער אָנגעלייגט. עס ווערט יום־טובדיקער, פייערלעכער אין שול. עס איז גלייך אַ ייד אַ תלמיד־חכם זאָל באַשיינען אַ פּראָסטאָקישע חתונה;

אָבער דער עיקר איז דאָך פּאָרט טאַקע נאָר די חתונה אַליין. איך בין אויסן צו זאָגן, אַז דער רבי דאָ, ביי זיין מנין, און אין זיין הויז, איז ניט עפּעס, וואָס מוז אומבאַדינגט זיין, אַניט פאַרלירט עס דעם גאַנצן חן און דעם כאַראַקטער. דער רבי איז נישט קיין אָרגאַנישער טייל פונעם מנין. ער איז בלויז אַן אָנגעלייגטער צוגאָב. איך ווייס נישט, צי האָבן אַלע מתפללים געוואוסט, אַז דאָרט, הינטער דער גלעזערנער טיר, וואו עס דאַוונט געוויינלעך דער רבי, איז איצט קיינער ניטאָ, אָבער אַפילו די, וואָס האָבן ניט געוואוסט, האָבן זיך קיין מאָל נישט דערמאָנט אַ קוק צו טאָן אויף דער טיר. זיי האָבן געדאַוונט ווי אַלע מאָל און מסתמא פאַרגעסן ווי אַלע מאָל.

און מאַטעסל מזיק, — דער, וואָס האָט באַהערשט דעם „פּלאַר", — האָט געשטיפט ווי אַלע מאָל און אַפילו קיין איין מאָל נישט אַ קער געטאָן די אויגן צו דער טיר פונעם רבינס צימער. מאַטעסעל איז אַ בחורל פון אַ יאָר 6 — 7 און ער ברענט אַ וועלט. ער האָט ערגעץ דערטאַפּט אַ שטיקל פון אַ טלית, האָט ער זיך איינגעוויקלט אין אים ווי אַלע דערוואַקסענע, אָבער... אַלע דערוואַקסענע זיצן פרידלעך ביי די טישן און קוקן אַריין אין די סידורים, גיבן אַכטונג זיי זאָלן גיין אין שפּאַן מיטן בעל־תפילה, און ער, מאַטעסל, האָט נישט קיין רו: ער יאָגט זיך אין טלית פון דער קלויז אין פּאָליש אַריין, פונעם פּאָליש אין דרויסן אַרויס און צוריק. אָט זאָגט ער אויף אַ קול און אָט לאַכט ער נאָך העכער, און אָט גאָר פאַלט אים איין צו באַהאַלטן זיך אין טלית אונ־טער אַ טיש און פון דאָרט צו קאָמאַנדעווען צו די אַנדערע צוויי חברים זיינע, וואָס האָבן ווייניקער טעמפּעראַמענט פון

אים. מאַטעסל איז קלוג און ענערגיש און סוף־כל־סוף רייסט ער מיט זיך מיט איינעם פון זיינע חברים.

כאַפּט דעם חברס פאָטער, — אַ רויטער, געשפּרענקלטער און אויסגעפּוצטער יונגערמאַן, — דאָס מאַנטעלע און לויפט נאָך דעם בחורל זיינעם, בעט זיך ביי אים מיט די הענט און מיט די אויגן, ער זאָל עס אָנטאָן, וואָרעם ער קאָן זיך נאָך פאַרקילן. דאָס קינד וויל נישט וויסן פונעם טאַטנס בקשות. עס איז איצט אין גאַנצן אונטער מאַטעסלס השפּעה פאַרטאָן אין שפּיל; און דער רויטער יונגערמאַן, דער טאַטע, קאָן זיך קיין עצה נישט געבן. ער קאָן זיך נישט אויסטענהן, וואָרעם מ׳האָלט גראָד ביי קריאַת־שמע און מען טאָר נישט מפסיק זיין. ער פּרובירט רעדן לשון־קודש צום צעהוליעטן ייִנגל, אָבער עס ווייזט אויס, אַז קיין וואַזשנער העברייער איז ער נישט, וואָרעם מער ווי „בו״ און „לא״ ברענגט ער נישט אַרויס. און אפשר טו איך דעם רויטן יונגנמאַן אַן אומרעכט, — ער קאָן דווקא זייער גוט העברייאיש, נאָר וואָ־דען? צו ווען ער דאָ רעדן לשון־קודש? צו אַ קינד, צו וועלכן מען קאָן אַפילו קיין יידיש ניט רעדן?

דער רויטער יונגערמאַן האָט זיך, ווי געזאָגט, נישט געוואוסט קיין עצה צו געבן. ער האָט אַ רגע לאַנג נאָכגע־קלערט: זאָל ער מפסיק זיין, אָדער זאָל דאָס קינד בלייבן אָן אַן אויבער־רעקל? — ער האָט נישט מפסיק געווען און דאָס ייִנגל איז אַרויס אין דרויסן אָן אַ מאַנטעלע. איך, אַ פאַרליב־טער צומאָל אין מיין יידיש פאָלק, האָב אין יענעם מאָמענט נאָכגעטאָן כאָטש במחשבה דעם אַלטן מייסטער פון אהבת ישראל, ר׳ לוי יצחק פון באַרדיטשעוו, און אויך דעם אַלטן רבי פון יידישן סאָציאַליזם, ר׳ משה העס, און געטראַכט אַזאַ

מין גוזמאדיקן געדאַנק: אין יעדן יידישן טאַטע טליעט ערגעץ־וואו אַ פונק פון יענער גרויסער מסירת־נפש, וואָס שטעלט זיך נישט אָפּ פאַר ברענגען אויף דער עקידה אַפילו דעם אייגענעם זון.

פאַרן עמוד האָט געדאַוונט אַ „וואונדער": אַ יונגערמאַן אין די דרייסיקער, וואָס איז געבוירן אין אַמעריקע. דער „אַמעריקאַנער באָי" האָט אַ קיילעכדיק, מילד און צאַרט פּנים, טראָגט אַ טיפע יאַרמלקע און גרויסע ברילן און זעט אויס ווי אַ יונגער פּראָפעסאָר אין אַ טעאָלאָגישן סעמינאַר. ער קען אויסגעצייכנט דעם סאַדאַגערער נוסח, און יידן זיינען, ווייזט אויס, זייער צופרידן, וואָרעם זיי זיינען אים אויך מכבד מיט מוסף. עס איז נישט פאַראַן, ווי עס טרעפט זיך צומאָל, אַ פּראָפעסיאָנעלער דערמאָנער, אַז מען טאָר נישט רעדן ביים דאַוונען. אַלע זיצן ביי די טישן, קיינער שפּאַנט נישט אַרום איבער דער קלויז און קיינער רעדט נישט; מען דאַוונט. ביים רעכטן טיש, אַקעגן שולחן, זיצט אַ יונגער טאַטע מיט אַ טרויעריק־אויסגעצויגענעם פּנים פון אַ מענטשן מיט דאגות־פּרנסה, און לעבן אים דריי יינגלעך, — שטיל און פרום ווי די לעמעלעך. זיי זיינען נאָך צו קליין אַריינצו־קוקן מיטן טאַטן אין סידור אַריין, אָבער זיי בענקען אויך צו וואַרפן אַ וואָרט אין חלל אַריין; האָט אויף זיי דער אָרעמער טאַטע רחמנות און הייסט זיי נאָכזאָגן „אמן"; טוען עס די קינדער מיטן גאַנצן האַרצן און מיטן גאַנצן באַגער.

ביים זעלבן טיש, פונקט אַנטקעגן, זיצט אַ ייד, אַ הויכער, אַ שווערלייביקער, מיט אַ קאַלטענוואַטער באָרד, וואָס זעט אויס ווי אַ ישובניק, וועלכער איז אַריינגעקומען אויף ימים־נוראים אין שטאָט אַריין. ער קער זיך, ווייזט אויס, אָן זייער

אַ נאָענטע קרובהשאַפט מיט מאַטעסל מזיק. אַז נישט קיין פאָטער איז כאָטש אַ פעטער. ער איז מקנא דעם דערשלאָ־גענעם טאַטן מיט די דריי פרומע לעמעלעך. ער זיצט ווי אויף קוילן. ער לויפט נאָך מאַטעסלען, בעט זיך ביי אים אויף יידיש, און מאַטעסל איז דווקא איינגעשפּאַרט אויף ענגליש, און אַז עס העלפן נישט ניט די בקשות און נישט די ראיות און עס בלייבט איבער דער לעצטער אַרגומענט: אַריינצימב־לען דעם יינגעלע פון הינטן, לאָזט זיך דער שווערלייביקער ישובניק אַרויס מיט מאַטעסלען אין פאָליש אַריין צו דער „עבודה", אָבער מאַטעסל איז נישט נאָר קלוג, ענערגיש און פול לעבן, נאָר ב"ה אויך פול מזל. פּונקט ווען דער ייד מיט ד'ער קאָלטענעוואַטער באָרד פאַרמעסט זיך אים צו דערלאַנ־גען, דערהערט זיך דעם בעל־תפילהס שיין־געגאָרגלטער „נקדישך ונעריצך", און דאָס יינגעלע איז געראַטעוועט. דער שווערלייביקער ישובניק האָט אַפילו קיין צייט נישט געהאַט צוריקצולויפן אין קלויז אַריין. ער איז געבליבן שטיין איי־נער אַליין מחוץ למחנה אין פאָליש, מיטן פּנים צו דער מזרח־וואַנט, אַן אויסגעשטרעקטער ווי, להבדיל, אַ זעלנער פאַר זיין עלצטן, און האָט נאָכגעזאָגט לויטן באַפעל... מאַטעסל האָט אַ ווילע געשמייכלט, דערנאָך האָט ער אַ קוק געטאָן מיט ביטול אויף דעם געפּענטעטן ייד און איז אַרויס אין דרויסן צו דער חברה. ער האָט מסתמא פאַרשטאַנען, אַז נישט דעם טאַטנס גוטסקייט האָט אים באַפרייט, נאָר דאָ איז גאָטס ווילן אַליין געווען אין מענטשלעכן שפּיל פון „קדושה".

אַחוץ דעם קליינוואַרג און זייערע יונגע טאַטעס און פע־טערס האָבן זיך אין קלויז געוואָרפן אין די אויגן אַריין עטלעכע זקנים. איינער פון זיי איז דער איינציקער ליטוואַק

אין דער קלויז פון גאַליציאַנער, בוקאָווינער און רומענישע ייִדן. ער איז אָנגעקומען שפּעט, ווען מ׳האָט שוין געהאַלטן ביי קריאת התורה. ער האָט אָנגעטאָן דעם טלית, זיך אַוועקגעשטעלט ביים שולחן און געמאָנט אַן עליה. פון פּרשה צו פּרשה איז ער געוואָרן אומגעדולדיקער: כהן, לוי, שלישי. ביי רביעי האָט ער שוין געשלעפּט ממש דעם גבאי ביי די אַרבל, און אַז עס איז אָנגעקומען דער „מאָגערער״ חמישי האָט זיך דערהערט דעם גבאיס שטימע: יעמוד ר׳ חיים תנחום בר שלמה צבי! — דער ייִד האָט אָפּגעאָטעמט. ער האָט זיך, אַן איינגעבויגענער אין צווייען, צוגערוקט צו דער תורה און געמאַכט אַ ברכה הויך און מיטן גאַנצן קנאַק פון דער ליטווישער אויספּראַך. דערנאָך האָט ער זיך צוריקגעצויגן אין אַ ווינקל און גענומען שטיל און בייז דאַוונען ביחידות.

דער צווייטער זקן, וועלכער איז מיר אויפגעפאַלן, האָט געהאַט אַ שמאָלע באָרד, אויף וועלכער עס איז געלעגן אַ ווייסקייט נישט פון עלטער, נאָר פון עלטער־עלטער. ער האָט שווערע פון אַלטקייט קאַליע אויגן, אַ נידעריקע און ציטערדיקע שטים, און זיין צורה האָט מיך דערמאָנט אָן יענעם ישיש פון דעם אר״יס קלויז אין צפת, וועלכער האָט אויף אַלע מיינע פראַגעס געענטפערט ציטערדיק און ווייס בלויז די איינע תשובה, וועלכע ער האָט נאָך געדענקט, ווייזט אויס, פון די פריערדיקע יאָרן: דער אר״י הקדוש איז אַוועקגעגאַנגען אין יאָר של״ג (1573). מער האָט ער שוין נישט געוואוסט.

דער זקן פון דער באַיאַנער קלויז האָט אויפן „מי שברך״ ביי דער תורה אויך געענטפערט, ווי מיר האָט זיך געדאַכט, מיט עפּעס אַן אַלטן, שוין פאַרעלטערטן ענטפער: חצי קידוש (אַ האַלבן קידוש), און ביים טיש דערנאָך איז גאָר געווען

מער ווי אַ האַלבער קידוש. עס איז געווען אַ גאַנצער און בהרחבה.

עס האָבן געטרונקען „לחיים" אַלטע און מיטעלע יידן. אויבנאָן איז געזעסן אַן ארץ־ישראלדיקער משולח און ר' יאָסל גבאי, מיין קאַלאָמייער לאַנדסמאַן, האָט געטיילט לע־קעך און אייערקיכל. דאָס בילד איז געווען היימיש, — אַ פול, ליב בילד פון דער אַלטער היים אין די גוטע צייטן.

איך האָב זיך נאָר געפרעגט, צי וועלן מאַטעסל מזיק און זיינע חברים, מיט און אָן טעמפעראַמענט, ערגעצוואו אין דער, אָדער אין אַן אַנדער פאָרם, וויטער ציען דעם גע־דאַנק און די טאַט פון יידישער געמיינשאַפט, און זיך שטעלן מיט ליבשאַפט אַרום אַ יידישער אידיי? — איך האָב מיך געטרייסט דערמיט, וואָס מאַטעסל גייט מיט זיין טאַטן אין שול אַריין און האָט אַזוי „שרעקלעך" ליב אַ טלית, — אָבער עס האָט מיך באַאומרואיקט, וואָס אַפילו מאַטעסל איז איינ־געשפאַרט אויף ענגליש.

מען רופט אויף אַ חתן, אַ זעלנער

אַ שול אָן מזרח־זיצערס. — אויפּרופּעכצן פון בימים ההם. — זענט איר אפשר אַ כוהן? — ס׳איז אויך נישטאָ קיין לוי. — מען האָט נישט געהאַלטן גאָרנישט וואָס מען האָט צו־געזאָגט אין צייטונגס־אַנאָנס. — קאַליע געמאַכט די באָ־וואָרפעכץ. — געננוג—„אל מלאסו!״

פון אַמאָל געדענק איך, אַז דער הויפּט־סעזאָן פון יידישע חתונות אום זומער איז די וואָך נאָך שבועות. מען קאָן זאָגן, אַז פאַר אַלע שידוכים, וואָס יידן האָבן געטאָן צווישן חנוכה און פסח, איז דער אָפּגעשמועסטער זמן החתונה געווען — שבת נאָך שבועות. אין יענעם שבת האָט אין יעדער קלויז און ביי יעדן מנין און צום טייל אויך אין די גרעסערע שולן געהאָט די ממשלה איבערן דאַוונען — אַ חתן. דעם עמוד האָבן צו שחרית און צו מוסף פאַרנומען מחותנים. און וואָס

שייך קריאת־התורה האָט דעם חתנס טאַטע אָװעקגעשטעלט דעם גבאי אין אַ זײַט און די גאַנצע סדרה פּאַרטײלט צװישן אײגענע קרובים און געסט. פֿון די זיבן פּרשיות איז גע־װײנלעך געװאָרן נאָך אַמאָל אַזױ פֿיל און מער, כּדי יעדער מחותן, אָדער לכל הפּחות יעדער נאָענטער מחותן זאָל קאָ־נען מאַכן אַ ברכה איבער דער תּורה. די פֿעטסטע עליה, שישי, האָט מען געהאַלטן פֿאַר אים אַליין — פֿאַרן חתן. און אַז עס איז ענדלעך געקומען די ריי צו שישי, און דער בלײכער יונ־גערמאַן פֿון דער מזרח־װאַנט (יעדער ייִדישער חתן איז גע־זעסן אין מזרח און איז געװען בלײך) האָט גענומען גײן צום בעלעמער, איז געװאָרן אַ פֿרײדיקע איבערקערעניש אין שול. דעם אױפֿרופֿערס דרײַ־גאָרנדיקער „יעמוד החתן" האָט זיך אױסגעמישט מיט דעם נישט װײניקער גאָרנדיקן געקװיטש פֿון קינדער, װאָס האָבן זיך געריסן פֿון די טאַטעס װאָס מער נאָכן פֿאַרנט־צו, כּדי צו זײַן זיכער, אַז זײערע זשמענ־קעלעך מיט ראָזשינקעס און מאַנדלען װעלן נישט פֿאַלן ער־געץ־װאו אױפֿן חתנס אַ באַגלײטער, נאָר טאַקע אױף אים אַלײן, אױף זײַן ברײטן, גרױסן שטרײמל, אָדער לכל הפּחות אױף זײַן נײער, זײדענער זשיפּעצע. פֿון דער עזרת־נשים האָט אַראָפּגעגנידערט אין קלױז אַרײַן אַ בינטל נאָענטע מחותנתטעס און געבליבן שטײן פֿאַר דער טיר צום פּאָליש. פֿון דאָרטן קאָן מען באַװאַרפֿן דעם חתן און גרײכן זײַן פּלײ־צע בײם לעצטן שפּאַן זײנעם צום שולחן. די באָבעס און די מאַמעס אין שטערנטיכלעך און שײטלען טראָגן שװערע שקאַרמוצן מיט ראָזשינקעס און טערקישע ניסלעך אין די הענט. די ערשט־חתונה־געהאַטע װײַבלעך אין היטעלעך מיט פּעדערן און די פֿאַרװיטלטע בוגרות־מײדלעך אין די הױלע

קעפּ האָבן גרייט שאַבטעלעך מיט קאָנפעטי. פּאַר זיי זיינען די איידעלע פּירות אַ צו אַלטמאָדישע און אויך אַ צו אומדעלי־קאַטע אַמוניציע. און די זיידעס, די טאַטעס און די פעטערס מיט בערד און מיט ערנסטע פּנימער, וואָס מאַכן דעם אָנ־שטעל פון איינגעהאַלטנקייט — זיי ליגן אַלע אַריבערגעבויגן איבער די שטענדערס, כדי אָפּצוגעבן דעם חתן און די מחותנים אַ וואָס נעענטערן „יישר כח" ביים צוריקגיין פונעם באַלע־מער.

שבת נאָך שבועות איז, ווי געזאָגט, דער הויפּט־סעזאָן פון די זומערדיקע חתנים. און די, וואָס בלייבן איבער, איך מיין די, וואָס זייערע כלות זיינען נישט פּאַרטיק געוואָרן מיטן אויס־שטייער, אָדער די חתונה האָט געמוזט אָפּגעלייגט ווערן צו־ליב עפּעס אַ רוגזהלע צווישן די מחותנים — זיי רופן זיך אויף שבת נחמו אָדער שפּעטסטנס דעם ערשטן שבת פון אלול. אַ ניט? אַ ניט פאַלן זיי אַרויס פונעם זומערדיקן סע־זאָן און ווערן ווינטערדיקע. און דער חתונה־ווינטער הויבט זיך אָן פון שבת־בראשית.

דאָס אַלץ וואָס איך דערצייל דאָ וועגן יענעם זומערדיקן שבת, אין וועלכן ס'האָט אַמאָל אויסשליסלעך געוועלטיקט דער חתן — איז אַ לעקציע, וואָס איך האָב פאַר מיר אַליין געהאַלטן, ווען איך האָב באַשלאָסן צו מאַכן אַ שפּאַציר איבער דער פרומער ניו יאָרק. איך האָב אין זינען געהאַט, אַז שבת נאָך שבועות דאַרף איך מיך אַריינכאַפּן אין דער ערשטער בעסטער קלויז פון דער איסט־סייד אָדער פון ברוקלין און זען ווי דאָס ר' איציקל־שולעכן פון מיין גאַליצישער היימ־שטאָט איז אויך אין פּרט פון חתן־אויפרופעכץ אַריבערגע־פלאַנצט געוואָרן אין קאָלומבעסעס מדינה. האָט אָבער, ווי

מ׳זאָגט דאָס אין מיינע מקומות, דער שטן דעם קאָטער. עס איז טאַקע מן הסתם אמת, אַז כמעט אין יעדער שול איז יענעם שבת פון דער און פון יענער זייט וויליאַמסבורגער בריק פאַראַן אַ חתן, אָבער די עטלעכע שולן און שטיבלעך, וואו מיר איז איינגעפאַלן זיך אַריינצוכאַפּן, געהערן אַלע צום „כמעט״. כמעט אין אַלע שולן איז פאַראַן אַ חתן, ד. ה. אי־בעראַל, אַחוץ אין די קלויזן וואו איך בין געווען.

ס׳האָט זיך אַזוי געמאַכט (צום גרויסן טייל איז דאָס געווען צו פאַרדאַנקען דעם מחיהדיק־ליבלעכן דרויסן), אַז די שלימזלדיקייט האָט אין מיר נישט אַרויסגערופן קיין כעס, נישט אויף מיר אַליין און נישט אויף קיינעם פון מיינע מיטמענטשן. אין פּאַליש פון אַ גרויסער וויליאַמסבורגער שול האָב איך פאַרפירט אַ שמועס מיט אַ באַקאַנטן ייד, וואָס איז אַ גאַנצע וואָך אַ טוער אין ראַדיקאַלע אינסטיטוציעס און שבת האָט ער ליב אַליין צו דאַווענען און אויך צו הערן אַ גוטן בעל־תפילה. ער האָט דאָס מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דער „כמעט״ איז צוליב מלחמה אַ סך, אַ סך גרעסער גע־וואָרן, וואָרעם די מייסטע חתנים זיינען דאָך ביי אָנקל סעם אויף קעסט. און אָנקל סעמס קעסט־קינדער האָבן דווקא חתונה מער ווי ציוויליסטן, אָבער עס איז נישטאָ קיין צייט און קיין געדולד פאַר איבעריקע צערעמאָניעס. און טאָמער יאָ, טאָמער איז פאַראַן אַן אויפרופעכץ (און עס זיינען פאַ־ראַן „פלענטי״ טרייסט מיך מיין באַקאַנטער, וואָס איז צו־געבונדן צו פרומקייט און צו ראַדיקאַלעכץ מיט דעם זעלבן ברען), מוז מען אַ קוק טאָן אין די „פייפּערס״.

אַז מען רופט אויף היינטיקע צייטן אַ חתן אין אַ שול, איז מען עס מודיע אין די צייטונגען. פאַר דער מלחמה האָבן

זיך אַזוי נוהג געווען נאָר די רביים. ס׳איז געווען אַ רבי׳ס אַ זון, און מען האָט גערופן חסידים און סתם יידן, אי צוליב עולם און אי צוליבן פּדיון. אָבער היינט־צו־טאָג — איז מיר דער פּונקט אַזוי פּרומער ווי ראַדיקאַלער ייד מסביר מיט אַ שמייכל — האָט יעדער פּראָסטער ישראל זיינס אייגנס אַ חשובן חתן. וואָרעם וואָס קען זיין חשובער און אָנגעלייגטער ביי אַ שול ווי אויפצורופן צו דער תורה אַ זעלנער, וואָס האָט זיך אומגעקערט ערגעץ פון יענער זייט ים, וואו מען שלאָגט היטלערן, אָדער גרייט זיך אַריבערצופאָרן אין יענע מקומות, וואו מען וועט דעם רשע איה״ש עוקר מן השורש זיין? און, אַז ס׳טרעפט זיך אַזאַ חתן אין אַ שול, שווייגט מען נישט, נאָר מען גיט עס צו וויסן. אַוודאי — הערט מיין באַקאַנטער נישט אויף צו שמייכלען — ס׳איז דאָך אַמעריקע, כאַפּט זיך יעדע שול, די קלענסטע און די גרעסטע, אָן אין אַ געלעגנהייט, וואָס גיט אַ מעגלעכקייט פאַר „פּובליסיטי״. אָבער אין דעם פאַל, אין פאַל פון אַ זעלנערישן חתן, איז עס נישט נאָר פאַרלאַנג נאָך ביליקער „פּובליסיטי״, נאָר אויך אַ סך מער דערפון — איז דער ייד געוואָרן ערנסט, שטאָקערנסט, סימפּאַטיש־ערנסט. עס דריקט זיך אין דעם „צו וויסן טאָן״ אויס דאָס טיפע באַדערפעניש פון אַ שול מיט יידן, אַז וואָס מער עולם זאָל קומען און אַרומרינגלען מיט ליבשאַפט אַ חשובן חתן, אַ חתן, וואָס איז אַ זעלנער און שטעלט איין זיין לעבן אויף אויסצוואָרצלען דאָס רשעות פון דער וועלט.

***

ערב שבת־נחמו האָב איך דורכגעלייענט אין „טאָג״ דעם קאָלום פון געמעלדעטע שבת־דרשות און געזוכט און גע־

פונען, אַז איה״ש מאָרגן, שבת אין דער פרי וועט מען אין דער שול פון דער חברה „אוהב שלום״, אויף 725 סנעדיקער עוועניו, אין ברוקלין, אויפרופן אַ חשובן חתן, אַ קאָרפּאָראַל פונעם לופט־פלאָט. און דער צייטונגס־נאָטיץ האָט אַפילו צו־וויסן געטאָן דעם חתנס פולן יידישן נאָמען: עס וועט עולה לתורה זיין, האָב איך געלייענט, דער חתן רפאל ב״ר אלחנן.

אַז איך בין צוגעקומען צו דער געלער שילד, וואָס איז געהאַנגען קווער איבער דער גאַס און דערציילט, אַז דאָ גע־פינט זיך די „חברה אוהב שלום דניו לאָטס, מקום להתפלל בכל יום ערב ובוקר, שבתים וימים טובים, נוסח אַשכנז״, איז שוין געווען אַ פערטל צו צען, און דאָס דאַוונען האָט זיך געררוקט אַלץ נענטער צו דער שחריתדיקער שמונה־עשרה. די שול געפינט זיך אין אַ קעלער. דאַרף דאָך דאָרט על־פּי שכל זיין קילער ווי אין דעם הייסן דרויסן, איז אָבער דאָרט, קעגן יעדער לאָגיק, געווען הייס און דושנע ממש נישט דעם אָטעם צו כאַפּן. אַן ערך צוויי צענדליק מאַנצבילן, און אין דער עזרת־נשים, וואָס געפינט זיך אין דער זעלבער קעלער־שטוב און איז אָפּגעשיידט פון דער מענערישער קלויז בלויז מיט עטלעכע קורצע פירהענגלעך — איין איין איינציקע פרוי, דעם חתנס מוטער. איך זוך מיט די אויגן דעם חתן. דער מזרח איז ליידיק, נישטאָ דאָרט ניט קיין רב און נישט קיין חתן.

„וואו איז דער חתן?״ — פרעג איך מיין שכן. איך האָב מיט מיין פראַגע געטראָפן אין סאַמע פינטעלע פון אומרו ביי מיין שכן און ביי אַלע מתפללים. די דושנע היץ אין דער קעלער־קלויז ווערט אַלץ הייסער און דושנער, ווייל מען פאַרשטייט נישט פאַרוואָס ס׳איז נאָך נישטאָ דער חתן.

אַלע אויגן לויפן זיך צונויף אויפן פּנים פון איינעם פון די דאַוונערס — אַ מיטלוואוקסיקער, קיילעכדיקער ייד מיט אַ מילדן, פריינטלעכן פּנים. אים פרעגן דאָס אַלע בליקן: וואו איז דער חתן?

„כ'האָב אים געשיקט רופן" — ענטפערט דער ייד אַ ביסל אַ פאַרשולדיקטער און אַ ביסל מיט אַ שמייכל פון אײַ־בערנעמעניש, וואָס זאָגט: אַ זעלנער, געקומען אויף אורלויב, וועט ער זיך איילן צו קומען? ער ווייס, אַז מ'וועט וואַרטן.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דעם חתנס טאַטע און אַז דערווייל איז נאָך גאַרנישט מקוים געוואָרן, וואָס דער צייטונגס־נאָטיץ האָט צוגעזאָגט. דער חתן איז נאָך נישטאָ, פאַרן עמוד דאַוונט נישט דעם חתנס פאָטער, וועלכער איז אַ זייער גוטער „פאַרבעטער", נאָר עפּעס סתם אַ ייד, און עפּעס זע איך אויך נישט דעם ר' אליהו כהן, וואָס דאַרף, על־פּי צייטונג, היינט דאָ דרשנען. איך קען טאָקע נישט דעם בעל־דרשן, אָבער איך בין מיר משער, אַז ער איז נישטאָ. וואָרעם ווען ער איז דאָ, וואָלט ער דאָך געזעסן אין מזרח, און — די מזרח־וואַנט איז ליידיק, אַז ס'קלעמט אַזש ביים האַרץ. ס'ערשטע מאָל קומט מיר אויס צו זען אַ שול אָן אַ שום סימן פון אַ מזרח־אַריסטאָקראַטיע. די לאַנדסלייט פון סוועניאַן (אַ שטעטל לעבן ווילנע), וואָס דאַוונען דאָ, זיינען פאַרהאַרע־וועטע פאָלקס־מענטשן, און עס איז, ווייזט אויס, נישטאָ צווישן זיי קיין צו געלערנטער אָדער צו רייכער, אַז מען זאָל אים קאָנען אויסטיילן פאַרן מזרח, און פאַר אַ רב איז די חברה „אוהב שלום" צו אָרעם. אַלע מתפּללים — אָן בערד, און אַלע, אַחוץ דעם חתנס פאָטער און נאָך צוויי־דריי מחותנים, וואָס

האָבן זיך צוליבן יום־טוב אָנגעטאָן אַ כוח — אַן קראַוואַטן, אַלע מיט אָפענע קראַגנס, ווי ביי דער אַרבעט.

די הויפּט־עבודה האָבן דער גבאי־אויפרופער און דער בעל־קורא. דער גבאי, אַ הויכער, מיט אַן ענערגיש פּנים און מיט באַהאַרצטקייט אין זיינע באַוועגונגען; דער בעל־קורא — אַן אומצופרידענער, אַ פאַרכמורעטער, וואָס לייענט מאָנאָטאָן, אָן אַ טראָפּן לירישקייט אין קול און קאָן נישט „אויסלאָזן״ ביים סוף פון דער פרשה. ס׳איז אַ שווערער וואָגן, וואָס פאָרט אַלע מאָל אין דעם זעלבן פּאַוואָליעדיקן טעמפּאָ און מען קאָן קיין מאָל נישט דערקענען, צי ער האָט זיך אָפּגעשטעלט.

אַז מען האָט אָנגעהויבן לייענען, איז דער חתן נאָך אַלץ נישט געווען. דער גבאי האָט אַ ווייל אַן אים פאַרגעסן. ער האָט געהאַט אַן אַנדער פּראָבלעם. וואו נעמט מען אַ כהן? „אפשר זענט איר אַ כהן?״ — גיט ער אַ פרעג מיך, דאָס איינציקע נייע פּנים אין קלויז. ער האָט געטראָפן, און זיינע אויגן שטראַלן פאַר צופרידנקייט. דער בעל־קורא האָט פאַר מיר געלייענט: „ואתחנן אל ד׳ בעת ההיא לאמור״ (און איך האָב געבעטן צו גאָט אין יענער צייט אַזוי צו זאָגן), און אין מיר איז אויפגעקומען די דערמאָנונג פון יענער צייט, ווען איך האָב אין די יאָרן פון מיין קינדהייט, סיי אין חדר און סיי אין קלויז, נישט געקאָנט הערן אָן האַרצקלעמעניש און פאַרדראָס משהס רירנדיקע בקשה צו גאָט: „לאָמיך אַריבערגיין, איך בעט דיך, און לאָמיך זען דאָס גוטע לאַנד, וואָס אויף יענער זייט ירדן, דאָס דאָזיקע שיינע געבערג און דעם לבנון („אעברה־נא ואראה את הארץ הטובה אשר בעבר הירדן, ההר הטוב הזה והלבנון״) און גאָטס האַרטן אָפּזאָג: „גענוג דיר!

זאָלסט מער נישט ריידן צו מיר וועגן דער זאַך״ (רב לך, אל תוסיף דבר אלי עוד בדבר הזה״). ווי האָט זיך אַזאַ ענט־פער געפּאַסט צו גאָטס טיטל „אב הרחמים״? עס האָט זיך נישט געגראַמט נישט מיט טאַטישקייט און נישט מיט דער־באַרעמדיקייט. דעם באַרדיטשעווער רבס קוראַזש קעגן גאָט און זיינע רעבעלישע ריד קעגן אים, וועגן וועלכע עס האָט זיינע תלמידים אַזוי גערן דערציילט מיין מלמד וואָווע קוגעל, האָבן מיין קינדעריש געמיט דעמאָלט אַרויסגעפירט פון אַ סך סתירות און פון אַ סך פאַרדראָסן.

מיר האַלטן נאָך כהן אין דער שול „אוהב שלום דניו־לאָטס״. דער גבאי זוכט אַ לוי, און אַ לוי איז אויך נישטאָ. אַז מען רעדט אַ שול אַן אַריסטאָקראַטן. מען רופט אויף אַ ישראל במקום לוי, און פון איצט אַן נעמט איבער די ממשלה דעם חתנס פאָטער. פון איצט אַן זאָגט ער וועמען מען זאָל געבן אַן עליה. זיי זיינען אַצינדביידע אויפגערוימט: אי דער מחותן, אי דער גבאי. דער חתן איז שוין דאָ. אַ דינער, מיטלגעוויקסיקער, עלעגאַנטער קאַרפּאַראַל, מיט אַ מיידליש־שיינעם און ווייכן פּנים. ער זעצט זיך אַוועק אין איינער פון די פעדערשטע בענק. דער פאָטער הילט אים איין אין אַ טלית און דער קאַרפּאַראַל קוקט אַריין אין אַ סידור גלייך ווי ער וואָלט געדאַוונט. עס ווערט ערנסט מיטן אויפרופעניש. ס׳איז אַריינגעקומען אַ מיטליאַריקע פרוי, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ סאַרווערין אויף אַ נגידישער שמחה, איז צוגעגאַנגען צום חתנס מוטער (דערווייל נאָך אַלץ די איינציקע פרוי אין שול) און איר איבערגעגעבן אַ היפּש פּעקל מיט שקאַרמיצ־לעך. ס׳איז, הייסט עס, אַנגעקומען ס׳באַוואָרפעניש. דעם חתנס פאָטער נעמט איבער די שקאַרמיצלעך און פאַרטיילט

זיי צווישן די מתפללים. פון די עטלעכע קינדער, וואָס זיינען דאָ אין קלויז באַקומט יעדער זיין שקאַרמיצל, און עס איז צו באַוואונדערן די קינדערישע דיסציפּלין. די וועוורקלעך ווייסן אַלע, אַז אין דעם שקאַרמיצל זיינען דאָ אַזעלכע גוטע זאַכן ווי ראַזשינקעס מיט ניסלעך, אָבער קיינעם פון זיי פאַלט נישט איין צו עפענען ס׳שקאַרמיצל און זיך אַליין צו שטעלן פאַר אַ נסיון. זיי וואַרטן דער חתן זאָל פאַרבייגיין צום באַלעמער, דעמאָלט וועלן זיי עפענען דאָס בייטעלע און עס וועט זיך אָנהויבן די אמתע פרייד פון באַוואַרפן.

און אָט האָט דער גבאי אַ רוף געטאָן, טאַקע עפּעס העכער און עפּעס לענגער אָבער אָן פּאַטאָס, אָן שוואונג און אָן יום־טובדיקייט: „יעמוד הבחור החתן רפאל ב״ר אלחנן״. דער דינער, שיינער און בלייכער קאַרפּאַראַל (ער איז ווי אַן אַלט־מאָדישער חתן געווען בלייך, און דאָס האָט אים צוגעגעבן באַזונדערן חן) האָט געשפּאַנט צום שולחן מיט אַן אויפגע־מישטן סידור אין די הענט. ער האָט זיך נישט פאַרלאָזט מיט די ברכות אויפן זכרון. און די קינדער זיינען געבליבן אַנ־טוישט, נישט פונעם קאַרפּאַראַל, נאָר דערפון, וואָס מ׳האָט נישט געהייסן באַוואַרפן דעם חתן, ביז ער וועט נישט זיין אויפן באַלעמער. און אַזוי הויך האָבן די קינדער נישט געקאָנט גרייכן. וויפיל צער פון קאַליע געמאַכטן שפּיל עס האָט גע־טונקלט אין די קינדערישע אויגן! קיינער האָט זיך דערויף נישט אומגעקוקט. צום ווינציקסטן דער אומצופרידענער, אַ ביסל אָנגעבלאָזענער בעל־קורא. ער האָט אין זינען געהאַט תכלית. ער האָט, ווי ווייט עס האָט זיך געלאָזט, צונויפגע־קליבן די ראַזשינקעס מיט די ניסלעך אויפן באַלעמער, צו־

נויפגענומען די האַלבע און פּערטל שקאַרמיצלעך און זיי אַלע פאַרזאַמלט אין איין גרויסן בייטל.

איך האָב געקוקט אויף דעם דאַזיקן ייד מיטן פאַר־כמורעטן פּנים און האָב דערפילט אַ גרויסן טרויער אין אים. ער איז אַזוי ווייט געווען פון פרייד, עס איז אים אַזוי נישט געלעגן אין קאָפּ קיין שמחה, אַז אַפילו דאָס מאָגערע, זייער מאָגערע ביסל יום־טובדיקייט, וואָס האָט דאָ קוים גע־דעכעט אין שול, איז אים אויך אויסגעקומען צו פיל און צו פאַרשווענדעריש. ער האָט צונויפגעקליבן די ראָזשינקעס מיט די ניסלעך נישט פאַר זיך, נישט פאַר זיין אייגענער גשמיות־דיקער הנאה, נאָר סתם אַזוי, ווייל ער קאָן על־פּי געמיט נישט ליידן קיין פּזרנות. וואָרעם אין פּזרנות איז דאָ אַ סימן פון יום־טוב, פון פרייד, און ער קאָן נישט פאַרשטיין: וואָס איז אויף מענטשן אַזאַ יום־טוב, אַזאַ גדולה?

אים, דעם דאַזיקן בעל־קורא, וואָס אין זיין לייענכץ איז נישט פאַראַן געווען אַפילו איין פריילעכער קלאַנג, איז אים נענטער דער „אל מלא" ווי דער „קול ששון" פון חתונה־פרייד. איז טאַקע ווי מ'איז נאָר פאַרטיק געוואָרן מיטן לייענען, האָט ער איינגערוימט דעם גבאי, אַז ער דאַרף מאַכן עטלעכע „אל מלאס". מיר איז אין מיין היפשלעך לאַנגער קאַריערע פון דאַוונען בציבור קיין מאָל נישט אויסגעקומען צו באַגע־גענען אָט דעם איינפיר פון מאַכן שבת נאָכן לייענען „אל מלאס" נישט אַנדערש ווי „מי שברכס". דאָ, ביי די ליטווישע לאַנדסלייט פון דער אוהב שלום שול אין ניו־לאָטס, איז דאָס מן הסתם אַ מנהג, וועלכן זיי האָבן מיטגעבראַכט פון דער אַלטער היים. אָבער פונדעסטוועגן האָט דער גבאי נישט גע־וואָלט אַריינברענגען קיין טאָן פון טרויער אין דער אַזוי אויך

שוין, ווי געזאָגט, מאָגערער פרייד. „מיר וועלן עס היינט אָפּ־לייגן פאַר מנחה", האָט ער זיך געבעטן ביים בעל־קורא. דער פאַרכמורעטער ייד האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. ס'האָט גע־קאָנט הייסן, אַז ער איז מסכים. אָבער ווי נאָר דער גבאי האָט זיך אַוועקגעדרייט, האָט ער גענומען זאָגן זיינע „אל מלאס" מאָנאָטאָן, טרוקן, וואָכעדיק.

נו, אַז דער בעל־קורא האָט שוין קיין וואָרט נישט גע־האַלטן, האָט שוין דער גבאי אַרויסגענומען אויך זיינע עטלעכע „אל מלאס", און עס איז אַוועק אַ סדרה פון באַקלאָגעכצער, אָנשטאָט פון פרייד־געזאַנגען. דעם אמת געזאָגט, האָבן זיך די פריערדיקע „מי שברכס" און די איצטיקע „אל מלאס", וואָס שייך נגינה און ריטם פון נגינה, אייגנטלעך נישט אונ־טערשיידט פון אַנאַנד. דער „מי שברך" האָט קיינעם נישט אויפגעוועקט, און דער „אל מלא" האָט ביי קיינעם נישט אַראָפּגעדריקט די שטימונג.

פונדעסטוועגן איז געווען איין פראָטעסט קעגן טרויער. אָדער אפשר האָב איך דאָס בלויז אַזוי פאַרשטאַנען. אַז מ'האָלט שוין ביי אל מלאס, איז דעם גבאי איינגעפאַלן, אַז די כלה איז אַ יתומה, און אַזוי ווי גראָד דעמאָלט האָבן זיך באַוויזן אין דער עזרת־נשים די ווייבער פון דער כלהס צד, האָט ער געשיקט פרעגן אויפן נאָמען פון דער כלהס פאַרשטאָרבענעם פאָטער. אָבער דאָ האָט זיך איינע פון די משפחה־פרויען — אַ הויכע מיט אַ קלוגן און שאַרף־געשניטענעם פנים, וואָס אַז מען קוקט זי אָן, זעט מען באַלד, אַז צווישן די איריקע איז זי די דעה־זאָגערין, — אַריינגעמישט און אָפּגעווערט. איך מאַך מיט דער האַנט האָט געזאָגט: „גענוג „אל מלאס", ס'איז היינט אַ שמחה, און לאָמיר זיך ווינטשן, אַז אונדזערע

קינדער, דער חתן און אַלע חתנים, זאָלן אַהיימקומען געזונט און וואָס גיכער". דאָס איז געווען ווי אַ סיגנאַל. דער עולם האָט זיך גענומען אָפּגעבן מזל־טוב און זיך אונטערטראָגן ברכות, וואָס האָבן פּייכט געמאַכט דאָס אויג ביי יעדן טאַטע מיט אַ זון אין אוניפאָרם. ביי מיר אויכעט.

ביים קאָפּיטשיניצער רבין

מען וואַרפט גורל. — קאָפּיטשיניצער שיטה. — אַ שמועס מיטן קאָפּיטשיניצער רבין ר׳ אברהם העשל. — אַמעריקאַנער יידישקייט־צרות. — פאַלקסטימלעכער מוסר וואָס עפנט די אויגן און טרייסט. — דער קירהשער גבאי.

קאָפּיטשינצע אָדער ווי יידן האָבן עס גערופן, קאָפּיטשינעץ, איז אַ קליין שטעטל אין מזרח־גאַליציע אויף דער סטאַניסלאַוו־הוסיאַטינער באַן־ליניע. צווישן אַן אַלגעמיינער באַפעלקערונג פון אַן ערך אַכט טויזנט נפשות האָבן דאָרט געוואוינט 2,500 יידן. קאָפּיטשיניצער יידן האָבן געהאַנדלט מיט תבואה און מיט בראַנפן; האָבן געהאַט שענקען און קראָמען און פרנסה איז ווי אין אַלע גאַליצישע שטעטלעך, געווען געוויינלעך בצמצום און אַמאָל עפּעס ברייטער.

ס׳האָט זיך קאָפּיטשינעץ קיין מאָל נישט געחלומט, אַז

ס׳וועט קומען אַ צייט ווען אין אַ פּראָסטן שבת וועלן זיין עט־לעכע הונדערט אורחים אין שטעטל און אַז אויף יום־טוב און בפרט ימים נוראים וועט אין יידישע גאַסט־הייזער און אין סתם יידישע שטיבער נישט זיין, ווי זאָגט מען דאָס, ממש וואו אַ שפּילקע צו וואַרפן. ווי אַזוי האָט טאַקע געקענט אימיצן איינפאַלן, אַז קיין קאַפּיטשינעץ וועט זיך אַריינציען אַ רבי, און אַז ס׳וועט זיך אָנהויבן אַ גרויס פאַרעכץ און... אַ שפע פון פּרנסה פאַר יידן? ווי אַזוי? אַז אין גאַנצן עטלעכע מייל די ווייט איז געלעגן טשאָרטקעוו, און דאָרט האָט געקיניגט דעם רוזשינערס אַן אייגענער זון?

אַז ס׳באַשערט גליק, קומט עס אין שטוב אַריין, זאָגט אַ פאָלקס־ווערטל. און ווי אַזוי דאָס גליק האָט זיך אַריינגע־צויגן קיין קאַפּיטשינעץ און ווי דאָס שטעטל האָט זוכה געווען צו האָבן אַן אייגענע רבישע דינאַסטיע, באַקאַנט צו ווערן אין דער יידישער וועלט און... און אַריינצובאַקומען מיט דער פולער האַנט פּרנסה — דאָס האָט מיר דערציילט דער איצ־טיקער קאַפּיטשיניצער שליט״א, וואָס האָט זיך מיט איבער דריי יאָר צוריק אַרויסגעראַטעוועט פון היטלערס גיהנום קיין אַמעריקע און רעזידירט איצט דאָס דריטע הויז פונעם פּרץ שרייבער פּאַראיין, אויף דער היימיש־יידישער הענרי סטריט, אין דער ניו־יאָרקער איסט־סייד.

אַז דער הוסיאַטינער רבי (אויך איינער פונעם רוזשינערס זין) איז נפטר געוואָרן — איך דערצייל איבער די געשיכטע וועגן דער גרינדונג פון „קאַפּיטשינעץ״ נישט מיטן רבינס, נאָר מיט מיינע אייגענע ווערטער — האָט זיין איידעם ר׳ יצחק מאיר געמוזט אַ טראַכט טאָן אַרויסצוציען זיך פון הויף און ווערן זעלבסטשטענדיק. צי איז דאָס געווען דערפאַר, וואָס דעם

הוסיאַטינערס אײדעם האָט געהאַט אַ סך פּערזענלעכע חסידים, וועלכע האָבן אים געוואָלט האָבן ביי זיך אין שטעטל, צי אפשר איז דער טעם געווען אַ מער פּשוטער און פּראָזאַאישער: יידישע שטעטלעך האָבן זיך געגויטיקט און געבענקט נאָך דעם ביסעלע שפע, וואָס אַ „גוטער ייד" קאָן מיט זיך מיט־ברענגען, — וואָס עס זאָל נישט געווען זיין די סיבה, אַ פאַקט איז, אַז ס'איז אויסגעבראָכן אַן אַמפּעריי צווישן שטעט, ווי יענע, וועגן וועלכער עס דערציילט די גריכישע לעגענדע. זיבן שטעט, און צווישן זיי די סאַמע גרעסטע אין גריכנלאַנד האָבן זיך אַרומגעריסן וועגן כבוד אין וועלכער פון זיי עס איז געבוירן געוואָרן האָמער — דער פּאָעט. דאָ, אין דער מזרח־גאַליצישער ווירקלעכקייט פונעם סוף פון ניינצנטן יאָר־הונדערט, האָבן זיך טאָפּלט אַזוי פיל שטעטלעך און צווישן זיי די סאַמע קלענסטע אַרומגעקריגט וועגן דעם, אין וועלכן פון זיי דעם הוסיאַטינער רביס אײדעם און דעם אַפּטער רביס אייניקל זאָל אויפשטעלן זיין „הויף".

דער וויכוח איז, ווייזט אויס, געווען הייס און ליידנשאַפט־לעך, ווי עס טרעפט ביי יידן, און אַ יעדע קהילה האָט פאַר־מאָגט איר אידעאַליסטישע וואָרעמקייט און איר מאַטעריאַ־ליסטיש צוקער־לעקעכל. דער יונגער רבי האָט נישט געקאָנט אַליין אָננעמען זיין באַשלוס און ער איז אָוועקגעפאָרן צו זיין פעטער, צום אַלטן טשאָרטקעווער, זיך אַן עצה האַלטן. און דער אַלטער טשאָרטקעווער האָט געפונען דעם ריכטיקן אויס־וועג... ער האָט געהייסן וואָרפן גורל. און דער גורל איז ביי־געשטאַנען דער ק"ק קאָפּיטשינעץ, וואָס איז פון שטאַנדפּונקט פונעם יונגן רבינס אינטערעס געווען צום ווינציקסטן פּאַסיק,

וואָרעם זי איז דאָך, ווי שוין געזאָגט, געלעגן אין גאַנצן עט־לעכע געציילטע מייל פון טשאָרטקעוו.

דער רבי שליט״א האָט מיר איבערגעגעבן די גרינדונגס־געשיכטע פון דער קאָפּיטשיניצער דינאַסטיע מיט אַ געפיל פון באַרעכטיקטן שטאָלץ, וואָס זיין פאָטער, הגם דעמאָלט נאָך אַ יונגערמאַן און הגם פון אַ רבישער גזע, וועלכע איז געווען פרעמד די גאַליציאַנער חסידים, האָט פונדעסטוועגן געקאָנט אויפהאַלטן די עקזיסטענץ פון זיין הויף אין שכנות מיט דעם באַרימטן טשאָרטקעווער זקן ר׳ דוד משה.

און איך געדענק טאַקע זייער גוט פון מיינע יינגלשע יאָרן, ווי יידן אין מיין גאַליצישער היימשטאָט האָבן זיך נישט געקאָנט געבנוג אָפּוואונדערן פון דעם גרויסן חידוש: קאָפּי־טשינעץ. פון יאָר צו יאָר איז דאָס פאַרעכץ אַהין געוואָרן גרעסער, און פון יאָר צו יאָר איז מען געפאָרן פון אַלע וויי־טערע מקומות. קנאַפּ פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט דער קאָפּיטשיניצער „הויף״ פאַרנומען אַ פּאָזיציע אין מזרח־גאַליצישן חסידות, וואָס אָט נאָך אַ טרעפּ און צוויי — און ער דערגרייכט צו עטלעכע פון די גרעסטע: צו טשאָרטקעוו, צו אָטיניע, צו וויזשניץ, צו באָיאַן.

אַזוי הויך האָט קאָפּיטשינעץ נישט דערגרייכט. אָבער וואו איז דאָך געלעגן דער סוד, וואָס דעם הוסיאַטינער רבינ׳ס איידעם האָט געהאָט אַזאַ גוואַלדיקע פּאָפּולאַריטעט צווישן גאַליצישע חסידים און געקאָנט אויפשטעלן אַ נייעם „הויף״ אין אַ צייט, ווען אַנדערע האָבן געהאַלטן ביי ירידה? ווען איך נעם דורך אין מיין זכרון אַלץ, וואָס איך האָב געהערט וועגן קאָפּיטשינעץ מיט קנאַפּע דרייסיק יאָר צוריק אין גאַליציע, און פאַרגלייך עס מיט די רייד, וועלכע עס האָט

צו מיר גערעדט דער איצטיקער קאַפּיטשיניצער רבי אויף דער ניו־יאָרקער איסט־סייד, דאַכט זיך מיר אויס, אַז עס איז פאַר מיר קלאָר דער „פּאַרוואָס".

ר׳ יצחק מאיר פון קאַפּיטשינעץ, דער אייניקל פון רוזשינערס אַ זון און אַן אייניקל אין פינפטן דור פונעם באַרימטן אַפּטער רב ר׳ אברהם יהושע העשל, האָט פאַר דעם ברייטן חסידישן עולם אין גאַליציע געבראַכט צו טראָגן אַ נייעם ניואַנס פון אַ רבישער פערזענלעכקייט. דאָס גאַנצע גאַליצישע חסידות האָט זיך על־פּי דער שיטה פון ר׳ אלימלך פון ליזשענסק (נועם אלימלך, געשטאָרבן אין 1787) געהאַלטן אויף אַ גוזמאדיקן קולט פונעם צדיקס פערזענלעכקייט. ר׳ אלימלך איז געווען דער, וואָס האָט אויפגעשטעלט דעם טעאָרעטישן גרונטזאַץ, אַז די גרויסקייט און הייליקייט פונעם רבין טראָגט זיך אַריבער אויף זיין זון. דעם רבינס זון איז שוין אַ קדוש מבטן אמו. זיין גרויסקייט איז שוין נישט קיין פאַרהאָרעוועטע דורך אייגענער גייסטיקער און מאָראַלישער פּראַצע, נאָר זי איז אַ פּריווילעגיע, וואָס איז צו אים איבערגעגאַנגען בירושה. זי איז נישט קיין אייגענע, נאָר אַ זכות־אָבותדיקע.

און אָט די תורה, וואָס איז געוואָרן דער טעאָרעטישער יסוד פון צדיקיזם, האָבן איבערגענומען דעם רבי ר׳ אלימלכס תלמידים, וואָס צווישן זיי איז זיכער איינער פון די וויכטיקסטע געווען דעם קאַפּיטשיניצערס עלטער־זיידע, דער אַפּטער רב. און אָט די טעאָריע האָבן אויך איבערגענומען און זיך לויט איר געפירט כמעט אַלע גאַליציש־חסידישע דינאַסטיעס און צווישן זיי די רוזשינער.

די דאָזיקע ליזשענסקער שיטה, וואָס האָט דעם חסיד

אין דער גרעסטער מאָס באַפרייט אי פון איבעריקע תורה־מאַטערנישן, אי פון אייגענער מאַראַלישער האַרעוואַניע און זיך אים געהייסן אין גאַנצן פאַרלאָזן אויפן כוח פונעם רבין, איז געווען, ווייזט אויס, פון לכתחילה זייער צוגעפּאַסט צום געמיט־צושטאַנד פון די אָרעמע יידישע מאַסן אין גאַליציע. האָט טאַקע דער דורכשניטלעכער גאַליצישער חסיד פאַרערט, פאַרגעטערט זיין רבין און הייליק געגלויבט אין זיין זכות־אָבותדיקער גרויסקייט.

אָבער מיט דער צייט איז דעם פּשוטן יידן, ווי אַמאָל די גרויסקייט פון דער תורה, אויך די גרויסקייט פון רבין גע־וואָרן צו ווייניק, אָדער בעסער געזאָגט — צו־ווייט. דער חסיד האָט געהאַט אַ באַדערפעניש נהנה צו זיין פונעם רבינס פּערזענלעכקייט און אין דער נויט תכליתדיק אויסצונוצן דעם רבינס כוח „פאַר זיך און פאַר זיין אייגן הויז־געזינט".

אין די „הייף" פונעם רוזשינערס קינדער איז די גרויס־קייט פונעם רבין פאַרן פּשוטן חסיד געווען נישט ווייניקער ווייט, ווי די גרויסקייט פון דער תורה. דער חסיד האָט זיין רבין געזען, אָבער נישט געקענט. דער צדיק איז געווען איינגעהילט אין אַ שלייער פון מיסטיק און אָפּגעטיילט פונעם עולם דורך אַ שטרענג־אויסגעהאַלטענער הויף־עטיקעטע. דורכברעכן די דאָזיקע באַריקאַדע האָט מען געקאָנט בלויז מיט באַזונדערער לומדות, מיט אומגעווייגלעכער מאַראַלישער געהויבנקייט, מיט יחוס און מיט רייכקייט.

און אַפילו אין די אַזוי גערופענע „דעמאָקראַטישע הייף" פון קאַפּעל חסידס אייניקלעך, איך מיין אין וויזשניץ און אין אָטיניע, האָבן די פּריוואַטע צרות פונעם דורכשניטלעכן חסיד נישט געהאַט קיין פאַראַדנעם צוטריט צום רבין. דער וויזש־

ניצער ר׳ ישראלעניו איז געווען מער פּאָליטישער פירער פונעם כלל אײדער פּערזענלעכער בעל־עצה פונעם יחיד.

און אפשר טאַקע דערפאַר איז דער אָרעמער און מיטל־שטאַנדיקער חסיד אַזוי גערן געפאָרן נישט צום רבינס יורש, נאָר צום רבינס ייִנגערן זון, וואָס האָט זיך אויפגעשטעלט אַ „הויף" אין אַן אַנדער שטעטל. בײם ייִנגערן, וואָס איז מער אָנגעוויזן אויף חסידים, וועט מען אפשר גיכער קאָנען צו־קומען מיטן פּעקל אײגנס. און וואָס שײך דעם רבינס גרויס־קייט, איז זי דאָך גלייך בײ בײדע ברידער, ווארעם זי איז אַ געירשנטע, אַ זכות־אָבותדיקע. ער איז געפאָרן, דער חסיד, צום ייִנגערן צום ייִנגסטן און איז נישט אײנמאָל אַנטוישט געוואָרן.

דעם הוסיאַטינער רבינס אײדעם ר׳ יצחק מאיר, וואָס האָט זיך באַזעצט אין קאָפּיטשינעץ, על־פּי גורל, האָט אויס־געפילט אָט דעם בלויז אין דער זעלישער באַדערפעניש פון דעם גאַליצישן חסיד. דער קאָפּיטשיניצער איז געווען אַ רבי, וואָס האָט זיך גענומען צייט און געדולד אויסצוהערן פּער־זענלעכע צרות און צו געבן גוט־דורכגעטראַכטע עצות, וואָס האָבן געהאַט אין זיך אי דאָס פינטעלע שכל הישר, וואָס אַפּעלירט צום פּראַקטישן ייִדישן סוחר, אי דאָס תקיפות פון זיכערקייט, אַז דעם רבינס פּלאַן מוז אויך געלינגען, אויב דעם שכל זאָל פּלוצעם אײנפאַלן אַקעגנצושטעלן זיך. האָט טאַקע דער קאָפּעטשיניצער באַלד באַקומען דעם שם פון אַ רבין אַ חכם און אַ... בעל־מופת. אין קאָפּיטשינעץ האָט מען נישט געהערט קיין תורה פון רבין. דאָרט האָט מען זיך געפּראַוועט בײם רבין. דער חסיד האָט דעם רבין פאָרגע־לייגט, וואָס ער פאַרלאַנגט פון אים, און דער רבי האָט אים

קלאָר געמאַכט מיט וואָס און ווי אַזוי ער קאָן אים העלפֿן. עס האָט דאָרט געהערשט, ווי חסידים פלעגן דערציילן, אַ פּראַקטישער גייסט פון מקח וממכר. עס זיינען אויסגעביטן געוואָרן יידישע צרות אויף נאַטירלעכער הילף פון עצה און אומנאַטירלעכן ביישטאַנד פון זכות־אָבות.

דער קאַפּיטשיניצער רבי האָט געירשנט פון זיין עלטער־זיידן דעם אַפּטער רב אַ טיף פאַרוואָרצלטן זעלבסטבאַוואוסט־זיין, וואָס האָט דעם כוח צו ווירקן אויף מענטשן און זיי צו מאַכן גלויבן אין זיך. ווען דער אַפּטער רב — דערציילט די חסידישע לעגענדע און די חסידישע כראָניק — האָט יום־כפור ביי דער „עבודה" אַ זאָג געטאָן, אַנשטאָט „וכך היה אומר" (אַזוי פלעגט ער זאָגן — דער כהן), „וכך הייתי אומר" (אַזוי פלעג איך זאָגן), האָט אַלעמען דורכגענומען אַ דראָזש. אַזאַ כוח פון אמת האָט אַרויסגערעדט פון זיין מויל. ווען דער קאַפּיטשיניצער האָט צוגעזאָגט הילף על פי מופת — און קיינער האָט נישט אַזוי קלאָר און דירעקט צוגעזאָגט אַזאַ הילף — איז דער חסיד אַוועקגעפאָרן מיט הונדערט פּראָצענט זיכערקייט און טרייסט. און אַלע מופתים זיינען טאַקע דער־פאַר געשען... אין דעם פּרט האָט אין זיך קאַפּיטשינעץ געהאַט עפּעס פון דער, איך וואָלט געזאָגט, מופת־ברוטאַל־קייט און מופת־ניכטערקייט פונעם באַרימטן צדיק ר' הערשל רימאַנאָווער, וואָס פלעגט, ווי חסידים דערציילן, פאַרקויפן וואונדער און זיך דערביי צומאָל נישט שפּעטנע אַ דינג טאָן מיטן פּרייז.

אין קאַפּיטשינעץ און דערנאָך אין ווין, וואוהין ר' יצחק מאיר האָט זיך אַריבערגעקליבן אין אָנהויב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און וואו ער איז פאַרבליבן ביז זיין פּטירה,

מיט זעקס יאָר צוריק, האָט מען זיך דווקא נישט געדונגען. עס האָט דאָרט געהערשט, ווי מ׳זאָגט אויף דער שפּראַך פון מסחר, דער גייסט פון קולאַנטקייט. מען האָט געגעבן עצות און געשפּרייט טרייסט מיט אַ פולער האַנט און מיט אַ ברייט האַרץ, און... די גבאים זײַנען גראָד נישט געווען אַזוי פּינקטלעך און אַזוי תכליתדיק, ווי צומאָל אין אַנדערע „הייף״. קאָפּיטשינעץ האָט געשמט מיט האַרציקייט, מיט צוגעלאָזנקייט צו מענטשן און מיט דירעקטע אָן־צערעמאָניע גע־שפּרעכן צווישן רבי און חסיד.

דער לעבעדיקסטער באַוויז פאַר אָט דער אידילישער און גוט באַלעבאַטישער אַטמאָספערע פון קאָפּיטשינעץ איז טאָקע דער איצטיקער רבי ר׳ אברהם הערשל, וואָס האָט פאַרנומען זײַן פאָטערס פּלאַץ אין תרצ״ו (אין 1936) אין ווין און איז זינט דריי יאָר אַ פליכטלינג אין אַמעריקע. איך בין געזעסן מיטן קאָפּיטשיניצער אין אַ פּראָסטן מיטוואָך נאָכמיטאָג אין זײַן שטיבל הינטער דער קלויז און מיר געלאָזט דערציילן אינטערעסאַנטע מענטשלעכע פּרטים וועגן אָפּטער רב, וועגן זשינקעווער רבי און וועגן זײַן זון ר׳ משולם זושע, וואָס האָט אַרויסגעגעבן דעם אָפּטערס ספר „אוהב ישראל״.

דער קאָפּיטשיניצער איז אַ מיטל־וואוקסיקער מיט אַ שמאָלער און שיטערער באָרד פון אַן אָפּגעהיטן ייד, וואָס רעדט נישט קיין שלעכטס אויף מענטשן. אַ נאָז האָט ער אַ דיקלעכע, אַ פאַלקסטימלעכע, און די צורה זײַנע איז אַ ווייכע און אַ היימישע. זי ווײַעט אויף אײַך אָן די מילדקייט פון חומש מיט רש״י און די ליבלעכקייט פון „עין יעקב״. און רויכערן רויכערט דער רבי נישט פון אַ בורשטינענעם ציגאַר־שפּיץ און נישט פון קיין לאַנגן ליולקע־ציבוק, נאָר עכט־

אַמעריקאַניש: פון אַ קורצער פּיפּקע. און ווען איך זאָג „עכט אַמעריקאַניש", מיין איך צו זאָגן, אַז דער רבי האָט זיך שוין אויף ווי ווייט מעגלעך צוגעפּאַסט צו די אַמעריקאַנישע אומ־שטענדן. ער נוצט שוין אַפילו היפּשלעך ענגלישע ווערטער אין זיין גאַליצישן יידיש. ער זאָגט שוין נישט „רייניקן" נאָר „קלינען", ווי אַלע זיינע חסידים, און ווער די חסידים זיי־נען — האָב איך באַלד פאַרשטאַנען. וואָרעם דער קאָפּיטשי־ניצער האָט צו מיר גערעדט מיט אמתער געמיטלעכקייט, ווי צו אַ חסיד, וועגן די פּראָבלעמען פון יענע יידן, וועלכע קומען צו אים נאָך עצות.

דאָס זיינען נישט קיין גרויסע געזעלשאַפטלעכע פראַגן פון דערציאונג, וואָס באַשעפטיקן דעם ליובאַוויטשער צענטער אין ברוקלין. אויף 132 הענרי סטריט פרואווט מען, ווי אַמאָל אין דער פאַרמלחמהדיקער קאָפּיטשינעץ, צו פאַרענטפערן די פריוואַטע צרות פון דעם פשוטן און דעם וואָכעדיקן ר' ישראל און פאַרענטפערן פאַר יעדן באַזונדער. פאַר יעדן באַזונדער — אַן עצה און פאַר יעדן באַזונדער — אַ טרייסט. און די צרות זיינען אי פון פרנסה, אי פון יידישקייט. דאָ, אין אַמעריקע, מער פון יידישקייט, און ממילא באַלייכטן זיי די גרויסע געזעלשאַפטלעכע יידישקייט־צרה דאָ, אויפן נייעם קאָנטינענט.

דערציילט דער רבי וועגן אַ יידענע, וואָס קומט זיך באַ־קלאָגן למאַי איר זון האָט חתונה געהאַט מיט אַ קריסטלעך מיידל. איז וואָסי טאַקע דער וואונדער — טענהט דער רבי, אַז אַנשטאָט דאַוונען, האָט דאָס ייִנגל געשפּילט בעיזבאָל, אַז מען האָט דעם קינד נישט געוויזן קיין וועג צו יידישקייט, אים נישט געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער איז אַנדערש, ווי

זיינע קריסטלעכע חברים? אַז אַפילו דער טאַטע אַליין דאַוונט נישט — וואָס־זשע איז דער וואונדער, וואָס דער זון קען נישט משיג זיין — למאי אַלץ יאָ און אַ שיקסע פאַר אַ ווייב נישט?

אַזאַ מין פאַלקסטימלעכן מוסר האָט, דאַכט זיך, די יידענע פון העגרי סטריט נאָך נישט געהערט. פון אַזעלכע רייד ווערט איר קלאָרער אין מוח און טרויעריקער, אָבער דערפאַר אויך וואַרעמער אויפן האַרצן. און טאָמער האָט זי נאָך אַלץ נישט פאַרשטאַנען און זי מיינט צו זאָגן, אַז איר מאַן איז אַזוי פאַרהאָרעוועט, אַז ער האָט אַפילו נישט קיין צייט צו דאַוונען, מאַכט איר דער רבי נאָך קלאָרער דעם ענין אַזוי: ווען רוזוועלט — טענהט ער צו דער יידענע — זאָל רופן גאַנץ פרי דיין מאַן צום טעלעפאָן און זאָל מיט אים וועלן ריידן, וואָלט ער געלאָפן און נישט געפרעגט, צי ער האָט צייט — איאָ? און אַז ער דאַרף זיך דורכריידן מיטן רבונו של עולם אַ האַלבע שעה אין דער פרי, איז ער „ביזי״?

וואָס קאָן שוין ענטפערן די יידענע פון העגרי סטריט אויף אַזאַ קלאָרן מוסר מיט אַלע חן־פינטעלעך פון שכל הישר? איך וויס נישט, צי די ווירקונג פון אַזאַ מוסר קאָן זיין אַ געדויערדיקע אָבער פאַרן מאָמענט רייניקט אַזאַ אויס־רייד, עפנט די אויגן און טרייסט.

קאַפּיטשינעץ אין ניו־יאָרק גייט זיך דעם אייגענעם דרך, ווי אַמאָל טאַקע אין קאַפּיטשינעץ אַליין, נאָר וואָדען? מ׳גייט אַראָפּ אַ טרעפּ און מען פּאַסט זיך צו צום ניוואָ.

אַ געפיל פון געהויבנקייט האָב איך פון דעם שמועס מיט דעם קאַפּיטשיניצער נישט אַרויסגעטראָגן, אָבער דער־פאַר אַ זיכערקייט, אַז דעם „אוהב ישראלס״ אייניקל אין ניו־

יאָרק האָט זיך זיין קלאָרן פּלאַן ווי אַזוי מיט ליבשאַפט צו דינען די יידן פון דער איסט־סייד און דערביי אַליין אויך ניט צו פאַרלירן.

ביים אַרויסגיין האָט מיר דער גבאי, אַ קירהשער ייִד מיט אַ שיין געשוירענער באָרד, ווי אַ בייט פון גראָז ביי פּראַנץ יאָזעפן אין שיינברון, אַ זאָג געטאָן מיט גרויס פאַר־געניגן: „שוין געענדיקט, האַ? דער רבי איז, ב״ה, נישט עפּעס אַן אייניקל. ער האָט געהאַט אַ טאַטן — און ער האָט צוגע־געבן מיט נאָך מער תענוג — און איך האָב אַ רבין.״

ס׳איז ביידעס אמת. און גאָט זאָל העלפן, אַז אַלע יידן זאָלן האָבן פּרנסה! — האָב איך אים געענטפערט.

דער אָזשעראָווער פּראַוועט שלוש-סעודות

שבת פּאַרנאַכט אויף מאָנטגאָמערי סטריט. — אַ לעבעדיקע מנחה אין „פּוילישן שטיבל״. — ס'איז צו ליכטיק אין שול. — דער רעזשיסאָר מיט אַ בעזעמדיקער באָרד. — אַ פּאַרשפּעטיקטער ייד און אַ גוזאַלצענע מוציא. — מער ביטערקייט ווי צער. — אַ יידל אַן אַפּיקורס מיט אַ פרום פּנים.

שבת פּאַרנאַכט־צו איז אויף איסט־בראָדוויי אַרום קלינטאָן און מאָנטגאָמערי סטריט נאָך אַלץ שבת. אין וואָס איך דערקען עס? מיין ערשטער סימן איז די ספּעציפישע שטילקייט דאָ, וואָס זעט אויס גלייך זי זאָל זיך האָבן אַריבערגעפּעקלט אַהער אַזוי ווי זי שטייט און גייט פון ערגעץ אַ שטאָט אין דער אַלטער היים. ס'איז אַ שטילקייט מיט חשיבות, מיט צניעות. אַ שטילקייט, וואָס איז ביי זיך אָפּגעפּיינט און שווינט

זיך דעם כבוד. פאָרט דורך אַ שווערער לאַסט־אויטאָבוס און מאַכט אַן אַ רעש, אָדער עס צעבלאָזט זיך אַ קילבלעכער ווינט און יאָגט אַרום אַ פאַרשייטער מיט קאַפּעליושן און מיט שטיקלעך פּאַפּיר — די שטילקייט גייט אויסן וועג; זי האַלט זיך אַריסטאָקראַטיש אַן אַ זייט, ביי די ווענט פון די הייזער. אָבער ווער עס האָט אויגן צו זען וועט פונדעסטוועגן דער־זען, אַז די באַלעבאָסטע איבער די עטלעכע גאַסן דאָ איז זי, די שבתדיקע שטילקייט, און נישט עמעץ אַנדערש...

און נאָך אַ באַווייז האָב איך, אַז ס'איז שבת דאָ אויפן איסט־בראָדווייער טראָטואַר: די דריי ברידערלעך, וואָס שפּילן זיך פאַרן הויז פון דעם באַיאַנער רבין. דריי יינגלעך איינס העכער פונעם אַנדערן, ווי די שטאַפּלען פון אַ לייטער. אַלע דריי אין גרינע קאַפּעליושלעך און אין גרינע רעקלעך מיט שמאָלע קעלנערלעך ווי פּאַסיקלעך אַרום דעם האַלדז, און אַלע דריי טראָגן מיט ווערדע און מיט אַחריות די שבתדיקע אויסגעפּוצטקייט אויף זיך. דער שפּיל זייערער איז אַ סטאַ־טעטשנער, אַ ישוב־הדעתדיקער. אַ לויף, אַ שפּרונג, אַ זאַמאַך צו דערלאַנגען איינער דעם אַנדערן מיט די פויסטן און... זיך־דערמאָנט, אַז מען טאָר נישט, ווייל מען קאָן צעשטערן דעם שבת אויפן לייב.

ביי די דאָזיקע „ילדי ירושלים" איז מיר איינגעפאַלן צו זוכן אינפאָרמאַציע, אין וועלכער נאָענטער שול פון דאַנען מען פּראַוועט היינטיקן שבת עפּעס אַ באַזונדערן שלוש־סעודות. און איך האָב מיך נישט טועה געווען. איך האָב גע־פרעגט אויף יידיש און אַלע דריי האָבן געטראַכט באַזונדער און אינאיינעם און מיר דערנאָך געענטפערט אויף ענגליש

מיט הנאה און אויף אַ קול, אַז אין „פוילישן שטיבל" איז דאָ אַ גאַסט, דער אָזשעראָווער רבי פון די בראָנקס.

דאָס „פוילישע שטיבל", וואָס ליגט אויפן עק פון איסט־בראָדוויי און מאָנטגאָמערי גאַס, איז שוין גאָר קיין „שטיבל" נישט. עס איז אַ גרויסע, ליכטיקע שול, און וואָס שייך די פוילישקייט פון דער שול, האָט מיך איינער אַ סאַמאַראָדנער פוילישער אינפאָרמירט מיט היפּש פאַרדראָס, אַז זי איז אויך נישט מער ווי אַ דערמאָנונג, ווייל היום יום דאַוונען דאָרט מער ליטוואַקעס ווי פוילישע יידן. צי מיין אינפאָרמירער איז געווען גערעכט על־פּי סטאַטיסטיקע ווייס איך נישט. אָבער אַז אין דעם „שטיבל" און ביי דעם שלוש־סעודות־טיש האָט געהערשט אַ „ליטווישע" געצוימטקייט און איינגעהאַלטנקייט, דאָס קאָן איך אַליין באַשטעטיקן.

ס'איז געווען אַ לעבעדיק מנחה־דאַוונען. אַ קליין דריבנע בעל־תפילהכל האָט געמאַכט, ווי מען זאָגט, אַ גוטן „דזשאַב". אַ בעל־קורא אין אַ קורץ־רעקל, אויף וועלכן דער גאַרטל האָט זיך אויסגענומען פרעמד און וואַכעדיק, האָט געלייענט מיט אַ זיכערער און אָנגענעמער שטימע. אַ הויכער ייד מיט אַ בעזעמדיקער באָרד, וואָס איז דערנאָך געווען דער רע־זשיסאָר ביים שלוש־סעודות, האָט אַכטונג געגעבן, אַז יונג־וואַרג זאָל נישט רעדן ביים דאַוונען.

און עס איז געווען אין שול דערשטוינלעך אַ סך יונג־וואַרג. אָנגעהויבן פון יונגע בעלי־בתים מיט קורץ־געשוי־רענע בערדלעך ביז יונגעלייט גלוחים, וואָס זיינען פרום און מען קאָן שווערן, אַז זיי היפּערן נישט איבער אַ וואָרט ביים דאַוונען, און ביז קליינע יינגלעך ביים הינטערשטן טיש, וועלכע ווילן אַ שטיף־טאָן — ס'חיות גייט אויס — האָבן

אָבער מורא פאַר דער לאַנגער באָרד, וואָס שוועבט שטרענג סכנהדיק איבער די קעפּ.

דערנאָך, אַז מען האָט זיך געזעצט צום טיש און זיך גענומען פּראָווען, זיינען די קליינע שטיפערס, וועלכע האָבן זיך אַרומגעטומלט אין הינטערשטן טייל פון דער שול און האָבן אַלעמאָל אַריינגעכאַפּט פון דער בעזעמדיקער באָרד אַ באַפּעלערישן: „שאַ, שטיל זאָל זיין“, געווען די איינציקע אויף דער „סצענע“, וואָס האָבן מיך דערמאָנט אין די וואונ־דערלעכע שבתדיקע בין־השמשות־ספּעקטאַקלען פון מיינע קינדער־יאָרן.

בלויז דערמאָנט אין אַמאָל, אָבער אין איצטיקן שלוש־סעודות־בילד אין „פּוילישן שטיבל“ האָבן זיך די קינדער נישט אַריינגעפּאַסט. ס׳האָט די „וואויוועריס“, וואָלט איך גע־זאָגט, געפעלט די טעאַטראַלישע באַרעכטיקונג. ווען מיר קליינוואַרג האָבן מיט דרייסיק יאָר צוריק אין דער האַלב־טונקלקייט און אין דער כמעט־טונקלקייט פון קלויז אַרומ־געבושעוועט צווישן די שטענדערס און דערקוטשעט די שלוש־סעודותניקעס מיט ווייסע חברהשע שפּיצלעך, האָבן מיר געהאַט פאַר זיך אַ קלאָרן קינסטלערישן ציל. ראשית, איז דאָס געווען גאָר אַן אַנדער שפּיל. ס׳איז געווען אַ שפּיל אונטער דער הערשאַפט פון שאָטנס. און אַזאַ שפּיל האָט גערעדט מיט עפּעס אַ באַזונדער לשון פון אומגעוויינטלעכ־קייט און... מיסטיק צום קינדערשן געמיט. והשנית: זיינען מיר גבורים. ס׳איז פינצטער און מיר האָבן פונדעסטוועגן נישט קיין מורא. ס׳איז אַ היימישע פינצטערקייט. מען זעט טאַקע נישט די פּנימער פון די טאַטעס און פון די פעטערס ביים טיש, אָבער מען פילט און מען הערט זייער פאַראַנגע־

קייט און מען איז זיכער ביי זיך, אַז זיי וואַכן איבער אונדז און באַהיטן אונדז. און והשלישית, ס'איז אויך דאָ אַ והשלישית: דער ליאַרעם און דער אומרו פון די קינדער דריקט אויס זייער בענקשאַפט נאָך ליכט. די אַלטע, די בערדיקע ביים טיש ווערן נישט מיד צוריקצוהאַלטן דעם אַנגעלייגטן גאַסט: שבת. זיי פאַרווײלן אים מיט דברי־תורה, מיט געזאַנג און לאָזן אים נישט אַוועקגיין. די קינדער אָבער ווערט נמאס און לאַנגווייליק די צופיל־העפלעכקייט פון זייערע טאַטעס. צינדט אָן ליכט — שרייט יעדער אומגעוואָרפענער שטענדער זייערער — און לאָזט דעם אורח אַהיימגיין.

אָבער וואָס איז אויסן דאָ, אין „פוילישן שטיבל", דער טומל פון קליינוואַרג? ס'איז אַזאַ מין ליכטיקייט דאָ אין שול. די עלעקטרישע לאָמפּן ברענען און עס איז אַזוי נישט אַנדערש ווי אַלעמאַל, אַז די קינדער האָבן באמת נישט פאַרוואָס זיך צו וועלן שפּילן דווקא דאָ אין שול און נישט אין דער היים אָדער אויף דער גאַס. דער הויכער ייד מיט דער בעזעמדיקער באָרד, וואָס האָט אָקאָרשט אויסגעזעצט די יידן ביי צוויי טישן און רעזשיסירט אַפילו דאָס צעטעכערן דעם קוילעטש אויף מוציאס, האָט געקאָנט לייכט אַרויסוואַרפן פון זיין רעזשי־בוך די קינדער־טומל סצענע, וואָרעם זי איז טעאַטראַליש לגמרי נישט באַרעכטיקט.

די שפע פון ליכט איז דער גרונט־חסרון פון דעם גאַנצן שלוש־סעודות. צוליב דער ליכטיקייט ווערט אָפּגעווישט דער באַזונדערער כאַראַקטער פונעם „טיש". ס'איז נישט דווקא אַ סעודה, ביי וועלכער מען געזעגנט זיך מיט שבת. אַזוי קאָן מען אויך זיצן און פאַרברענגען פרייטאָג־צו־נאַכטס, ווען מען איז דעם גאַסט מקבל־פנים. ס'האָט געפעלט די שטימונג

פון בענקשאַפט און פון אומעט, וואָס איז נאַטירלעך אָדער כאָטש העפלעך אַרויסצואווייזן ביים צעשיידן זיך.

איך בין מיר משער, אַז די ליכטיקייט אין שול האָט געשטערט דעם רבין. וואָרעם די גאַנצע צוויי שעה אַן ערך און אפשר מער, וואָס איך האָב אים מהדר געווען ביים טיש, האָט ער בלויז פּאָר עטלעכע רגעס אויפגעעפנט די אויגן. מיט דער רעכטער האַנט האָט ער, דאַכט זיך, די גאַנצע צייט געהאַלטן פאַרשטעלט ס׳פּנים. האָב איך דערפאַר טאָקע נישט געקאָנט זען וואָס עס דריקט אויס דעם אַזשעראָווערס פּנים בשעת יידן ביי דער רעכטער זייט טיש האָבן איינער נאָכן אַנדערן, לויט דער קאָמאַנדע פונעם הויכן גבאי מיט דער בעזעמדיקער באָרד, געזונגען אַן טעמפּעראַמענט און צו־מאָל אויך אַן אַ שטימע „אתקינו סעודתא״, „בני היכלא״ און „מזמור לדוד״. אָבער זשעסטן האָט דער רבי געהאַט באַ־רעדעוודיקע. ער האָט געוואָרפן מיטן קערפער הין און צוריק און האָט פון צייט צו צייט מיט דער לינקער פויסט אַ האַמער געטאָן אין טיש און אַרויסגעריסן פון זיך אַ וויי־טאָגלעכן „אוי וויי״. אָבער ער איז געבליבן איינער אַליין אויפן שלאַכטפעלד. (קיינער האָט נישט אונטערגעכאַפּט דעם רבינס צער). דער ייד מיט די רויטע בעקלעך און מיט דער ווייסער באָרד, וואָס האָט גראָד פונעם אָפענעם סידור אַרויס־געזונגען „מזמור לדוד״, האָט זיך נישט געלאָזט שטערן פו־נעם רבינס קרעכצן. ער האָט געצויגן די ווערטער מיט עפּעס אַן אומבאַקאַנטן ניגון, וואָס האָט זיך כלל נישט געַ־גראַמט מיטן רבינס „אוי וויי״. און דער הויכער גבאי, וואָס איז געשטאַנען ביים אַזשעראָווערס לינקער זייט, האָט גראָד דעמאָלט דערזען אַריינקומען עפּעס אַ בעל־הבית אין אַ האַרטן

קאַפּעליוש, האָט ער צו אים אַ שאָקל געטאָן מיט זיין בעזעמדיקער באָרד און צו אים אַ וואונק געטאָן מיט זיי־נע אויגן און אים געהייסן אַרויפקומען. דערנאָך האָט ער אים געשיקט צום האַנטפאַס זיך וואַשן די הענט. און אַז דער ייד האָט זיך צופיל פאַרזאַמט ביים כיור, האָט דער גבאי אָפּ־געשניטן אַ כזית קוילעטש, עס איינגעטונקען אין זאַלץ און זיך געלאָזט גיין זוכן דעם פאַרלוירענעם. ער האָט, ווייזט אויס, געהאַט אַ באַזונדערס לעבעדיקן אינטערעס, דער גבאי, מקרב צו זיין דעם הארטן קאַפּעליוש. אָבער אַז דער ייד האָט אַ נעם געטאָן די מוציא אין מויל אַריין און האָט זיך אַזש פאַרקרימט (ס׳איז געווען אַ צו גרויסע פּאַרציע פון זאַלץ אויפן שטיקל קוילעטש) האָב איך באַשיינפּערלעך גע־זען, אַז דער גבאי האָט געמאַכט אַ פעלער. מיט אַזאַ טעם אין מויל וועט דער ייד געבן וואָס ווייניקער.

איך בין באמת נישט שולדיק וואָס איך האָב געקאָנט באַמערקן אַזאַ קליינינקייט. שולדיק איז, ווי געזאָגט, די צו־פיל ליכטיקייט אין שול. אַז עס איז אַזאַ שפע פון העלקייט קאָן מען דערזען די קלענסטע פעלערן פון רעזשי. דאָס קלענסטע, אָבער נישט דאָס וויכטיקסטע. און דער וויכטיק־סטער פאַרשוין לעבן אָזשעראָווער רבין איז זיין משמש משה וואָלף. ער איז דער איינציקער, וואָס וויים און קאָן געבן אינפאָרמאַציע וועגן אָזשעראָווער, וועגן זיין שיטה און וועגן זיין זכות אָבות. די שיטה, האָב איך מיר געטראַכט, וועל איך אַרויסדרינגען פונעם רבינס תורה, פון זיין התנהגות, אָבער פון וואָס פאַר אַ גזע עס שטאַמט דער בראָנקסער רבי, וואָס איז צו גאַסט אין „פּוילישן שטיבל״ אויף דער איסט־סייד, דאָס קאָן איך נישט אויסשפּעקולירן. דאָס מוז איך זיך

גאָכפּרעגן. און... קיינער ווייסט נישט. איינער טראָגט אַרי־בער מיין פראַגע צום אַנדערן און יעדער ענטפערט מיט אַ פאַרצווייפלט פּנים פון אַן „איני יודע". און דער הויכער ייד מיט דער בעזעמדיקער זקנה? איך בין צו אים נישט צוגעגאַנגען. ער האָט געהאַט אַנדערע דאגות. אָבער מיין נייגעריקייט איז צו אים דערגאַנגען און עס איז צוריקגעקומען דער ענטפער: „איך ווייס נישט".

ערשט ווען דער רבי האָט שוין געהאַלטן אין מיטן תורה־זאָגן איז צו מיר צוגעקומען דער בעל־קורא אין קורצן רעקל מיטן גאַרטעלע און מיר איינגערוימט אַ סוד, אַז הינטער דעם אָזשעראַווערס פּלייצעס זיצט זיין משמש, משה וואָלף, און איך זאָל זיך ביי אים אָנפרעגן, וואָרעם ער ווייסט אַלץ. משה וואָלף איז געזעסן איינגעגראָבן מיט זיין ברייטן כמור־נעם פּנים אין אַ שטענדער און איז געווען פאַרזונקען אין רעיונות. אפשר האָט ער געפּרואווט צו פאַרגעדענקען דעם רבינס תורה און איך האָב אים געשטערט. אָדער אפשר האָט ער גלאַט פיינט נייגעריקע יידן. וואָס עס זאָל נישט געווען זיין די סיבה, ער האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן כמעט מיט כעס און זיכער מיט ביטול און אַ ברום געטאָן: „וואָסי וויכ־טיק די גזע? ס'איז נישט וויכטיק".

דער ענטפער איז געווען אַזאַ קאַטעגאָרישער, אַז עס איז איבעריק געווען צו קומען מיט אַ קעגן־טענה. און דעם אמת־געזאָגט, מיך האָט שוין ריין מענטשלעך אין יענעם מאָמענט ווייניקער אינטערעסירט דער רבי ווי זיין משמש. איך וואָלט גערן געווען געוואָלט וויסן עפּעס נענטערס וועגן אָט דעם מאָסיון יידן מיט אַ בייזן פּנים און מיט אַ הדרת־מרה־שחורה־שער ברייטער ווייסער באָרד, וואָס איז אַ משמש ביי אַ רבין

און זיצט די גאַנצע צייט אַן אַ זייט און איז קאַרג אַרויסצו־רעדן אַ וואָרט. על־פּי שכל וואָלט ער, דאַכט זיך, געדאַרפט זיין דער, וואָס זאָל דערציילן וועגן אַזשעראַווער; דער וואָס זאָל באַקאַנט מאַכן זיין רבין פאַר פרעמדע יידן אין אַ פרעמ־דער שול.

ווער־זשע איז דער אַלטער משה וואָלף, וואָס האַנדלט נישט „על פי שכל?" מען ווייסט אין „פּוילישן שטיבל" וועגן אים פּונקט אַזוי ווייניק ווי וועגן זיין רבין. מען האָט נאָר אויס־געפונען, אַז ער רעדט ווייניק, האָט אַליין פיינט חיצוניותן און האָט פיינט, אַז אַנדערע האָבן עס אין זינען. „הער זיך צו — גיט ער אַן עצה מער געברומט ווי גערעדט. — צום רבינס תורה וועסטו אַלץ וויסן". אַזוי האָט מען מיר איבער־געגעבן וועגן אים און איך האָב אים מוחל געווען זיין אומ־פריינטלעכקייט צו מיר און אויסגעפאָלגט זיין עצה.

דער רבי איז אַ ייד אין די מיטעלע יאָרן מיט אַ פּנים, וואָס דריקט אויס מער טרויער ווי רוחניות. די תורה, וואָס ער האָט געזאָגט אויף דער סדרה פון דער וואָך (תזריע־מצורע) האָט געדויערט גוטע אַנדערטהאַלבן שעה אויפן זייגער. ס'ערשטע מאָל אין מיין לעבן איז מיר אויסגעקומען צו הערן אַזאַ לאַנגע „תורה". עס איז אומפאַרמיידלעך. די לענג האָט געמוזט גיין אויפן חשבון פון דער טיף. דער רבי האָט באַ־רירט עטלעכע זייער אינטערעסאַנטע פּראָבלעמען פון מענטש־לעכער און יידישער מאָראַל און, וואָס עס איז מיר געווען באַזונדערס צום האַרצן, ער האָט אַלעמאָל געשטעלט דעם טראָפּ אויף דער מידה פון עניוות, האָט געפאָדערט טאָן צדקה אַזוי, אַז עס זאָל נישט פאַרשעמט ווערן דער, וואָס מוז צו איר אָנקומען, און איז נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל צו־

ריקגעקומען דערויף, אַז די מצווה אַליין טראָגט אין זיך דעם שכר, און אַז מען דאַרף דערפֿאַר נישט וואַרטן אויף אַ באַלוינונג.

עס איז מיר אויפגעפֿאַלן וואָס דער רבי האָט מייסטנס ציטירט מדרש, צומאָל אויך אַ גמרא, זייער אָפּט ירושלמי, אָבער קיין איין איינציק מאָל איז אין זיין „תורה" נישט דער־מאָנט געוואָרן עפּעס אַ מאמר פֿון בעש"ט אָדער פֿון אַנדערע חסידישע ראשונים און אחרונים. ביים טיש אין „פּוילישן שטיבל" איז געזעסן נישט קיין חסידישער רבי, נאָר עפּעס אַ היפּשלעך געניטער מגיד און האָט נישט געזאָגט תורה, נאָר האָט געהאַלטן אַ דרשה. דאָס איינציק אומגעוויינלעכע פֿאַר אַ מגיד איז געווען בלויז דאָס, וואָס דער אַזשעראָוועער האָט אַלעמאָל איבערגעריסן זיין דרשה, האָט אַוועקגעלייגט זיין קאָפּ אויף דער האַנט, האָט געהאַמערט מיט דער לינקער פויסט אין טיש און טיף געקרעכצט. פֿון זיינע קרעכצן האָט זיך מיר געדאַכט, אַז עס הערט זיך אַרויס מער ביטערקייט ווי צער.

אפשר האָט די ביטערניש אין קרעכץ אויך געשטאַמט דערפֿון, וואָס דער רבי האָט זיך אָפּגעגעבן חשבון, אַז פֿאַר אַ דרשה איז נישט די פּאַסיקע צייט און פֿאַר „תורה" אויך נישט דער פּאַסיקער עולם. די יידן ביים טיש זיינען געזעסן קאָרעקט, האָבן נישט געגענעצט און אויך נישט געגעבן קיין אַנדערע סימנים פֿון לאַנגווייל, אָבער... זיך אויך נישט צוגעצ־הערט, מען האָט געדולדיק געוואַרט, אַז עס זאָל זיך ענדיקן.

איך האָב אויך געהאַט די בעסטע כוונה אויסצוּוואַרטן ביזן סוף, הגם עס איז שוין געווען היפּש שפּעטלעך נאָך מעריב־צייט, אָבער פּלוצעם האָט זיך צו מיר צוגעשטעלט

עפּעס אַן אַלט יידל מיט אַ ווייס בערדל און סתם, דאַכט זיך, אַ פרום פּנים און אין מיר געוומען אַריינרעדן אַפּיקורסותן פון דעם אַמאַליקן מין ב. פייגענבוים. ער האָט שטיל און איינ־דרינגלעך געפרעגט אומגעדולדיקע קשיות וועגן רביס קרעכצן און קלאַפּן מיט דער האַנט אין טיש און דאָ און דאָרט געוומען אויפן הומאָריסטישן צימבל דעם רביס אַ זאָג. און דאָס יידל האָט באמת געהאַט הומאָר. ער האָט מיך געמאַכט שמייכלען, אָבער ער אַליין איז געבליבן ערנסט.

איך האָב זיך ביי אים נישט געקענט אָפּבעטן ער זאָל אויפהערן מיך „צו אונטערהאַלטן". בין איך באַין ברירה אַוועק פון שול. אויף דער גאַס האָב איך געזען, אַז דער אָנ־געלייגטער גאַסט, שבת, וואָס זיצט מיט פרייד ביי יידישע שלוש־סעודותן, האָט זיך דאָ נישט באַמערקטערהייט אַרויס־געגנבעט פונעם „פּוילישן שטיבל". ס'איז דאָרט געווען צו ליכטיק, צו טרוקן און צו זאַכלעך. אין אַזשעראָוו אַליין וואָלט דער שבת זיכער לענגער פאַרווײַלט צווישן יידן. אָבער צי עקזיסטירט נאָך אַן אַזשעראָוו?

צום סוף: וואָס זוכט אין אַ שול ביי שלוש־סעודות עפּעס אַן אַפּיקורס פון די אַלטע אַמאָליקע צייטן? צו וואָס טויג אים די באָרד און דאָס פרומע פּנים? איך האָב שטאַרק מורא, אַז ער לויפט אַהין, ווייל ניט ער איז דער זיגער, נאָר די שול, איבער וועלכער ער לעצעוועט נאָך מיט די לעצטע כוחות.

דעם צווייטן טאָג סוכותביים לאַשקעוויצער רבי

דער לאַשקעוויצער יריד אַמאָל אין גאַליציע. — אַן אייניקל פונעם לאַשקעוויצער תמים אויף סעקאַנד עוועניו. — אַ צעטל מיט נעמען אויפן רבינס שטענדער. — אתרוגים און לולבים. — דעם קצבס יינגל: דער בעל־קורא. — דעם בעל־קוראס שכר. — דער יינגסטער כהן און דער עלטסטער לוי.

מיט גרויסע ירידים האָבן זיך געקענט באַרימען אַ סך יידישע שטעטלעך, אָבער דער מאַרק וואָס האָט זיך געשטעלט פרי־זומער, יאָר־איין און יאָר־אויס, אין דעם גאַליציש־פּאָדאָלישן שטעטל לאַשקעוויץ, איז געווען דער גרעסטער און פּאָפּולערסטער פון אַלע ירידים אין די מזרח־קאַנטן פון דער קירהשער אימפּעריע. די פּאָפּולאַריטעט פון לאַשקעוויץ האָט אַריינגעדרונגען אַפילו אין דער יידישער שפּראַך. לאַשקעוויץ

איז אין יידיש־לשון פון מיינע מזרח־גאַליציש מקומות גע־וואָרן דער סופערלאַטיוו פאַר ליאַרעם, פאַר בהלה און — פאַר שפע פון לייזונג. דער רבי אין חדר פלעגט ניט איין מאָל אויף אונדז אָנשרייען און אונדז וואָרנען מיר זאָלן זיין רואיק, וויל — „דאָ איז ניט דער לאַשקעווער יריד". און משפחה־ווייבער, וועלכע האָבן ערב יום־טוב געהאַט אַ שווערן איינקויף און זיך פאַרזאַמט מער ווי זיי האָבן גערעכנט, האָבן דערנאָך מיט התנצלות דערציילט, אַז „עס איז היינט ניט געווען צוצוקומען צו די יאַטקעס, מען איז געשטאַנען קאָפּ אויף קאָפּ ממש ווי אין לאַשקעוו".

די נאָענטסטע פון אַלע משפחה־פרויען, מיין מאַמע, האָט צו לאַשקעוו געהאַט אַ ראָמאַנטישע באַציאונג. פון דאָרט האָט מען איר אין איינעם אַ זומער געבראַכט אַ מתנה אַ היטעלע און זי האָט זיך אין אים דערפילט חשובער, געהויבענער און נענטער צו דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע. דער דירעקטער רעזולטאַט פון לאַשקעווער היטעלע פאַר דער חתונה איז געווען אייגענע האָר נאָך דער חתונה. פאַר מיין טאַטן, ווידער, דעם משכיל און חובב ציון, וואָס די ליבשאַפט צו חסידות האָט אים נישט געשטערט ליב צו האָבן אויך אַ הלצהלע און אַ שפּאַטיש מעשהלע אויפן חשבון פון חסידישע רבים — פאַר אים האָט לאַשקעוו געהאַט אַ סאַטירישן ביי־טעם. אַז מען האָט דערמאָנט לאַשקעוו, האָט מען געקאָנט דערציילן און איבערדערציילן די סצענע ווי אַזוי דער לאַשקעוויצער רבי האָט איינמאָל יריד־צייט בפני כל עם ועדה געיאָגט אַ דיבוק פון אַ כלה־מיידל און איז געבליבן אַ פאַרשעמטער, וויל דער דיבוק איז געווען איינגעשפאַרט און האָט ניט געפאָלגט דעם רבין. די פרטים פון דער דאָזיקער

דיבוק־מעשה, וואָס האָט פאַרשאַפט אַזאַ ביליקן נצחון די בעטשוטשער משכּילים און די טאַרנאָפּאָלער אַפּיקורסים, געדענק איך נישט אַקוראַט און איך ווייס נישט וויפיל עס איז אין איר פאַראַן רעאַלע פּאַסירינג און וויפל ליטעראַרישע אויסטראַכטעניש. דעם אמת געזאָגט האָט פאַר מיר די פראַ־גע פון דיכטונג און וואָרהייט אין דעם פּרט קיין שום באַ־דייטונג ניט געהאַט, וואָרעם סײַ־ווי האָט מיר אין דער מעשה אימפּאָנירט ניט דער נצחון און דער געלעכטער פון די משכּילים, נאָר דער קוראַזש, די תּמימות און די אמונה, מיט וועלכער דער רבי פון לאַשקעוו האָט זיך דאָן־קיכאָטיש אָוועקגעשטעלט פּעכטן מיט די בייזע גייסטער...

דאָ אין ניו־יאָרק האָב איך דעם צווייטן טאָג סוכּות גע־דאַוונט ביים היגן לאַשקעוויצער רבי און עס האָט מיר ביים אייניקל צי אוראייניקל פון יענעם גרויסן תּמים פון מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק אָקעגנגעלויכטן אַ היפּש ביסל פון דעם גלויבן אין זיך פון זיין גאַליצישן זיידע. וועגן דער דאָזיקער אמונה אין אייגענעם כּוח האָט קודם דערציילט דער שיין־געכתיבהטער קאַרטאָן אויפן רבינס שטענדער. אויבן — אָן איבערשריפט: „להתפּלל ולעשות מי שברך”, און אונטן איז דער קאַרטאָן איינגעטיילט אין צוויי רובריקעס: „אנשים” — רעכטס און „נשים” — לינקס. די זייט פון די „אנשים” איז געווען ליידיק. אויף דער ווייבערשער זייט האָבן זיך דעם רבין געוואָרפן אין די אויגן צוויי אָדער, דאַכט זיך, דריי נעמען און אים דערמאָנט, אַז צו זיי דאַרף ער מכוון זיין זיינע תּפילות. עס איז פאַרן רבין, הייסט עס, געווען בלויז אַ פראַ־גע פון נישט פאַרגעסן די נעמען פון די הילף־באַדערפטיקע.

דער דערפֿאָלג גופא פֿון די תפילות און די זיכערקייט פֿון הילף — איז אויסער צווייפֿל.

און אַט די זיכערקייט פֿונעם רבין טראָגט זיך אַריבער אויף די חסידים און דער עיקרשט אויף די חסידות. די גאַנצע צייט פֿון שחרית איז אין דער עזרת־נשים, וואָס געפֿינט זיך אין הינטערשטן ווינקל פֿון דער שול, געזעסן אַן אָרעם־געקליידעטע פֿרוי און האָט יאָמערלעך געזאָגט און געוויינט. די ווערטער פֿון איר זאָגעכץ זיינען צום עולם נישט דער־גאַנגען, אָבער דער ניגון פֿון איר געוויין האָט דורכגענומען און אויפֿגעטרייסלט. יעדער כליפּע אירער האָט אַריינגעבראַכט אומרו אין דער מאָנסבילשער קלויז, געטריבן די תפילות פֿון שול און געצויגן די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די געמיטער צו זיך. וואָס וויל די יידענע? וואָס פֿאַר אַ וואונד טראָגט זי אין האַרצן און ווער קאָן זי היילן? קיינער ווייסט נישט קיין באַשייד. דער שמש — אַן עלטערער ייד מיט אַ קויטיק־גרויער באָרד און אַ רירעוודיקער, אַ ספּרונזשינע — לויפֿט אַלעמאָל צו צו דער טיר פֿון דער עזרת־נשים און פּרואווט באַרואיקן די וויינערקע. ער קומט צוריק אַ פֿאַרצווייפֿלטער. אַ צוויי־דריי מאָל גייט אַריבער צו דער ווייבערשער שול דער הויפּט־גבאי — אַ קיילעכדיקער גלוח מיט האַלב־צעשמייכלטע אויגן און מיט חשיבות אין הילוך — און ער קערט זיך אום מיט אַ זשעסט פֿון רעזיגנאַציע: עס העלפֿט ניט. די יידענע וויל מיט קיינעם ניט רעדן, נאָר מיטן רבין.

ערשט נאָך די הושענות, אײדער מען האָט זיך געשטעלט לייענען, האָט מען די זאָגערין און ווײנערין צוגעפֿירט כמעט ביז צום רבינס שטענדער. דער לאַשקעוויצער רבי, אַ ברייטער, באַלייבטער ייד אין די מיטעלע יאָרן, מיט אַ געדיכטער

שוואַרצער באָרד און מיט געדיכט־טונקעלע אויגן, האָט דער יידענע געזאָגט בלויז עטלעכע ווערטער: „די טאָכטער דיינע וועט איה״ש האָבן אַ רפואה שלימה״, און דאָס פּנים פון דער פּאַראומערטער פרוי מיט די פּאַרוויינטע אויגן האָט זיך געגומען אויסלייטערן, ווי דער הימל נאָך אַ דאָקוטשלעווע רעגן פון עטלעכע טעג. פון געוואוינהייט־וועגן האָט די ווייַנערקע נאָך געפּרוּווט אַ שפּריץ טאָן מיט די אויגן, זיך אַ דונג טאָן מיטן רבין, אים איבערפרעגן און אים דערמאָנען עפּעס אַ באַזונדערן פּרט פון דער קראַנקהייט, וואָס זי האָט זיך גראָד איצט דערמאָנט. אָבער דער רבי האָט מיט געמאַכטן כעס זיך אַ בייזער געטאָן: „אַ יידענע בלייבט אַ יידענע״. דערמיט האָט דער לאַשקעוויצער ענדגילטיק פאַנאַנדערגעיאָגט די כמאַרע אין געמיט פון דער אומגליקלעכער מאַמע. זונשיין האָט זיך צעשפּרייט פון איין עק נשמה צום אַנדערן. די פרוי איז אַוועק אַ באַרואיקטע און אַ גליקלעכע. זי האָט אין גאַנצן געפּועלט. דער רבי האָט איר צוריקגעגעבן די טאָכטער אירע, וואָס איז געווען שווער קראַנק און האָט זיך געהאַלטן ביים אויסלעשן.

דער פּרעזידענט מיט די גבאים האָבן אַנאַנסירט אין די צייטונגען, אַז דער קאָנגרעגיישאָן „אוהב ישראל אנשי לאַשקעוויץ״, פון דריטער גאַס, עק צווייטע עוועניו, איז געלונגען צו קויפן דעם שענסטן אתרוג אין גאַנץ ניו־יאָרק. לייענענדיק אָט דעם אַנאָנס, האָב איך שטאַרק חשק געהאַט ניט צו גלויבן דעריך, וואָרעם, האָב איך געטראַכט, ווי אַזוי קאָנען גאָר יידן, וואָס שרייבן אין דעם זעלבן אַנאָנס, אַז דער רבי שליט״א האָט איבערגענומען די נגינה פון „זיין הייליקן זיידן, דער באַוואוסטער בעל־שם־טוב הקדוש״, זיין

מבינים אויף אַן אתרוג? אַזאַ זאַג ווי „דער באַוואוסטער בעל־שם־טוב" האָט דעם אומחן פון פרעמדקייט, פון געהערט קלינגען און ניט קאָנען נאָכזינגען. אָבער פונדעסטוועגן מוז איך מודה זיין, אַז די גבאים האָבן וואָס שייך דעם אתרוג און דעם לולב רעכט געהאַט. איך ווייס נישט צי איז דאָס אתרוג־לולב פּאָרל פון דער לאַשקעוויצער שול געווען טאַקע דאָס שענסטע אין גאַנץ ניו־יאָרק, אָבער אויף דעם ערשטן בליק האָט מען געקאָנט זען, אַז דעם רבינס אתרוג איז גע־ווען מהדרין מן המהדרין, און דער לולב? — אַזעלכע איידע־לע, דיסציפּלינירטע לולב־בלעטער האָב איך זעלטן ווען געזען. די איידלקייט האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן. די ווייסקייט און סאַמעטענקייט זייערע האָט זיך אַרויסגעוויזן ביי די נענועים. ביי יעדן שאָקל פון רבינס האַנט האָבן די לולב־בלעטער אַ פלאַטער געטאָן מיט אַ וואונדערלעכער גלייכמעסיקייט — קיין בלאַט מער און קיין בלאַט ווייניקער, אַלע אין איינעם האָבן לייכט און גראַציעז געטאַנצט ווי אין אַ פינקטלעך איינגעשטודירטן באַלעט.

און דעם אמתן חילוק האָט מען ערשט געקאָנט זען, ווען מען האָט געכאַפּט אַ קוק אויף די אַנדערע צוויי לולבים, וואָס זיינען געווען אין שול. הינטערן רבין האָט נאָכגעטאָן די נענועים איינער אַן אַלטער, דאַרער ייד מיט אַ פאַרשפּיצ־טער באָרד פון אַ לערנער. זיין לולב איז געווען געוויקסי־קער, שלאַנקער פונעם רבינס, אָבער די געשטאַלט זיינע האָט אָנגעהאַלטן פאָרם נאָר אַזוי לאַנג ווי ער האָט זיך ניט באַ־וועגט. ביים ערשטן שטויס מיט דער האַנט זיינען זיך די בלעטער פונעם שלאַנקן לולב צעלאָפן אין אַלע זייטן. דער אַלטער ייד האָט געמאַכט זיינע נענועים צו מזרח, אָבער די

בלעטער האָבן זיך גאָר צעשויבערטע אַרומגעיאָגט אין אַנ־דערע זייטן פון דער וועלט. אַמאָל, אַז מען איז געווען יונג, און דאָס יידישע לעבן גאַנץ, איז פּאַראַדיע געווען פרייד פאַרן געמיט. דאָ אין דער נייער היים, וואו די פאַרקרימונג פון דער יידישער גייסט־און־ לעבנס־סימבאָליק באַגלייט דיך אויף אַלע דיינע יידישע וועגן, האָט מיך די נאָכקרימעניש פון נענועים סתם אין דער וועלט אַריין מיט אַ בּיליקן, צעשוי־בערטן לולב טרויעריק געמאַכט. ניטאָ קיין אָנטרינונג! אַלט און יונג, גאַס, פאַרזאַמלונג און להבדיל שול יאָגן דיר נאָך מיט שפּיל פון צעשויבערטער, פון סתם אין דער וועלט אַריין יידישקייט.

דער עולם אין שול האָט, ווייזט אויס, פון לכתחילה גע־פילט דעם חילוק צווישן די לולבים. איידער מען האָט אָנ־געהויבן צו זאָגן די הושענות האָט מען די דאָווענער גערופן בענטשן אתרוג. דריי אתרוגים און לולבים זיינען, ווי גע־זאָגט, געווען אין שול, אָבער כמעט אַלע אָן אויסנאָם האָבן זיך געשטופּט בענטשן מיט דעם רבינס לולב. עס האָט אַלעמען געלאָקט די איידלקייט פון זיינע בלעטער און די אָרגאַני־זירקייט פון זיינע באַוועגונגען.

דער רבי האָט טאַקע געזאָגט הושענות און הלל מיט מתיקות, ווי אויסדריקלעך צוגעזאָגט אין אָנאָנס. ביי די הושענות האָט פאַר מיר דעם רבינס פּיעשטשענדיקע, אָבער דערביי פולע און מענלעכע נגינה אויפגעלעבט און אויפגע־פרישט מיט אַ באַזונדערן מיין די ווערטער: „כהושעת קהלות בבלה שלחת, רחום למענם שלחת, כן הושע נא (ווי דו האָסט געהאָלפן די קהלות, וואָס דו האָסט קיין בבל פאַרשיקט, דערבאַרעמונג פאַר זיי געשיקט, אַזוי העלף אונדז אויך איצט)“.

עפּעס האָב איך אין דעם זאַץ, ווען עס האָט אים אַרויסגע־קרעכצט און אַרויסגעזונגען דער לאַשקעוויצער רבי, דער־פילט אַן אָנשפּאַר. ס׳איז אַזאַ פעסטער היסטאָרישער פּרע־צעדענץ־פאַל מיט די קהלות, וואָס האָבן אַמאָל געבליט אין בבל, אַז עס קאָן זיך ניט, עס וויל זיך ניט גלויבן, אַז די זעלביקע געהיימע האַנט פון השגחה זאָל לאָזן פאַרוויאַנען אין גאַנצן די קהלות, וואָס זי האָט געטאָן פאַרפלאַנצן אין דעם בבל פון אונזער צייט, אין פּוילן.

ביי הלל איז מוזיקאַליש שיין אַרויסגעבראַכט געוואָרן דעם בעל התהילימס איבעררייד מיט דעם ים און מיט דעם ירדן, מיט די בערג און מיט די היגלען: „וואָס איז דיר ים, וואָס דו טוסט אַנטלויפן? און וואָס דיר, ירדן, וואָס דו ווענדסט דיך אויף צוריק? און איר, בערג, וואָס איר שפּרינגט ווי די ווידערס? און איר, היגלען, ווי יונגע שאָף?" און ים און ירדן, בערג און היגלען ענטפערן און אין זייער ענטפער גיסט זיך צונויף נישט נאָר באַשאַף מיט באַשעפער, נאָר אויך באַ־שעפער מיט דעם פאָלק, וואָס האָט אים צום ערשטן דער־קענט. „צוליב דעם האַר, וואָס פאַנ׳ אים ציטערן די וועלטן", זינגט אויס דעם ענטפער פון וואַסער און באַרג דער פאָעט־קיניג, „צוליב דעם גאָט פון יעקבן".

און פונדעסטוועגן, טראָץ דעם מתיקותדיקן הלל און די צענעמענדיקע הושענות, איז דער „סטאַר" — לכל הפחות אין מיינע אויגן — יענעם צווייטן טאָג סוכות אין דער לאַש־קעוויצער שול געווען נישט דער בעל־תפילה, נאָר דער בעל־קורא. און דער בעל־קורא איז געווען אַ פופצן־יאָריק בחורל, אַ תלמיד פון דער ישיבת רב הכולל ר׳ יעקב יוסף אויף הענרי סטריט. צווישן די עטלעכע יינגלעך, וואָס האָבן גע־

דאַוונט אין שול, איז מיר דער בעל־קורא פון לכתחילה אויפֿ־געפֿאַלן. אַלע זיינען געווען אָנגעטאָן אין קאַפּעליושלעך; ער איינער האָט געטראָגן אַ יאַרמלקע, איז געשטאַנען די גאַנ־צע צייט לעבן שולחן און האָט געדאַוונט שטיל, אָבער מיט פֿייער.

אַז מען האָט אַרויסגענומען דאָס ספר צום לייענען, איז אויף דער פּלייצע פֿון דעם קליינגעוואַקסענעם, דיקלעכן בחורל מיט דעם קיילעכדיקן ליכטיקן פּנים אויסגעוואַקסן אַ טלית. איינער פֿון די גבאים רופֿט אויף דעם כהן און דער קליינער בעל־קורא צעלאָזט זיך מיט זיין גלעקלדיקן קול — אַ מחיה. טראָפּ און וואָרט גיסן זיך ביי אים האַרמאָניש צונויף און עס באַקומט זיך אַ לייענען קלאָר, אַן דריידלעך און אָן קוועטשעכץ. אַזוי לייענט מען אַ געזעץ, וואָס דער עיקר איז — איר זאָלט פֿאַרשטיין און פֿאָלגן וואָס איך געבאָט אייך דאָ היינט.

בעת דער גבאי — אַ ייד מיט אַ לאַך אויפֿן פּנים און מיט ווערטער, וואָס בלייבן שטעקן אין גאָרגל — מאַכט די „מי שברכס" און פֿלאָנעוועט אויס ווי אַזוי ער דאַרף זאָגן: „יברכהו, יברכם", צי גאָר „יברכנו", פֿאַרלירט דער בעל־קורא ניט אַ מינוט ליידיק. ער קען דאָס לייענעכץ אויסגעצייכנט שוין פֿון נעכטן, פֿון אייערנעכטן און פֿון היינט אין דער פֿרי פֿאַרן דאַוונען, אָבער ער נוצט אויס די עטלעכע מינוט און איז אויף גיך נאָך אַמאָל מעביר די פּרשה. ער האַלט זיך אין איין צוגרייטן. פֿאַר מיר — און איך האָב באַמערקט, אַז ניט נאָר פֿאַר מיר, נאָר אויך פֿאַר די מערסטע מתפּללים — איז געווען אַ באַזונדער הנאה צו זען ווי ערנסט און

פרום עס נעמט די עבודה פון לייענען די תורה דער פופצנ־יאָריקער תלמיד פון דער ישיבת יעקב יוסף.

ווער איז דאָס בחורל? — פרעג איך מיין שכן, פרעג דעם שמש, פרעג איינעם פון די גבאים. איך פרעג אַלעמען, ווייל איך האָב דעם פאַרלאַנג אַזוי אַרום אויסצודריקן וואָס מער מיין הנאה און מיין באַוואונדערונג.

ס'איז דעם בוטשערס יינגל פון אַקעגן, — ענטפערט מען מיר.

און וואו איז דער קצב? איך וואָלט אים וועלן זאָגן אַ גוט וואָרט וועגן זיין זון.

דער קצב? ער דאַוונט גאָר אין אַן אַנדער שול. דאָס יינגל לייענט אין דער לאַשקעוויצער שול און דערפאַר לערנט מיט אים דער רבי יעדן אויפדערנאַכט אַ שטיקל זוהר. דאָס איז דער שכר. ער האָט זיך בפירוש אויסבאַדונגען, דער אַמעריקאַנער באָי. און קיינער קאָן ניט לייקענען, אַז דער מקח וממכר צווישן לאַשקעוויצער רבין און דעם בוטשערס בחור איז ביז גאָר סימפּאַטיש און פאַר יידישקייט היפשלעך קאָנסטרוקטיוו.

אויפן וועג אַהיים פונעם דאַוונען האָב איך זיך אומגעקוקט צי עס איז טאַקע דאָ אַ קצב אַקעגן, און איך קאָן עדות זאָגן, אַז ער איז דאָ. אויף אַ קעלער־טיר, וואָס איז היינט, צוליב יום־טוב, פאַרמאַכט, שטייט בפירוש געשריבן, אַז דאָרט פאַרקויפט מען בשר כשר און אַז דער בעל־הבית פון דער יאַטקע איז אַ ייד מיטן נאָמען גאַלאַמבעק.

*****

צום סוף אַ בילדל פון מוסף. דער בעל־מוסף איז געווען דער רבי. אַז עס איז געקומען צום דוכנען, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אַ צענדליק כהנים צום מזרח. די שיך האָבן זיי זיך אַליין אויסגעטאָן, די הענט האָבן זיי די לויים אָפּגעגאָסן. די עלטערע כהנים האָבן זיך באַלד אויסגעדרייט מיט די פּנימער צו דער וואַנט. די בחורים — אין אויסגעליענע טליתים פאַרוואָרפן אויף די פּלייצעס ווי שאַלן, שמייכלען צום עולם, נעמען זיך איבער מיט זייער כהונה ביי די דאַווער־נערס. נאָר איין יינגל מיט אַ פייערדיק־רויטן קאָפּ שטייט אָן אָנגעשטרענגטער לעבן אָרון־קודש, אַ ניט־געוואַשענער, מיט אַ קוואָרט וואַסער אין האַנט. אַז עס דערנענטערט זיך ברכת כהנים, רייסט דער רבי איבער דאָס דאַוונען, נעמט ביים יינגל די קוואָרט און גיסט אים אָפּ די הענט. דער יינגסטער כהן האָט געוואַרט, אַז דער בכבודיקסטער לוי אין שול זאָל איבער אים מקיים־זיין זיין לויישע מצוה. דערנאָך האָט דאָס פייער־דיק־רויטע קעפּל פונעם בר־מצוה־בחור זיך גיך באַהאַלטן אונטערן טלית און זיין שטים האָט זיך איינגעגלידערט צווישן די טענאָרן, באַסן און שטימלאָזיקייטן מיט זיין קינדעריש־דינעם „יברכך". עס איז געווען פּאַטריאַרכאַלישקייט און עס איז געווען פּאַטאָס אין דער דאָזיקער באַגעגעניש לשם מצוה צווישן יינגסטן כהן און עלטסטן לוי אין דער לאַשקעוויצער שול.

שמחת-תורה אויף דער איסט-סאַיד

מען פאַרקויפט עליות. — די אויסגעטראַכטע וואַליוטע פון שילינגס. — אַ ליינעכץ אין גאַלאָפּ. — אַ זאַפּאַס מיט נייע זמרלעך. — ציים פאַר יידישע לשונות. — אַלטער יקנה"ז און אייב לינקאָלן. — מען רופט אויף אַ גר. — דער גר לעבן דעם מורה מורנו.

שמחת תורה איז אַלע מאָל אַזוי: אויב איר זענט אין יענעם טאָג נישט קיין מענטש מיט אַן אַמט אין אייער שול, דאָס הייסט איר זענט נישט דער גבאי און אויך נישט זיין שטעל־פאַרטרעטער, נישט דער אויפרופער און אויך נישט דער אונטערזאָגער, און אויך נישט קיין קאַנדידאַט אויף חתנשאַפט מיט דער תורה, וואָס דאָס פאָדערט זיצן אויף אַן אָרט און וואַרטן מיט חשיבות, און אויב (דער סאַמע וויכטיקסטער „אויב") איר האָט שוין אָפּגענומען אייער הקפה און אייער

עליה — וועט זיך איך אי צוליב לאַנגווייליקייט און אי צו־ליב נייגעריקייט גלוסטן צו געבן אַ קוק, וואָס ס'טוט זיך דאָ־נעבן און אַקעגנאיבער אין די אַנדערע קלויזן.

פאַר דעם וואָרט „לאַנגווייליקייט" בין איך שולדיק אַן אויפקלערונג, וואָרעם עס האָט מיט מיר פּאַסירט. איך בין דאָס אַנטלאָפן פון דער גערעמער, שיינער שול ביי דער ישיבת רבנו יעקב יוסף אויף העגרי סטריט צו אַקעגנאיבער אויף דעם ערשטן שטאָק אין שטיבל פון דער „אגודת אנשי מעמד" נישט אַזוי צוליב נייגעריקייט, ווי צוליב לאַנגוויי־ליקייט. די אַטמאָספערע ביי די דריי מנינים יידן אין שול — יידן מיט לאַנגע בערד און שווערע טליתים און יידן גילוחים, וואָס דער טלית ליגט ביי זיי אויף די פּלייצעס מיט וואויל־יונגערישער פּראַקטישקייט — איז דווקא געווען אַ פייערלעך אַנגעסטראַיעטע, אַ גרייטן זיך צו פרייען און צו „פאַרברענ־גען" מיט דער תורה, אָבער עס האָבן געשטערט די רעזשי־סאָרן, וואָס זיינען געשטאַנען אויפן באַלעמער און האָבן אָנ־געפירט מיט דער פרייד.

צוויי זיינען זיי געווען די „רעזשיסאָרן". איינער אַ הויכער, אַ באַלייבטער, מיט ראָזירטע באַקן און אַ שוואַרץ שפּיץ־בערדל, דער אַנדערער אַ קליינער, אַ זשוואַווער מיט צע־שמייכלטע שפּאַקולן און מיט אַ דינער, פייפנדיקער שטים. וועגן „הזיכן" האָט מיר מיין שכן אויף דער הינטערשטער באַנק דערציילט, אַז ער איז נישט לאַנג געקומען פון ירושלים. און אַז ער איז דאָ אין שול דער אַלצאינאיינעם. ער איז דער גבאי, ער איז דער חזן און סתם דער פאַרזאָרגער. דער „זשוואַווער" — דאָס איז היינט זיין געהילף.

דאָס לאַנגווייליקע אין דער רעזשי פון דעם „באַלייבטן"

מיט זײַן „פּאַמאַטשניק" איז געווען, וואָס זיי האָבן פאַר קיין איין מאָמענט נישט געקאָנט פאַרדעקן די קאַסע. זי האָט אַרויסגעסטאַרטשעט פון אַלע זייערע באַוועגונגען, פון זייערע רייד, פון זייער געזאַנג און פון זייער טאַנץ. זיי האָבן זיך אויף קיין איין מאָמענט נישט פאַרגעסן, די צוויי אויפן באַלעמער. זיי האָבן געשפּאַנט מיט אַ קיל האַרץ און מיט אײַנגעשטעלטער געניטקייט צום — פרייז פון די עליות און פון די כבודים.

זייערע פּנימער האָבן געשטראַלט מיט צופרידנקייט. זיי האָבן פון זיך אַליין הנאה געהאַט מיט וואָס פאַר אַ גרינגקייט עס קומט זיי אָן אַ טאַנץ און אַ זינג צו טאָן. אָבער דעם עולם האָט, ווײַזט אויס, נישט געוואָרעמט די רוטין פון די פאַרקויפערס. דער מסחר מיט די עליות איז געגאַנגען שווערלעך. 20 שילינג מפטיר צום ערשטן מאָל — האָט פריילעך אויסגעשריגן דער קלײנער, דער זשוואָוער און — עס רירט זיך נישט פון אָרט. קיינער באַט נישט מער. די צוויי ווינקען זיך איבער און נעמען ציען אַ זמר און לאָזן זיך אין אַ ריקוד. ס'הייסט: מיר ווייסן, אַז געזאַנג און טאַנץ עפנט די קעשענעס, ווען מיר אַ פּרוּוו טאָן דערמיט. די זינגערס האָבן טאַקע גוטע שטימעס. אָבער אַפילו שטומע קעשענעס בלײַבן פאַרשפּיליעט און מכל שכן הערצער, אויב אין דער פרייד איז נישט פאַראַן די אמתע כוונה אָדער ווען די פרעמדע כוונה איז צו בולט.

און די, וואָס האָבן זיך געלאָזט אײַנבעטן פון געזאַנג און טאַנץ און האָבן באַצאָלט דעם ריכטיקן פרייז, זײַנען דערנאָך געבליבן זיצן טרויעריקע און אַפּהענטיקע. עפּעס האָט זיי באַנג געטאָן אויפן געשעפט. נאָר איינער אַ ייד — אַ בעל־

מלאכה מיט אַ האַרטן קאַפּעליוש און מיט אַ האַלב־רויט און האַלב־גרוי פאַרוואַקסן פּנים — האָט באַצאָלט צען שילינג פאַר דער עליה „עם כל הנערים" און איז דערנאָך אַרומגעגאַנגען ביי די בענק זיך אָפּנעמען ביי אַלעמען דעם יישר כוח און אָפּדאַנקען אַלעמען מיט האַרציקייט און מיט שמחה. דער ייד — און מיר דאַכט זיך, אַז ער איז געווען דער איינציקער ביי דעם מקח וממכר פון די עליות אין דער שול פון רבנו יעקב יוסף — האָט זיך אויף אַן אמת געפרייט, און עס האָט אים נישט באַנג געטאָן אויף די פינף דאָלאַר. אַגב, איך ווייס נישט דעם מיין דערפון, וואָס אין אַ סך ניו־יאָרקער שולן פאַרקויפט מען עליות נישט אויף רעאַלע דאָלאַרס, נאָר אויף דער אויסגעטראַכטער וואַליוטע פון שילינגס.

— אַ שילינג — האָט מיך מיין באַנק־שכן אויפגעקלערט — איז צוויי קוואָדערס.

— פאַרוואָס זאָגט איר צוויי קוואָדערס און נישט אַ האַלבן דאָלאַר? — האָב איך איבערגעפרעגט.

מיין פראַגע איז פאַר מיין שכן, ווייזט אויס געווען אומ־פאַרשטענדלעך, וואָרעם ער האָט אַן אומגעדולדיקער אַ ברום געטאָן:

— ווייל אַזוי פיל איז ער ווערט.

דער ייד „עם כל הנערים" האָט דערנאָך מיטגעטאַנצט און געזונגען ביי יעדער הקפה. חוץ אים איז מיר ביי די הקפות אויפגעפאַלן נאָך איינער, וואָס איז געווען אויף אַן אמת אַריינגעטאָן אין דער פרייד פון דער תורה. ער האָט געהאַט אַ פּנים אות באות ווי מיין כינעזישער וועשער. דאָס איינציקע יידישע אין זיין אויסזען איז געווען דער לומדישער שטערן, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון הינטער אַן אַרויפגערוק־

טער זיידענער יאַרמלקע. אָבער אָט־דער ייד־כינעזער האָט שוין געהאַט אַן אָפּיציעלן „טשין". ער האָט געפירט אַלע זיבן הקפות אַרום דעם באַלעמער און געקרעכצט דעם „הושיעה נא" מיט אַ קול, וואָס אַלץ קאָן מען וועגן אים זאָגן, אָבער נישט, אַז עס האָט אימיצן געקאָנט מונטערן צו פרייד.

אַז מען האָט זיך גענומען צום לייענען, זיינען די יידן אויף די בענק אַרום מיר לעבעדיק געוואָרן. די שמחת תורה־דיקע סדרה, אין וועלכער עס ווערן איבערגעגעבן די ברכות, וואָס משה רבנו האָט צוגעטיילט יעדן שבט באַזונדער, איידער ער איז, ווי גאָט האָט אים געבאָטן, אַרויפגעגאַנגען אויפן באַרג נבו שטאַרבן, איז טאַקע סטיליסטיש אַ ביסל שווערלעך, אָבער פאַר די, וואָס קענען האַלבוועגס דעם פירוש המילים, איז עס טיף פּאָעטיש און אָנרעגעריש. געלייענט האָט אַ מאָגערער יונגערמאַן, וואָס קאָן די מלאכה. ער איז געשטאַנען ביים שולחן גלייך ווי אַ ווירע, מיטן רעכטן פּראָפיל צום עולם. ער האָט זיך קיין איין מאָל נישט אַריבערגעבויגן צו דער תורה, נאָר האָט פון דער ווייטנס מיטן לינקן אויג געכאַפּט די ווערטער און זיי געלאָזט פליען איבער די בענק פון די צוהערערס פינקטלעך און אָן באַזונדערער יום־טובדיקייט. און די צוהערערס, לכל הפחות די, וואָס אַרום מיר, האָבן אַריינגעקוקט אין חומש און נאָכגעפּאָלגט די ווערטער פון משהס ברכות, גלייך ווי זיי וואָלטן זיי געהערט צום ערשטן מאָל. דאָס איז טאַקע דער כוח פון עכטער פּאָעזיע, וואָס זי איז אַלעמאָל ניי פאַרן סענסיטיוון לייענער. אַלעמאָל קאָן ער אין איר אַנטדעקן עפּעס אַזוינס, וואָס ער האָט פריער נישט געהאַט באַמערקט. ביים סאַמע אָנהויב, ווען דער בעל־קורא גיט איבער משהס ברכה צום

שבט לוי, לייגט אַרויף אַ ייד פון שכנות זיין פינגער אויף מיין חומש און טייטלט מיר אָן אויף די שורות: „מחץ מתנים קמיו ומשנאיו מן יקומון" („צעהאַקט די לענדן פון זיינע פיינט, אַז זיינע שונאים זאָלן נישט אויפשטיין"). אַרום דעם יידס אויגן שפּרייט זיך אַ שמייכל אי פון חידוש און אי פון זיכערקייט. איך האָב פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט צו זאָגן אָן ווערטער. ס'האָט געהייסן: ווי געפעלט איך עפּעס דער פּסוק? ער איז ווי אָנגעמאָסטן אויף היטלערן, ימח שמו, און איך בין מבטיח, אַז ער וועט איה"ש מקוים ווערן אין גאַנצן, ככתוב. דערפאַר, אַז דער בעל־קורא האָט שוין גע־האַלטן ביים לעצטן שבט, ביי אשרן, האָב איך פּלוצלונג אַנט־דעקט, אַז דאָ, אין משהס ברכה צו אָשרן, האָבן זייער נעסט די פיל־ציטירטע ווערטער: „וישכן ישראל בטח", און איך האָב אַ טאָרע געטאָן מיין שכן און אים געוויזן, אַז דער פּסוק איז דער אָנהויב פון אַ גאַנצן נאַציאָנאַלן חלום אין עטלעכע שורות, וואָס איז אים אַ מחיה צו טרוימען דווקא איצט, ווען דעם פיינטס לענדן זיינען נאָך נישט צעהאַקט און די שונאים שטייען נאָך אין זייער פולער גבורה. אָט אַזוי חלומט משהס ברכה צו שבט אָשרן: און ישראל רוט אין זיכערקייט, אָפּ־געזונדערט — דער קוואַל פון יעקב, אין אַ לאַנד פון תבואה און ווין; און זיינע הימלען טריפן טוי, וואויל דיר, ישראל ווער איז דיין גלייכן? (וישכן ישראל בטח, בדד עין יעקב, אל ארץ דגן ותירוש, אף שמיו יערפו טל, אשרך, ישראל, מי כמוך). דער ייד האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן מיט צו־פרידנקייט. איך האָב אים געטראָפן אין קאַרב אַריין.

איך האָב נאָכגעהאַלטן דעם בעל־קורא ביים ערשטן מאָל לייענען און דערנאָך ביים צווייטן און ביים דריטן מאָל; אָבער

דער ענין איז געוואָרן אַלץ שווערער און שווערער. שוין ביי דער דריטער קריאה האָט דער יונגערמאַן אין פּראָפיל אַזוי גיך געזאָגט די ווערטער מיטן מויל, אַז מען האָט זיי נישט געקענט נאָכלויפן מיטן אויג. פון אַלע גיכע לייענעכצער, וואָס איך האָב אַמאָל געהערט שמחת תורה, איז דאָס געווען די סאַמע שנעלסטע. די פּרשות זיינען געפלויגן; איידער זיי האָבן זיך אויפגעהויבן האָבן זיי שוין געמוזט אַראָפּנידערן. דער בעל־קורא האָט אַ קרייזל געטאָן און דערנאָך אַ לייכטן צי אין דער טיף ס׳לעצטע וואָרט — דער אויסלאָז.

אַרויסגעהאָלפן האָט מיר די נייגעריקייט אַ קוק צו געבן, וואָס עס טוט זיך אין דער קלויז אַקעגנאיבער. אויפן וועג אַרויס בין איך פאַרבייגעגאַנגען לעבן טיש, וואו יעדער ייד, וואָס האָט אָפּגעכאַפּט אַן עליה, האָט זיך אונטערגעכאַפּט ס׳האַרץ מיט אַ טרונק בראַנפן מיט לעקעך. איך בין נישט אָפּגעשטאַנען פון ציבור נישט ביי די הקפות, נישט ביי די עליות און אויך נישט ביים לעקעך מיט בראַנפן.

***

אַז מען קומט אַריין אין שטיבל, וואָס טראָגט דעם נאָמען „אַגודת אַנשי מעמד ובית ועד לחכמים״ און געפינט זיך אויפן אַקעגנאיבערדיקן טראָטואַר פון דער ישיבת רבנו יעקב יוסף, פאַלט דאָס אויג גלייך פון דער טיר אויף די פּאָליצעס מיט ספרים, וואָס פאַרשטעלן אין גאַנצן די צפון־וואַנט. אויף דעם שמאָלן פּאַס וואַנט צווישן דער אויבערשטער פּאָליצע און דער סטעליע — אַן אויפשריפט, וואָס דערציילט מיט די ווערטער פון דער גמרא (מסכת ברכות), אַז „מיום שחרב

בית־המקדש אין לו להקב״ה בעולמו אלא ארבע אמות של הלכה בלבד״ (זינט עס איז חרוב געוואָרן דאָס בית־המקדש פאַרמאָגט דער רבש״ע אין זיין וועלט נישט מער ווי די פיר איילן פון הלכה).

און לויט דעם אויסזען פון די פיר איילן שטיבל, לויט דעם אויסזען פון די דאַוונערס און לויט דער אַטמאָספערע, וואָס הערשט דאָ, קאָן מען זיך משער זיין, אַז יעדער אייל דאָ איז אַן אייל פון הלכה, פון לערנען די הלכה און זי מקיים זיין.

מ׳האַלט ביי די הקפות. דער אויפרופער איז איינער אַן אַלטער ייד, אין אַ זיידענער זשופּיצע און אַ טיפער סאַמעטענער יאַרמלקע. דער הויפּט־סימן פון דעם דאָזיקן ייד איז רחבות. ער האָט אַ ברייטע צעוואַקסענע געשטאַלט, אַ ברייט גלאַנציק פּנים און אַ ברייטע, שיין־געוואַקסענע באָרד, אָבער דערעיקרשט פילט זיך רחבות אין זיין שטימע. דער טאָן פון די ווערטער און טאַקע די ווערטער אַליין קומען אַרויס פון דער אויבערשטער זייט באָרד און צעלייגן זיך אין חלל מיט הרחבה, ווי שפּעדיקע מאכלים אויף ברייטע באַלעבאַטישע פאַלימעסיקעס. ס׳איז גאָר נישטאָ קיין שפּיל אין זיין אויפרופעכץ, ס׳איז לויטער תכלית. די פינף־זעקס יידן מיט די ספר־תורהס שטעלן זיך אויס און מאַכן די הקפה; און נאָך יעדער הקפה האָט מען צייט, יעדע ווערט אַרויסבאַגלייט מיט עטלעכע זמרלעך און מיט אַ ריקוד. אייגנטלעך איז דאָס גיין מיט דער הקפה אויך אַ ריקוד. די, וואָס טראָגן די ספר־תורה, גייען דאָ אַנדערש ווי געוויינלעך; עס איז אַ גאַנג מיט אַ טאַנצנדיקן ריטם. דער הויפּט־זינגער איז אַ ישיבה־בחור פון אַ יאָר איין־און־צוואַנציק, וואָס העלפט דערנאָך אויך

אַרויס ביים לייענען. ער פֿאַרמאָגט נישט קיין גוטע שטימע, אָבער ער האָט פֿון דער ישיבה מיטגעבראַכט אַ גאַנצן זאַפּאַס מיט נייע זמרלעך. זייער נייקייט באַשטייט אין דעם, וואָס זיי זיינען אַלטע, העט־העט אַמאָליקע, וואָס מען האָט שוין צו־ביסלעך אין דער נייער היים פֿאַרגעסן. אין כמעט יעדן זמרל מישן זיך לשון־קודש און יידיש, אַ פּסוק לשון־קודש און אַ וואָרט יידיש. הויבט לשון־קודש אָן: „האדרת והאמונה", כאַפּט יידיש אונטער: „צו וועמען?" — און צעזינגט זיך די שפּראַך פֿון תנ"ך: „ישמח משה במתנת חלקו", פֿרעגט דאָס לשון פֿון „צאינה וראינה" מיט פֿרומקייט איבער: „מיט וועמען?"

ס'איז ביי די „אַנשי מעמד" דאָ צייט פֿאַרביידע לשונות. און ביים לייענען, הגם עס וואָרט קיין עין־הרע אַ היפּש געזעמל אויף עליות, איז אויך נישט קיין געאייל. דער בעל־קורא, אַ ייד אַ זקן, מיט אַן אונטערהוסטל, לייענט פּאַוואָליע יעדע פּרשה, גיט יעדן וואָרט אָפּ זיין גוט יום־טוב על־פּי טראָפּ. איז נאָך צוויי מאָל לייענען מוז ער זיך אויסרוען. איין מאָל פֿאַרבייט אים דער ישיבה־בחור, אַן אַנדערש מאָל זיינען גאָר פֿאַראַן אַזעלכע, וואָס לייענען זיך אַליין זייער פּרשה.

איך זיץ אויף אַ באַנק ביי דער דרום־וואַנט און פֿיל מיך גוט, וואָרעם ס'איז אַ שטיק שמחת־תורה פֿון „בימים ההם". אַן ערך אַזוי האָט ער אויסגעזען, דער תורהס טאָג, אין קאָלאָמייער ר' איציקל שולעכן. דאָרט איז נאָר געווען מער עולם, מער רחבות אין שול, מער ספר־תורהס, מער אַזעלכע יידן ווי דער אויפֿרופֿער און — מער פֿרייד, געבויט אויף

דער זיכערקייט, אַז אַקעגנאיבער און דאַנעבן אין די קלויזן איז אויך אַזוי ווי דאָ. יידן ווי דער אויפרופער אין „אַנשי מעמד" האָבן נישט געלעבט אויף אַן אינדזל אין ים, נאָר זיי־נען געווען אויף דער יידישער יבשה צווישן פיל פון זייער פאָלק.

צווישן די יידישע פּנימער מיט בערד און אָן בערד איז פאַראַן אַפילו איינער, וואָס מיט זיין הילוך און מיט זיין ציגנבערדל דערמאָנט ער מיך אין מענדעלע מוכר ספרים׳ס אַלטער יקנה״ז. אַזוי ווי דאָס אויסגעדייוועטע יידל דאָ האָט געמוזט אויסזען ר׳ אַלטער אין דער יוגנט, אויב מיין פאַנ־טאַזיע מאַכט פון מיר נישט חוזק. און לעבן יונגן אַלטער יקנה״ז דרייט זיך אַרום אויף דער וואָר דער יונגער אייב לינקאָלן. אַזאַ סטרונעדיקע אויסגעצויגנקייט, אַזאַ שטרענג און גוט פּנים און פּונקט אַזאַ בערדל, אַ ברייטס, וואָס בויגט זיך אַ ביסל אויף צוריק. איך האָב זיך געקליבן פרעגן ווער ס׳איז אָט דער גוי פון ניו־ענגלאַנד אָדער פון מיטל־וועסט, וואָס זיצט דאָ צווישן די „אַנשי מעמד", איינגעהילט ווי זיי אין אַ טלית און האַלט נאָך דעם בעל־קורא. דאָס רעטעניש איז אָבער באַלד קלאָר געוואָרן. דער ייד מיט רחבות האָט אַ רוף געטאָן: יעמוד אברהם בר׳ אברהם, און לינקאָלן איז צוגעגאַנגען צו דער תורה און האָט געמאַכט אַ ברכה אַזוי שטיל, אַז איך האָב זי נישט געהערט.

ווער־זשע איז ער? אַ גר?—אַ גר. מיין שכן קען קוים וואָס באַפרידיקן מיין נייגעריקייט. ער ווייסט אויך זייער ווייניק, אַלע ווייסן זייער ווייניק, ווייל מען איז געוווּג דיסקרעט נישט צו דערקוטשען דעם גר מיט פראַגן. מיין שכן ווייס נאָר אַזוי

פּיל, אַז אברהם, אַ געוועזענער מאַטראָז, שטאַמט פון מיטל־וועסט און האָט זיך מיט אַ צען יאָר צוריק מגייר געווען נישט בלויז צוליב אַ יידישער טאָכטער, נאָר טאַקע צוליב אים אַליין — דעם גרויסן יידישן גאָט. איבער צוויי יאָר דאַוונט ער דאָ ביי די „אַנשי מעמד". דאַוונען האָט ער זיך, ווייזט אויס, אויסגעלערנט, וואָרעם ער נעמט נישט אַרויס די אויגן פונעם סידור און וויסט אַלע מאָל וואו מען האַלט. יידיש פאַרשטייט ער נישט און דערפאַר האָבן די „אַנשי מעמד" געקאָנט אַזוי ווייניק געוואָר ווערן פון אים. מיין פריינטלעכער באַנק־שכן איז געווען גערן מיר צו געבן וואָס מער אינפאָרמאַציע, הגם ס'האָט אים נישט געקאָנט אַיינפאַלן, אַז איך באַ־לאַנג צו דער שרייבער־פּראָפעסיע. ער האָט אויסגעליגן ביי אברהמען זיין מחזור און מיר געוויזן זיין אונטערשריפט. אויפן שער־בלאַט האָט דער גר זיך אונטערגעשריבן אויף ענגליש: אַבראַהאַם אַבראַהאַמסאָן. אויך דעם ענגלישן נאָ־מען זיינעם האָט דער גר, הייסט עס, אַוועקגעלייגט. ער איז נישט נאָר רעליגיעז, נאָר אויך ציוויל אַ ניי־געבוירענער, אַ גע־פונען קינד, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון אברהם בן תרח, וואָס איז געווען אַזוי גוט אים אַריינצונעמען צו זיך און אים צו אַדאָפּטירן פאַר אַן אייגן קינד.

און אַז ס'איז געקומען צו חתן־בראשית און מען האָט גע־דאַרפט האָבן אַ טלית האָט מען פון צווישן די זקנים דער־הערט: נו, אברהם! מען האָט געוואָלט צושאַנצן אַ מצווה דעם גר. ער האָט אַזוי פיל אָנצויאָגן... און אברהם האָט פון זיך אַראָפּגעכאַפּט דעם טלית, אים אויסגעשפּרייט איבערן חתן בראשית און זיך אַליין אויך אַרונטערגעשטעלט אונטער אים מיט גרויס פרומקייט. און אַז דער בעל־קורא האָט דערנאָך

געלייענט „בראשית ברא״, האָט זיך אברהם בר׳ אברהם איינגעהערט מיט אַלע אינאייינעם צו די ווערטער פון אָנהויב, אַפילו אַזאַ איינער, וואָס סמאַקעוועט נישט בטבע סימבאָליק ווי איך, האָט אין אָט דער סצענע: דער גר לעבן דעם מורה מורנו... און מיט גאַנץ קהל אונטער דער חופה מיט דער תורה, געמוזט דערפילן טיפן דראַמאַטישן אָטעם.

אין טעמפל פון די פּאָרטוגעזישע יידן

בכבודיק .און ווערדיק לויט דער עלטער, לויטן טעמפּעראַ־
מענט, לויטן אויסזען און... לויט דער רייכטקייט. —
אַ גבירישקייט וואָס זיצט נישט אין מזרח. — אַ קינסט־
לעריש אויספּלאַנירטע מיזאַנסצענע און די מי פון דורות.
— די „מי שברך״־סצענע פאַר סגירת הארון. — טראַ־
דיציע מיט פערזענלעכער התלהבות און טראַדיציע מיט
קאָלעקטיווער דיסציפּלין. — זעקס אוניפאָרמירטע יידן
אין טעמפּל. — „יעמוד השם הטוב, הגביר״. — אַ באַ־
גריסונג און אַ ברכה. — דעם רבס דרשה. — צייכנס
פון טרייסט.

ווען די פּאָרטוגעזישע יידן האָבן זיך צום ערשטן מאָל געשטעלט דאָווענען בציבור, האָט נאָך ניו־יאָרק געהייסן ניו־אַמסטערדאַם און געבאַלעבאַטעוועט איבער דער שטאָט

האָט דער משולח פון דער „האָלענדיש־וועסט־אינדישער געזעלשאַפט" — דער איינפּוסיקער, בייזער און ברוטאַלער פּיטער סטייוועסענט.

זייער ערשטן מנין מיט 300 יאָר צוריק האָבן די פּאָר־טוגעזישע יידן געהאַט אין ערגעץ אַ געדונגענער שטוב אויף מיל סטריט. די היינטיקע שול פון דער „שארית ישראל"־קהילה געפינט זיך אין אַ פּרעכטיקן אייגענעם בנין אויף דער מערבדיקער זייט פונעם צענטראַל פּאַרק ביים עק פון דער זיבעציקסטער גאַס.

די פּאָרטוגעזישע קהילה נעמט זיך זייער איבער מיט איר עלטער און מיט איר היסטאָרישן יחוס און וויל בפירוש אַז אַלע זאָלן דאָס וויסן, אָבער — זי טרומייטערט נישט וועגן דעם. אַ מעטאַלענער טאָוול אויף איינער פון די ווענט אין פּאָליש דערציילט אין צוויי טרוקענע שורות, אַז די ערשטע שול פון די פּאָרטוגעזישע יידן איז געגרינדעט גע־וואָרן אין 1655 און אַז דעם איצטיקן טעמפּל האָט די קהילה „שארית ישראל" אויפגעבויט אין 1897.

נישט אינדרויסן און נישט אינעווייניק און אין ערגעץ הענגט נישט קיין שילד, וואָס זאָל אין דעם נוסח פון אונד־זערע מזרח־אייראָפּעאישע לאַנדסמאַנשאַפטן, חברות און שולן שרייען און אַריינשרייען מיט קידוש לבנה־אותיות צו יעדן פאַרבייגייער אין די אויגן, אַז דאָ־אָ געפינט זיך די ערשטע צווישן די ערשטע „קאָנגרעגיישאָנס" פון האָצענ־פּלאַץ.

אונדזערע „ערשטע קאָנגרעגיישאָנס" פאַרמאָגן וואַרעמ־קייט און ציען צו מיט דער זעלישער נאָענטשאַפט און מיט דער היימישקייט פון זייער שטייגער, אָבער וואָס שייך בכבודיקייט

און ווערדע האָט ניין מאָס פון די צען, וואָס האָבן אָראָפּ־געגנידערט אויף דער ערד, פאַרנומען פאַר זיך דער טעמפל פון די פּאָרטוגעזישע יידן. די שול פון דער „שארית ישראל״־קהילה איז בכבודיק און ווערדיק לויט איר עלטער, לויט איר טעמפעראַמענט, לויט איר אויסזען און — איך פיל ווי עמעץ ווינקט צו מיר איראָניש — לויט איר רייכקייט.

אָוודאי זעט זיך אָן אין דעם פּאָרטוגעזישן טעמפל אויף די רייכקייט, אָבער אויב די דאָזיקע עשירות איז עפּעס מוסיף צו דער ווערדע, איז דאָס דערפאַר, וואָס זי איז אַן איינגעהאַלטענע, אַ דיסקרעטע, אַ באַשיידענע גבירישקייט. די גבירישקייט דאָ אין דער פּאָרטוגעזישער שול זעצט זיך נישט אָוועק פאַרנט אין מזרח, כדי דער עולם זאָל באַ־וואונדערן דעם גלאַנץ פון אירע נייע בגדים און דעם בלישטש פון איר גילדענער קייט אויפן וועסטל.

די רייכקייט אין דעם „שארית ישראל״־טעמפל איז אַ פאַרשאָטנטע, אַ נחבא אל הכלימדיקע. צו דערקענען גיט זי זיך בלויז אין ריח פון סאָלידקייט, פון אַלט־איינגעזעסנ־קייט און פון געשמאַק, וואָס ווייעט פון די דעמבענע בענק, פונעם קיילעכדיקן באַלעמער, פון די רויט־זיידענע ספר־תורה־העמדלעך, פון די שיינע הענג־לייכטער מיט דעם געדעמפּטן ליכט פון גאַז־פלעמלעך, פון דעם ערגעץ אויף דער גאַלעריע אויסבאַהאַלטענעם כאָר מיט דורכאויס גוט־געשולטע און אָנגענעמע מענער־שטימעס, פון דעם חזן־בעל־קורא, וואָס פאַרמאָגט אַ מחיהדיקן באַריטאָן און לייענט און דאַוונט אָן שום קינצעלעך און טרעלדעלעך, אָבער דער־פאַר וואַרעם און מיט אַ זעלטן קלאָרער דיקציע, און פונעם

רב, וואָס האָט ניט נאָר אַ שיינע שטים צום זאָגן, נאָר אויך בישט ווייניקער צום זינגען.

און דער סדר ביי די תפילות, ביים קידוש־מאַכן און דער עיקרשט ביים לייענען איז נישט בלויז איינגעשטעלט לויט אַ נוסח, נאָר אויך, דאַכט זיך, גוט איינרעזשיסירט און איינגעשטודירט. יעדער זשעסט יעדער שריט און יעדער טאָן פונעם חזן, פונעם בעל־קורא, פונעם רב און פונעם עולם איז פון פאַראויס באַשטימט און אָפּגיין דערפון אויף אַ האָר איז נישט געמאָלט. איין גיכערער שריט פונעם רב אויפן וועג פונעם באַלעמער צום ארון־קודש, איין אַנדערער קנייטש פון דעם בעל־קורא ביים אויפרופן צו דער תורה, אָדער גאָר איין העכערער טאָן פון ערגעץ איינעם צווישן עולם ביים נאָכזאָגן אָדער פירזאָגן דעם חזן און — עס וואָלט צעשטערט געוואָרן אַ קינסטלעריש אויספּלאַנירטע מיזאַנסצענע און מיט איר די מי פון גענעראַציעס.

***

די מי פון דורות — וואָרעם פון יעדער צערעמאָניע דאָ מיט אירע פּרטים פון זשעסט און קלאַנג שמעקט מיט דורות־דיקייט.

אָט קוק איך זיך צו ווי מען טראָגט נאָך קריאת התורה צוריק דאָס ספר אין ארון־קודש אַריין. פאַראויס — דער חזן מיטן ספר, דערנאָך דער רב, נאָך אים דער גבאי און דער פּערטער סתם איינער אַ באַלעבאָס פון כיבוד־וועגן. פיר און נישט מער. און די פיר גייען אַראָפּ די טרעפּ פו־נעם באַלעמער מיט עטלעכע פּינקטלעך אויסגעציילטע און

פינקטלעך אויסגעמאָסטענע שריט. ביים עק פונעם באַלעמער מאַכן אַלע פיר אַ שאַרפע צייטלעך און ריטמיש צונויפגעקלונ־גענע ווענדונג צו לינקס ביז צו דער מיט פון דער שול, און פון דאָרט מיט אַ צענדליק קליינע און אויך זייער אויסגעמאָס־טענע שריט אין אַ גלייכער, נייך, אין אַן אויסגעווירעטער לי־ניע צום ארון־קודש.

אָנגעקומען צו דער ערשטער טרעפּ, וואָס פירט אַרויף צום ארון־קודש, האָט זיך דאָס בילד ווי עפּעס דורך אַ כישוף געביטן. דריי פון די פיר גייערס זיינען ערגעץ־ווען און ערגעץ־וואו פאַרשוואונדן. אויף דער העכסטער טרעפּ פאַרן אָפענעם אָרון, פון וועלכן עס לויכט אַרויס די זיידענע רויטקייט פון די סימעטריש אויסגעלייגטע ספרים, שטייט איצט אין פייער־לעכער אָנגעשטרענגטקייט אַ הויכער מיטליעריקער ייד און וואַרט אויף אַ צייכן צו סגירת הארון. אונטן, פאַר דער ערש־טער טרעפּ שטייט בלויז דער רב און — איינער נאָכן אַנדערן דערנעענטערן זיך צו אים פון רעכטס און דערנאָך פון לינקס יידן, פאַרבויגן זיך פאַר אים איידל און דזשענטעלמעניש (קיי־נער פון זיי נישט מער און קיינער נישט ווייניקער ווי דער אַנדערער) און זאָגן אים אונטער שטיל דעם נאָמען פונעם קרוב און דעם סכום פון „בעבור שנדר", און דער רב מאַכט פאַר יעדן פון זיי דעם געוואונטשטן „מי שברך" (פאַר קיינעם פון זיי נישט אַ האָר העכער און וואַרעמער און פאַר קיינעם נישט אַ האָר נידעריקער און קעלטער). פאַרטיק געוואָרן מיטן „מי שברך", פאַרנויגט זיך דער רב, און דאָס איז דער צייכן, אַז עס מעג קומען דער צווייטער. איך האָב אָנגעציילט איבער צען אַזעלכע פאַרנויגערס, אונטערזאָגערס און צו־ריקגייערס. עס זיינען דאָס יידן, וואָס האָבן נישט עולה

לתורה געווען היינט און עס ווילט זיך זיי פונדעסטוועגן פאַרט אַ „מי שברך“ פאַר זיך אָדער פאַר אַ נאָענטן מענטשן זייערן. איז פאַר זיי דאָס געשאַפן געוואָרן אייגנס די דאַזיקע אָן ערך צען מינוט לאַנגע סצענע מיטן רב פאַרן אָפענעם ארון־קודש אײדער ער גייט אַרויף אויף דער ערשטער טרעפּ צום שטענדער און נעמט זיך האַלטן זיין שבתדיקע דרשה.

אַזוי גוט און פּינקטלעך „אויסלערנען די ראָלע“ מיט אַלע קלענסטע קנייטשן אין זשעסט און אין שטים קאָן קיין שום קיבוץ נישט אויסלערנען בלויז אין איין דור. די לערן־צייט מוז זיך אויסלענגערן איבער דורות, אָבער כדי דער דערפאָלג זאָל באמת זיין אַ גאַנצער, מוזן די מענטשן פון די דורות פאַרמאָגן, ווי מיר דאַכט, אויך אַ ספּעציעלע טראַדיציע־דיס־ציפּלין.

טראַדיציע איז אויך פאַראַן, פאַרשטייט זיך, אין אונד־זערע היימישע שולן פון פּוילן, פון ליטע און פון גאַליציע, אָבער דאָרט האָט געפעלט די „אייזערנע דיסציפּלין“, וואָס זאָל דערהאַלטן דעם טעקסט און דעם רעזשי־העפט אָן שום פּריוואַטע צוגאָבן. די יידן פון מיין קאָלאָמייער ר׳ איציקל־שולעכן האָבן אודאי געהאַלטן פון מסורה און אַ מנהג איז ביי זיי געווען הייליק (ער האָט געבראָכן אַ דין), אָבער פונדעסטוועגן האָט זיך קיינער פון זיי נישט געקאָנט איינ־האַלטן און נישט צוגעבן פון זיך צו דעם על־פּי־מנהג איינ־געשטעלטן טעקסט און נוסח אַ גאַנצן אָדער כאָטש אַ האַלבן זשעסט. אָן אייגענעם קנייטש פון זאָגעכץ, אָדער כאָטש אָן אייגן קרעכצל.

יענע יידן פון ר׳ איציקל־שולעכן און זייערס גלייכן

זיינען געווען צופיל גייסטיקע אינדיווידואַליסטן, כדי אָנ־צוהאַלטן אַ טראַדיציע פון שפּיל און ערנסט אַזוי ריין און שטייף ווי עס האַלטן זי אָן די ענגלענדער אין זייער „האָוז אָוו קאַמאָנס“, און די ניו־יאָרקער פּאָרטוגעזישע יידן אין זייער טעמפּל „שארית ישראל“.

דער שטייגער פון ר׳ איציקל־שולעכל איז געווען דורכ־געווייקט אין פּערזענלעכער התלהבות, די טראַדיציע פון דעם „שארית ישראל“־טעמפּל איז אויסגעשמידט אין קאָ־לעקטיווער דיסציפּלין.

***

דער טעמפּל פון די פּאָרטוגעזישע יידן איז לויט מיין דערפאַרונג די ערשטע אָרטאָדאָקסישע שול, וואו עס זיינען נישטאָ קיין מזרח־זיצערס. אין מזרח איז בלויז דער ארון־קודש, עטלעכע טרעפּ אַראָפּצו געפינט זיך אָן איינגעבויטער שטענדער ביי וועלכן דער רב האַלט זיין דרשה, און גאַנץ אונטן פוןביידע זייטן ארון־קודש שטייען צוויי קורצע בענק, וואו ס׳איז דאָ פּלאַץ העכסטנס פאַר פיר מענטשן.

געזעסן איז דאָרט בלויז איינער — איינער פון די דריי צילינדער־יידן אין שול. פון די אָן ערך צוויי הונדערט מאַנצ־בילן, וואָס דאַווענען דאָ (אין דער עזרת נשים אויף דער גאַלעריע זיצן אַחוץ דעם אַ הונדערט פרויען מיט סידורים אין די הענט), זיינען בלויז זעקס אוניפאָרמירט. ביי דריי פון די זעקס (צוויי גבאים און דער שמש) באַשטייט די אוני־פאָרם פון אַ לאַנגן שוואַרצן ראָק, וואָס הייסט „קאַטאַוועי“ בלע״ז, פון אַ ווייס העמד מיט אַ שוואַרץ שניפּסל און פון אַ צילינדער אויפן קאָפּ. די אַנדערע דריי בעלי־אוניפאָרם

(דער רב, דער חזן און דער בעל־קורא) טראָגן שוואַרצע גלחישע סוטאַנעס און דערצו אַ שוואַרץ כלי־קודש היטל אויפן קאָפּ.

פון די זעקס אוניפאָרמירטע איז, ווי געזאָגט, בלויז איינער פון די גבאים געזעסן און געהאַלטן אַ מין ערנוואַך אין מזרח. דער צווייטער גבאי, דער רב, דער חזן און דער בעל־קורא, האָבן געהאַט זייערע פּלעצער אויפן באַלעמער, וואו דער טיש איז נישט בלויז דער שולחן, נאָר אויך דער עמוד. דער זעקסטער אוניפאָרם־טרעגער, דער שמש — אַן עלעגאַנטער רירעוודיקער יונגערמאַן, וואָס זעט אויס מער ווי אַ טאַנצמייסטער איידער אַ שמש — איז בכלל נישט געזעסן. ער האָט זיך אַרומגעיאָגט איבער דער שול, האָט אויפגענומען די אַריינגעקומענע, זיי צוגעטיילט פּלעצער, טליתים, סידורים און חומשים מיט ענגלישער איבערזע־צונג.

אַז איך בין אָנגעקומען האָט מען שוין געהאַלטן ביי קריאת־התורה און דער שמש האָט זיך מיט מיר נישט געקענט צופיל אָפּגעבן, ווייל — מען האָט אים אַ רוף גע־טאָן. יעמוד — האָט זיך דערהערט דעם בעל־קוראס וואָ־רעמער באַריטאָן — השם הטוב, הגביר יהודה ב״ר גדליה, שישי, און דער שמש האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום באַ־לעמער מיט אַ גרוס צו די יידן אַרום דעם שולחן און מיט אַ ברכה צו דער תורה אויפן שולחן.

די בענק פון די מתפללים זיינען אויסגעשטעלט און איינגעבויט אויף דער צפון־זייט און אויף דער דרום־זייט פון דער שול און אַלע זיצן אַזוי אַרום מיטן פּנים צום באַלעמער. די דאָזיקע זיץ־אָרדענונג האָט געזעלשאַפטלעך־

מאָראַלישן חן, ווייל זי לאָזט אויס דעם מזרח און דער עיקרשט איז זי זייער פּראַקטיש, ווייל אַלע קאָנען זען און הערן אַלץ אויפן באַלעמער.

עס איז די צווייטע שול אין ניו־יאָרק, וואו איך הער אויפרופן אַ יידן צו דער תורה נישט מיטן טיטל ר׳, נאָר מיט השם הטוב. די ערשטע איז געווען די שול פון די אָרע־מע סירישע יידן אויף דער איסט־סייד. אָבער דאָרט האָט זיך דער אויפרופער אָפּגעשטעלט ביים „גוטן נאָמען״ פונעם עולה לתורה. דאָ אין רייכן פּאָרטוגעזישן טעמפּל איז אויך דער עיקר נישט די אינטעלעקטועלע, נאָר די מאָראַלישע קוואַליפיקאַציע פון דעם ייד, אָבער דאָ איז מען נאָך מוסיף דעם טיטל גביר, ווייל די דאָוונער זיינען וועלט־מענטשן און זיי ווייסן וואָס פאַר אַ ווערט עס האָט אויף גאָטס וועלט מאָראַל אָן געלט. און אפשר איז מיין איראָניע נישט אויפן פּלאַץ. אפשר איז גאָר די כוונה פון דער צונויפפּאָרונג „השם הטוב הגביר״ אויסן צו זאָגן, אַז הגם דער ייד, דער עולה לתורה, איז אַ גביר, האָט ער פונדעסטוועגן אויך אַ גוטן נאָמען.

נו, ביים בעל שישי יהודה ב״ר גדליה, וואָס איז גע־ווען דער שמש פון שול (מיט אמתן טרויער דערמאָן איך דעם שמש שעיה בעדער פון מיינע יינגל־יאָרן, וואָס האָט געגאַרט צו האָבן אַ לייטישע עליה און האָט נישט דער־לעבט מער ווי אַ צוויי־דריי מאָל אין יאָר אַ מאָגערן רביעי און אַ צולאָג: די פּרשה מיט דער תוכחה), איז דער חשד פון אויסגעטראַכטקייט געפאַלן, פאַרשטייט זיך, מער אויפן צווייטן טייל פונעם טיטל, איך מיין אויף דער גבירישקייט.

דער שמש, דער גביר האָט באַגריסט די יידן אויפן

באַלעמער מיט „ד׳ עמכם״ (גאָט איז מיט אײַך) און זיי האָבן אים געענטפערט „יברכך הד׳״ (זאָל דיך גאָט בענטשן). דערנאָך האָט ער געזאָגט הויך „ברכו ד׳״ און די יידן האָבן געענטפערט בקול רם „יהי שם ד׳ מבורך״. די ברכה אַליין מאַכט דער עולה לתורה בלחש. זי איז, אַזוי צו זאָגן, זיין אייגענער אינטימער שפּרוך צו דער תורה און נישט באַשטימט פאַר פרעמדע אויערן.

יעדער בעל־עליה פאַרהאַלט דעם בעל־קורא שיינע עטלעכע מינוט מיט „מי שברכס״ פאַר זיינע קרובים. דאָס נייע פאַר מיר איז געווען, וואָס ביי די „מי שברכס״ ווערן אָפּט דערמאָנט פרויען־נעמען און — אָט האָט זיך אויפגעשטעלט אַ פרוי אין דער עזרת נשים אויף דער גאַלעריע. מען האָט אויסגערופן איר נאָמען, און איר מאַן ביי דער תורה האָט איר דאָס מיט אַ וואונק פונעם אויג צו וויסן געטאָן און זי נעמט, הייסט עס, אָן די שיינע מתנה מיטן נויטיקן רעספּעקט — שטייענדיק.

דאָס נייע פאַר מיר ביים לייענען איז אויך געווען וואָס דער עולם כאַפּט אויס ביים בעל־קורא דעם סוף פּסוק פון יעדער פּרשה. דער עולם מאַכט דעם אויסלאָז פון דער פּרשה און דער בעל־קורא חזרט אים בלויז איבער.

נאָכן לייענען האָט דער רב געזאָגט, נייך, געזונגען, און שיין געזונגען „אשרי יושבי ביתך״. מען האָט דורכגעפירט די צערעמאָניע פון צוריק אַריינגעבן דאָס ספר אין ארון־קודש אַריין און דער רב האָט זיך געשטעלט דרשנען.

***

און הערנדיק דעם רבס דרשה האָב איך געזען בחוש, אַז די פראַגע פון יידישקייט און פון צוגעבונדנקייט צום יידישן כלל באַשעפטיקט נישט נאָר די וועלטלעכע יידן פון דער איסט־סייד, נאָר אויך די פרומע פּאָרטוגעזישע קהילה דאָ אין „שארית ישראל"־טעמפל. עס האָט מיך ווייניק וואָס באַרואיקט. פאַרקערט, עס האָט געוועקט אין מיר נאָך מער טרויער און — שרעק.

דער רב האָט זיך אין זיין דרשה אָפּגעשטעלט אויף יענעם פסוק פון דער שבתדיקער סדרה (עס איז געגאַנגען די סדרה „בא") וואָס זאָגט אַז די יידן, וואָס זיי זאָלן ענט־פערן מכוח דעם ענין פסח, טאָמער אייערע קינדער וועלן אייך פרעגן: וואָס איז ביי אייך דער דאָזיקער דינסט? (והיה כי יאמרו אליכם בניכם מה העבודה הזאת לכם?).

פּאַטעטישע ווערטער זיינען נישט בכוח צו פאַרענטפערן אונדזערע קינדער דעם מיין פון דעם דאָזיקן „דינסט ביי אונדז". דער „והגדת לבנך" מוז זיך אויסדריקן אין מעשים, כדי אונדזערע קינדער זאָלן קאָנען און וועלן פאַרשטיין אונד־זער יידישקייט.

און דער רב פון דעם „שארית ישראל"־טעמפל האָט אָנגעוויזן אַ גאַנצע ריי פון סימנים, פון פּעסימיסטישע סימנים, וואָס דערציילן, אַז עס איז באַרעכטיקט די מורא פון „עתידה תורה שתשתכח בישראל" (עס קען פּאַסירן, אַז די תורה זאָל פאַרגעסן ווערן ביי יידן). צווישן די דאָ־זיקע שרעק־סימנים פון אונטערגאַנג האָט דער רב אָנ־געצייכנט געמישטע חתונות, מאַנגל פון קהלשער אָרגאַני־

זירטקייט, מאַנגל פון אַ בשותפותדיקער שפּראַך (ער האָט דערמאָנט יידיש און לאַדינאָ), דעם כוח פונעם קולטורעלן אַרום און די אָפּגעשוואַכטע יידישע דערציאונג.

דער רב האָט זיך געטרייסט דערמיט, וואָס אינאיינעם מיט דער גייסטיקער אָפּשוואַכונג פונעם אַמעריקאַנישן יידנטום איז אָבער גלייכצייטיק אויסגעוואַקסן זיין געזעלשאַפטלעכע קראַפט. ער האָט דערמאָנט דעם „דזשאָינט" און דעם פאַקט, וואָס דער „יונייטעד דזשואיש אַפּיל" נעמט זיך דאָס יאָר אונטער צו זאַמלען די געוואַלדיקע סומע פון צוויי הונדערט פופציק מיליאָן דאָלאַר.

איך מוז מודה זיין, אַז צו מיר האָבן די דאָזיקע צייכנס פון טרייסט וויניק וואָס אָפּעלירט. עס האָט מיך יאָ אַ צינד געטאָן ווען דער רב האָט דערמאָנט דעם כישוף־פאַקט פון אונדזער צייט: ארץ־ישראל. אָבער ארץ־ישראל וועט ראַטעווען, האָב איך געפילט, די „שארית ישראל"־קהילה און אַלע איבעריקע יידישע קהילות אין אַמעריקע בלויז דעמאָלט ווען צו דעם נס פון ארץ־ישראל וועלן מיר צוגעבן דעם וואונדער פון אַ פאַרשטאַרקטער דערציאונג פון אונדזערע קינדער פאַר ארץ־ישראל און פאַר יידישקייט.

שבת-חנוכה ביי די שוואַרצע יידן אין האַרלעם

ראַבאַי מעטיוס און מיין לאַנדסמאַן יאָסל דער שוואַרצער. — דער ראַבאַי דערקענט צו וועלכן פון די צוועלף שבטים עס געהערן די דאַונערס. — יעקב אבינוס ברכות און די שוואַרצע יידן פון האַרלעם. — מען רופט נישט צו דער תורה, מען קומט אַליין. — דער מאַרש קיין ציון, „צו דער שיינער ציון, צו דער שיינער שטאָט פון גאָט״. — דעם ראַבאַיס פאָטאָגראַפיע לעבן ארון קודש. — די דרשה וועגן חנוכה און דער יחוס פון די שוואַרצע יידן.

אין דעם ניו־יאָרקער נעגער־געגנט האַרלעם וואוינען אַן ערך דריי טויזנט שוואַרצע יידן און פינף הונדערט פון זיי זיינען מיטגלידער פון דער „בית התפילה 1״, וואָס פאַרנעמט צוויי שטיבער מיט אַ קיך אויפן ערשטן שטאָק פון אַ הויז אויף לענאָקס עוועניו ביים עק פון דער 128טער גאַס.

די דאָזיקע אינפאָרמאַציע האָט מיר געגעבן דער רב פון שול, דער מיטלוואוקסיקער, געפאַקטער און זייער באַוועגלע־כער ראַבאַי מעטיוס, וואָס מיט אַ קליינעם חילוק אין קאָליר זעט ער אויס ווי עס האָט אויסגעזען מיין לאַנדסמאַן יאָסל דער שוואַרצער, וועמען איך געדענק, און געדענק מיט הנאה, פון מיינע קינדער־יאָרן.

ווען דער ראַבאַי איז געשטאַנען ביים טיש און געזאָגט מיטן עולם די עטלעכע לשון־קודשדיקע תפילות, האָט ער מיך דערמאָנט אין מיין פאַרשטאָרבענעם לאַנדסמאַן נישט בלויז מיט זיין צורה, נאָר אויך מיט יענעם ריטם פון זאָגעכץ, וואָס גיט צו וויסן, אַז די עברי גייט נישט אויף אירע אייגענע פיס. ווען דער ראַבאַי האָט מיר אין דער קורצער הפסקה צווישן קריאת התורה און זיין חנוכה־דרשה מסביר געווען ווי אַזוי ער דערקענט צו וועלכן פון די צוועלף יידישע שבטים עס געהערט איעדער פון די מאַנצבילן, וואָס האָט געמאַכט אַ ברכה איבער דער תורה, האָב איך פאַר מיר נאָך אַמאָל דערזען אַ לעבעדיקן דעם שוואַרצן יאָסל פון מיינע קינדער־יאָרן און געהערט ווי ער גיט אונדז, קינדער, אויף זיין פריי־לעך־פאַנטאַסטישן שטייגער צו פאַרשטיין דעם חילוק אין דער לענג און אין דער פאַרב פון די יידישע בערד ביים נייעם דאָרפישן מניך, ביי וועלכן מיר האָבן אינאיינעם געדאַוונט.

בשעת־מעשה האָבן יאָסלס אויגן זיך עפּעס אַזוי מאָדנע געמינעט מיט אַ בלישטש באַלד אויף יאָ און באַלד אויף ניין, אַז מיר, קליינוואַרג, האָבן באַין אופן נישט געקאָנט וויסן צי גלויבט ער דערין, און מיינט עס ערנסט, אָדער טרייבט ער בלויז שפּאַס און וויל אונדז אָפּנאַרן.

און פונקט אַזוי איז מיר ביי יאָסל דעם שוואַרצנס שאָטן־

געשטאַלט מיט פערציק יאָר שפּעטער אין דער האַרלעמער נעגער־שול געוועזן שווער צו כאַפּן צי איז ראַבאַי מעטיוס אַ תמים אָדער אַ קאַטאָוועס־טרייבער, ווען ער פאַרזיכערט מיר, אַז יענער בחור מיט די שלאַנקע, הויכע פיס איז פון שבט נפתלי, ווייל ער איז דער גרעסטער לויפער צווישן אַלע, און דער אַנדערער, דער אַטלעטיש ברייט־ביינערדיקער, וואָס איז אַ זינגער אין כאָר, שטאַמט פון שבט דן, ווייל ער פאַרמאָגט צוויי גבורהדיקע הענט מיט וועלכע ער קאָן אָפּ־שטעלן אַ פערד אין געיעג, און דער דריטער, דער בוי־געוודיקער, מיטן עלעגאַנט־געשוירענעם בערדל, וואָס זיצט אויבנאָן לעבן ראַבאַי און איז איינער פון די צוויי בעל־קוראס, ציט זיין יחוס פון יהודהן, ווייל ער האָט אויסנעמלעך שיינע און ווייסע ציין. און אַלעמאָל ווען ער רעדט אַרויס דעם נאָמען פון אַ שבט גיט ראַבאַי מעטיוס צו מיר אַ וואוליונגיש־פריילעכן וואונק מיט די אויגן און הייסט זיך מיר דערמאָנען אין יעקב אבינוס ברכות, מיט וועלכע ער האָט געבענטשט זיינע זין איידער ער איז געשטאָרבן אין מצרים.

און איך דערמאָן זיך טאַקע בפירוש, אַז נפתלין האָט זיין פאָטער יעקב געגליכן צו אַ פלינקער הינדין (אילה שלוחה), ביי יהודהן האָט ער געלויבט די ציינער זיינע, וואָס זיינען ווייס ווי מילך (ולבן שנים מחלב), און וועגן דנען האָט יעקב געזאָגט, אַז ער איז אַ שלאַנג אויפן וועג, וואָס בייסט די טריט פון אַ פערד און זיין רייטער פאַלט אַהינטער (נחש עלי דרך, הנושך עקבי סוס, ויפול רוכבו אחור).

נו, איצט ווען דער ראַבאַי לייגט פאַר מיר אויס זיינע „באַווייזן״, איז שווער צו גלויבן, אַז דאָס איז מער ווי שפּאַס און שטיפערישקייט. פונעם ראַבאַיס „באַווייזן״ האָט געשמעקט

מיט אַנעקדאָט. זיי האָבן דערמאָנט אין יענעם ייד, וואָס האָט נעבעך פאַרלוירן אַ רענדל און זיין איינציקער באַוויז איז געווען — דער לאָך אין קעשענע.

אָבער מיט אַ פערטל שעה צוריק, ווען דער זעלביקער ראַבאַי איז געשטאַנען פאַר דער אָפענער ספר־תורה און עס האָבן פאַר אים פאַרביימאַרשירט איינער נאָכן אַנדערן אַלע מאַנצבילן פון דער שול און ער האָט יעדן אויסגעפרעגט ווי ער הייסט און דערנאָך פייערלעך דעקרעטירט צו וועלכן שבט ער געהערט, איז דאָס געווען זייער ווייט פון שפּאָס. עס איז געווען אַ פאַרכאַפּנדיקער ספּעקטאַקל פון תמימות און ערנסט — פון יענעם מין תמימותדיקן ערנסט, וואָס איז אַ זעלטנקייט ביי דערוואַקסענע. אויף אַזאַ גרענעצלאָזער תמימות און אויף אַזאַ שטאַרק־ערנסטקייט זיינען פּעאיק בלויז — קינדער ביים שפּיל.

דער „סוירוויס״, וואָס געדויערט ניט ווייניקער ווי דריי שעה (פון 10 אינדערפרי ביז 1), איז כמעט אינגאַנצן איינגע־שטעלט אויף שפּיל, אויף פאַרוויילונג פון די דריי צענדליק פרויען און מיידלעך און צוויי צענדליק מאַנצבילן און ייִנג־לעך, וואָס קומען דאַוונען שבת. דער ראַבאַי איז דער אָנ־פירער פון דער פאַרוויילונג. ער זאָגט מיטן עולם, ער זינגט מיטן עולם, ער פירט דורך אַלע שפּיל־צערעמאָניעס ביי און מיט דער תורה און ער האָט אויך אינזינען אַריינצופלעכטן אין דער דרשה עטלעכע צווידייטיקע אַנעקדאָטן, כדי — זי זאָל נישט זיין נודנע.

און נאָכן דאַוונען, ווען דער ראַבאַי געזעגנט זיך מיט די מתפללים און גיט יעדן די האַנט, פאַרגעסט ער נישט איבערצופרעגן צי מען האָט זיך פאַרווילט און הנאה געהאַט.

די געזעגענונגס־פאָרמולע איז: איך האָף אַז איר האָט הנאה געהאַט און וועט נאָכאַמאָל קומען.

***

די הויפּט־פיגור פון דעם „סוירוויס" איז דער ראַבאַי און די הויפּט־שפּיל שפּילט זיך אָפּ אַרום דער תורה. דעם היימישן, און דער עיקרשט דעם גאַסט, ווערט דערויף סימ־באָליש אָנגעוואונקען שוין ביים אַריינקומען אין שול. דער סימבאָל איז דאָס בילד, וואָס הענגט אויף דער וואַנט לינקס פונעם אָרון קודש. די שיין־איינגעראָמטע פאָטאָגראַפיע ווייזט דעם ראַבאַי מעטיוס אין אַ פאַטעטישער פּאָזע מיט אויפגע־הויבענע אָרעמס, האַלטנדיק אין די הענט אַ ברייט פאַנאַנדער־געוויקלטע ספר־תורה, ווי צו גלילה.

(אַגב מוז געזאָגט ווערן, אַז הגם די ספר־תורה און דער ראַבאַי פאַרנעמען אַזאַ עיקרדיק פּלאַץ אין דער שול פון די שוואַרצע יידן, האָבן די גבאים, ווייזט אויס, נישט געהאַט די פולע זיכערקייט, אַז די תורה מיטן ראַבאַי און מיט די תפילות אינאיינעם וועלן זיין בכוח צו באַהיטן די קהילה פון בייזע רוחות בעתן דאַוונען. זיי האָבן זיך דערפאַר פון לכתחילה באַוואָרנט מיט אַ קליין בינטל קוקורוזעס, וואָס זיי האָבן אויפגעהאַנגען אין דער הויך איבערן ראַבאַיס בילד מיט דער תורה, ווי אַן אויסגעפּרוווטע סגולה קעגן אַלדאָס בייז אין שול).

די גלילה־פּאָזע פונעם ראַבאַי אויפן בילד לעבן אָרון־קודש איז נישט מער ווי אַ פאָטאָגראַפישע המצאה. און צוגע־טראַכט האָט זי מן־הסתם אַ פאָטאָגראַף משלנו, וואָס קען די

מנהגים אין אונדזערע היימיש־יידישע שולן. וואָרעם דאָ אין דער בית־התפילה פון די שוואַרצע יידן וויס מען גאָר נישט וועגן אַזעלכע זאַכן ווי הגבה און גלילה. עס זיינען אויך נישט פאַראַן קיין עליות נישט אין אָרטאָדאָקסישן און אויך נישט אין רעפאָרמיסטישן זינען פון די ווייסע יידן.

מען רופט נישט צו דער תורה. יעדער קומט אַליין. ווי־באַלד דער ראַבאַי און זיינע צוויי געהילפן האָבן אַרויסגענומען דאָס ספר פונעם אָרון־קודש און עס אַוועקגעלייגט אויפן שולחן, הויבן אָן די מאַנצבילן (זיי זיצן אַלע אינאיינעם אויף די פעדערשטע בענק) צוגיין צום באַלעמער איינער נאָכן אַנ־דערן, לויטן סדר פון זייערע פּלעצער.

אָט איז אַרויפגעקומען דער ערשטער וואָס זיצט אין עק פון דער סאַמע פעדערשטער באַנק. ער פאַרנזיגט זיך און דער ראַבאַי גיט אים אַ פרעג פריינטלעך אָבער שטרענג: מה שמך? דער ברייטפּלייציקער נעגער ענטפערט שטיל און מיר דאַכט זיך, אַז אויך אַ ביסל מוראדיק: משה בן יוסף, בן יעקב, בן יצחק, בן אברהם, בן תרח, בן שם.

אויסגעהערט דעם יחוס (מיר האָט הנאה געטאָן וואָס מען האָט נישט פאַרשעמט דעם זיידע תרח) האָט דער ראַבאַי גע־מאַכט די גויטיקע טעאַטראַלישע פּאַוזע און אַ זאָג געטאָן: שבט נפתלי.

דער מאַן פון שבט נפתלי איז צוגעגאַנגען צום ספר, איז געבליבן שטיין אַן איינגעבויגענער, האָט אַוועקגעלייגט די האַנט אויפן האַרץ און האָט געמאַכט שטיל און שווער די ברכה „נותן התורה״ און זי פאַרענדיקט מיט „ברכו ואמרו אמן״ און די קהילה האָט געפאָלגט און נאָכגעזאָגט אמן.

אָפּגעזאָגט די ברכה און — אַראָפּגעגאַנגען. און עס איז

געקומען דער צווייטער, דער דריטער און — דער צוואַנציק־סטער. עס האָט זיך בלויז געביטן דער נאָמען פונעם אַרויפ־געקומענעם און פון זיין פאָטער, אָבער דער ווייטערער יחוס איז געבליבן דער זעלביקער: בן אברהם, בן תרח, בן שם. געביטן האָט זיך, פאַרשטייט זיך, אויך דער שבט לויטן ווערדיקט פונעם ראַבאַי.

פון די דריי ווייסע מתפללים, וואָס זיינען געווען אין שול, האָבן בלויז צוויי עולה געווען. איך בין געווען איינער פון די צוויי און ביי מיר איז דעם ראַבאַי לייכט אָנגעקומען צו באַ־שטימען צו וואָס פאַר אַ שבט איך געהער. אַז איך האָב אויף זיין „מה שמך?" געענטפערט: שלמה ב"ר יצחק הכהן, האָט זיך דער ראַבאַי ממש דערפרייט. שבט לוי — האָט ער מיט זיכערקייט אַ זאָג געטאָן. ביי דעם „ווייסן ייד", וואָס איז אַרויפגעקומען תיכף נאָך מיר, איז שוין די שבט־דיאַגנאָזע געווען אַ היפשלעך שווערע, ס'איז נישט געווען ביי וואָס אָנצוכאַפּן. וואָרעם יענער האָט געהייסן בלויז שלמה ישראל ב"ר צבי. דער ראַבאַי האָט דאָס מאָל עפּעס לענגער נאָכגע־קלערט ווי ביי די איבעריקע און באין ברירה האָט ער גע־מעלדעט דעם עולם, אַז דער ייד איז פון שבט — ישראל.

אַז די מענער פון כמעט אַלע יידישע שבטים האָבן שוין געהאַט געמאַכט אַיעדער זיין ברכה איבער דער תורה און זיינען געזעסן צוריק אויף זייערע פּלעצער, האָט דער ראַבאַי געגומען דעם גרויסן זילבערנעם טייטל אין האַנט און גע־וויזן דעם בעל־קורא וואו צו לייענען. געלייענט האָט מען נישט די סדרה פון דער וואָך (ס'איז יענע וואָך דווקא געגאַנגען „מקץ" מיט פרעהס פאַרכאַפּנדיקע חלומות) נאָר די לעצטע צוויי פרשות פון דער סדרה „יתרו", וואו יידן שטייען

ביים באַרג סיני און הערן די עשרת הדברות אונטער געדו־נער און געבליץ. און געלייענט האָט נישט איינער נאָר צוויי —ביידע דעם ראַבאַיס געהילפֿן. יעדער — אַ העלפֿט פון דעם לייענען און ס׳איז זיי ביידן גאָר נישט לייכט אָנגעקומען.

***

ביי דער סצענע פון קריאת התורה איז דער עולם גע־בליבן היפשלעך קאַלט. די פרויען אויף די אונטערשטע בענק האָבן זיך לחלוטין נישט באַטייליקט אין שפיל און די מאַנצ־בילן פאַרנט האָבן אויך נישט איבעריק הנאה געהאַט. זיי זיינען געווען נערוועז: מען האָט געדאַרפט דערציילן דעם יחוס אויף אויסווייניק און מאַכן אַ ברכה...

דער איינציקער בעל־הנאה איז דאָ געווען נאָר דער ראַבאַי. אָבער אַז עס האָט זיך אָנגעהויבן די צערעמאָניע פון צוריק אַריינשטעלן דאָס ספר אין ארון קודש, איז אויס־געבראָכן אַן אמתע פאָלקס־שמחה, דער ראַבאַי — פאַראויס מיטן ספר אויף די הענט און דער גאַנצער עולם הינטער אים, האָבן מאַרשירט זיבן מאָל איבער דער שול און פון הקפה צו הקפה איז דער גאַנג געוואָרן אַלץ לעבעדיקער און אַלץ נאָענטער צו טאַנץ, דער געזאַנג — אַלץ העכער און הייסער און דער עקסטאַז — אַלץ טיפער און מיט אַלץ מער פייער און ליידנשאַפט.

געזונגען האָט מען אויף ענגליש אַ ליד צו ציון, פון וועלכן עס האָט זיך אַרויסגעהערט פון מינוט צו מינוט אַלץ מעכטיקער און אימפעטיקער דער רעפרען: „מיר מאַרשירן

קיין ציון, צו דער שיינער ציון, צו דער שיינער שטאָט פון גאָט״.

— We are marching toward Zion, beautiful Zion, the beautiful city of God.

אַלעמאָל ווען עס האָט אַ שאַל געטאָן דער רעפרען „מיר גייען קיין ציון״ האָבן הענט געפּלעסקעט מיט נאָך מער ברען, פיס האָבן געטופּעט מיט נאָך מער כוח און פנימער און גופים זיינען פאַרזונקען געוואָרן אין עקסטאַז. עס איז געווען גלייך דער עולם זאָל קלעטערן אַרויף נאָך אַ טרעפּ און נאָך אַ טרעפּ, אַלץ העכער און העכער צו „ציון, דער שיינער שטאָט פון גאָט״.

און אַז מען איז אָנגעקומען העט אויבן און דער ראַבאַי האָט אַריינגעשטעלט דאָס ספר און פאַרהאָנגען דעם ארון־קודש, האָט זיך דער עולם צוריק אויסגעזעצט אויף די פּלע־צער אַן אויסגעמאַטערטער פון באַגייסטערונג און אַ באַ־שיימפּערלעך צופרידענער פון דעם דורכגעפירטן שפּיל.

נישט ווילנדיק האָב איך געמוזט פאַרגלייכן דעם הקפות־ספּעקטאַקל, וואָס האָט אָקאָרשט אָפּגעפּלאָקערט פאַר מיינע אויגן דאָ אין דער נעגערשער שול, מיט די הקפות וועלכע איך געדענק אַזוי וואַרעם פון דער היימישער שול פון מיינע קינדער־יאָרן. עס איז מיר אויסגעקומען, אַז דאָרט אין קאָלאָ־מייער ר׳ איציקל־שולכל האָבן צעקנייטשטע שטערנס פון יידישע זיידעס און פאַרדאגהטע פּנימער פון יידישע טאַטעס זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ קליין ביסל שמייכל און שפּיל אויף צוליב־צו־טאָן זייערע אייניקלעך און קינדער, און דאָ — אין דער האַרלעמער בית־התפילה פון די שוואַרצע יידן, האָבן זאַרגלאָזע קינדער זיך געמוזט נאָכמאַכן דערוואַקסענע

און זיך מיט טיפֿן, אומענדלעך טיפֿן ערנסט אַריינגעטאָן אין זייער שפּיל. און זיי הויבן אָפּילו נישט אָן צו וויסן, די קינדער, אַז פֿון זייער שפּיל שטייגן אויף קולות און ניגונים, וואָס האָבן דעם כּוח פֿון תּפֿילות און אויב נישט נאָך מער...

***

די תּפֿילות אַליין, וואָס דער ראַבאַי זאָגט מיטן עולם, געדויערן נישט קיין סך. מען הייבט אָן פֿון קריאת שמע, און אַז מען איז אַריבער די שמונה עשרה איז מען פֿאַרטיק מיטן דאַוונען. פֿון די תּפֿילות ווערט אַ דריטל געזאָגט אין אָריגינאַל אויף לשון קודש און צוויי דריטל אין ענגלישער איבערזעצונג. דאָס זאָגעכץ, סיי דאָס לשון־קודשדיקע און סיי דאָס ענגלישע, וואָלט געווען זייער מאָנאָטאָן און פֿאַרבלאָז ווען נישט דער רעפֿרען: „שמע ישראל ד׳ אלוהינו" אין „הללויה, איימען" (אָמן), וואָס פּלאַקערט אויף נאָך יעדע עטלעכע פּסוקים פֿונעם טעקסט און באַלעבט און וואַרעמט אָן די הערצער און די קולות פֿונעם עולם.

און אַז עס קומט צו „הללויה, איימען" דערהערן זיך עפּעס מיט אַ באַזונדערער איינדרינגלעכקייט און שאַרפֿקייט די סאָפּראַנאָס פֿון די הינטערשטע בענק. עס איז גלייך זיי וואָלטן געמאָלדן, אַז אַ לויב־וואָרט צו גאָט איז אַ ספּעציעלע ווייבערשע מצווה.

אַז דער סדור־התפּילות איז אַזאַ קורצער — פֿאַרוואָסזשע האָט דער „סוירוויס" געהאַלטן גוטע דריי שעה אויפֿן זייגער? — ער האָט געדויערט מחמת די הקפֿות מיט דער תּורה האָבן פֿאַרנומען אַ סך צייט; מחמת דריי כאָרן, איינער

אַ מענערשער און צוויי ווייבערשע האָבן געזונגען ביי פּיאַנאָ־באַגלייטונג לידער, און צווישן זיי אַ נעגערשן „ספּיריטשועל״; מחמת דער ראַבאַי האָט געזאָגט אַ שפּאַר ביסל אייגענע סאָלאָ־תפילות אויף ענגליש און דער עיקרשט מחמת ער האָט צום סוף גערעדט היפּשלעך לאַנג וועגן חנוכה און וועגן דעם יחוס פון די שוואַרצע יידן.

פון דעם ראַבאַיס סאָלאָ־תפילות זיינען מיר פאַרבליבן אין זכרון צוויי. איינע פון זיי איז יענע תפילה ביים סאָמע אָנהויב פונעם „סוירוויס״ אין וועלכער דער ראַבאַי האָט דערציילט דעם עולם, אַז ער איז היינט איינדערפרי געווען אין שפּיטאָל און האָט דערנאָך געמאָלן אַ בילד פון דיליידן וואָס ער האָט דאָרט געזען. מיט אָט־דעם שפּיטאָל־בילד אין הינטערגרונט האָט דער ראַבאַי געדאַנקט דעם רבונו־של־עולם פאַר אַלעמען פאַרן קערפּערלעכן און גייסטיקן געזונט פון די מתפללים און אויך פאַרן גוטן וועטער היינטיקן שבת, וואָס האָט מעגלעך געמאַכט דאָס צונויפקומען זיך אין שול.

די צווייטע איז געווען אַן אַריינפיר צו קדיש בצבור מיט עטלעכע רעפלעקסיעס וועגן לעבן און טויט און מיט אַ פאַטעטישן סוף פסוק וואָס האָט געזאָגט, אַז „דערפאַר, פאַראייניקט מיט אַלע יידן פון דער וועלט: יתגדל ויתקדש שמי רבא״. עס האָט אין מיר אַ צינד געטאָן די אַסאָציאַציע צו דעם באַרימטן „דערפאַר זאָג איך לוי יצחק בן שרה מבאַרדיטשעוו...״

דעם ראַבאַיס דרשה האָט געהאַט צו טאָן מיט חנוכה. ער האָט איבערגעגעבן דעם „פאַרוואָס״ פון חנוכה און גע־פרעגט ביי די צוהערער צי זיי קענען אים אויסרעכענען נאָך פיר יידישע ימים־טובים. געענטפערט האָט מען מייסטנס פון

די ווייבערשע בענק און די מערסטע שטימען האָט באַקומען ראש־השנה. יום־כפור האָט מען אויך געדענקט, און אויך פסח. דער לחלוטין פאַרגעסענער יום־טוב איז געווען שבועות און דער ראַבאַי האָט אויסגעדריקט זיין חידוש דעריבער.

ווען עס זאָלן נישט געווען זיין די עטלעכע „ווייסע" אין שול וואָלט דעם ראַבאַיס דרשה זיך מן־הסתם געווען פאַר־ענדיקט מיט דעם, וואָס זי האָט זיך אָנגעהויבן, מיט חנוכה. אָבער צוליב די ווייסע האָט דער ראַבאַי געהאַט אַ באַרעכטיקטן פאַרלאַנג צו באַווייזן דעם יחוס פון די שוואַרצע יידן און ער האָט זיך דערפאַר אָוועקגעלאָזט צום באַגינען פון די יידישע דורות — צו אברהם אבינו. ער האָט זיך דערביי נישט געקענט איינהאַלטן און האָט געמאַכט פון פאַרווייַלונגס־וועגן עטלעכע צווייִדייטיקע אָנצוהערענישן אויף דעם חשבון פון דער מאַמע שרה, פון איר דינסט הגר און טאַקע פון אברהם אבינו אַליין, אָבער — דאָס געהערט נישט צום תוך פון דער דרשה.

דעם ראַבאַיס טעזיס איז געווען, אַז די בני יעקב, וואָס האָבן איינגענומען דאָס לאַנד כנען, זיינען געווען שוואַרצע יידן. די ווייסע זיינען ערשט אַ סך שפּעטער צוגעוואַנדערט קיין ארץ־ישראל און דוד המלך האָט זיי אַריינגענומען אין שבט יהודה און זיי אַזוי אַרום געמאַכט פאַר אַ טייל פונעם יידישן פאָלק.

וואָס שייך ראַבאַי מעטיוסעס גענעאַלאָגיע פונעם יידישן פאָלק, האָב איך, פאַרשטייט זיך, נישט ווייניק ספקות, אָבער אַז דער אויספיר צו וועלכן ער איז געקומען, דהיינו, אַז די שוואַרצע יידן טאָרן נישט פעלן ביים אויפבוי פון ארץ־ישראל, איז גערעכט און נאָך גערעכטער — אין דעם בין איך אַלע הונדערט פּראָצענט זיכער.

די שוואַרצע יידן זיינען יידן מיט אַ טאָפּלטן עול פון ליידן. דאָס באַרעכטיקט זיי צו פּריווילעגיעס צווישן כלל ישראל. און דאָס גיט זיי לכל הפּחות אַ רעכט, אַז מען זאָל אין זיי נישט פאַרגעסן ווען יידן „גייען קיין ציון, צו דער שיינער ציון, צו דער שיינער שטאָט פון גאָט".

אין טעמפל „עמנו־אל״

אַן אַ טלית און אין הוילן קאָפּ. — די דאָזירטע מיסטיק און דער עיקר פון באַקוועמלעכקייט. — פּענסיאָנירטע און אַמטירנדיקע ראַבאַיס. — די קריאת התורה אַן צערעמאָניעס און די הפטורה אויף ענגליש. — בוקאָווינער ישוּבניקעס און די דאַווענערס אין טעמפּל „עמנו־אל״. — אַן אָנגענעמער דיסאָנאַנס: דעם ראַבאַיס דרשה. — דער צערודערטער רעפאָרמיזם.

אַכט און דרײַסיק יידן וואָס די מערסטע פון זיי זיינען געווען עמיגראַנטן פון דייטשלאַנד, האָבן זיך פאַרזאַמלט אין 28טן טאָג פון חודש אדר שני פון יאָר תר״ה (1845) אויף דער ניו־יאָרקער איסט־סייד און האָבן באַשלאָסן צו גרינדן אַ נייעם „קולטוס פאַריין״ און אויסצוהאַלטן אַן אייגענע סינאַגאָגע מיטן נאָמען „עמנו־אל״. די אַכט און דרייסיק עמיגראַנטן האָבן גע־

האָט היים־בענקשאַפט, האָבן געגלוסט נאָך אַ דרשה אויף דייטש ווי אין דער היים און נאָך מער אַ ביסל „אָרדענונג און שיינקייט" ביים דאַווגען אַזוי ווי אין דער היים אין דייטש־לאַנד.

אָבער די פיר צענדליק יידישע היימבענקערס זיינען געווען אָרעמע און פאַרהאָרעוועטע מענטשן און זיי האָבן זייער „אָר־דענונג און שיינקייט" געקאָנט בלויז איינדינגען אין אַ שטוב פון אַ טענעמענט־הויז פון עק גרענד־ און קלינטאָן־סטריט. אויף אַ בעסער פּלאַץ האָט קיין מאַטעריעלע כוחות ניט געסטאַיעט.

און פון דאָרט, פון די פיר מנינים אָרעמע און פאַרבענקטע עמיגראַנטן אויף גרענד־סטריט, מיט אומקלאָרע רעפאָרמיר־כוונות, איז אין משך פון איבער הונדערט יאָר אויסגעוואַקסן אַ געמיינדע פון די טויזנט סאַמע רייכסטע יידישע משפחות אין דער סאַמע רייכסטער שטאָט אויף דער וועלט, מיט אַ מאָ־נומענטאַלן טעמפּל־בנין אין דער סאַמע עלעגאַנטסטער געגנט פון שטאָט און מיט רעפאָרמען וואָס געהערן צו די סאַמע ראַ־דיקאַלסטע, וואָס זיינען ביז היינט דורכגעפירט געוואָרן אַרום יידישער ליטורגיע און אַרום יידיש־רעליגיעזן צערעמאָניאַל.

דער טעמפּל „עמנו־אל", וואו אין אַ פּרייטיק צו נאַכטס אָדער אין אַ שבת אין דער פרי זיצן יידן ליידיק און לויז אָן אַ צודעק אויפן קאָפּ און אָן אַ טלית אויף די פּלייצעס און הערן זיך צו ווי אַ יונגער ראַבאַי זאָגט אַריין אין מיקראָפאָן ענגלישע תפילות און לויבגעזאַנגען צום אַלטן גאָט פון ישראל, גע־פינט זיך אויף דער פינפטער עוועניו עק מיט דער פינף און זעכציקסטער גאַס און זעט אויס ווי — אַ פּראָטעסטאַנטישע קירך.

ס'איז ניט פאַראַן דער מינדסטער צייכן פון געפיל־

איבערגעלאָדנקייט ניט אין דער אַרכיטעקטור, ניט אין דער ליטורגיע און ניט אין דער שטימונג פונעם טעמפל. דער נישט־געשריבענער מאָטאָ איז דאָ: שׂכל הישר און תכלית.

דער זאַל — אַ לאַנגער, גרעאָמער, פיין אויסגעפּוצטער און אָן דער מינדסטער באַראָקער דעקאָראַציע; די תפילות פונעם ראַבאַי, קורצע, מיטן טראָפּ ניט אויף מוזיקאַליש־קייט, נאָר אויף דיקציע; די עטלעכע געזאַנגען פונעם חזן און פונעם כאָר נאָך קירצער, אָן איבערחזערונגען, אָן אי־בעריקע טרעלדלעך און מיט דער קענטיקער כוונה נישט צו פיל צו „באַדערן" דעם צוהערער און אַוודאי אים חלילה נישט צו דערקוטשען מיט לאַנגווייליקייט.

און וואָס שייך די שטימונג — איז די געדעמפּטקייט פונעם ליכט אַ דאָזירטע, אַ צוגעמאָסטענע. זי וויל בלויז אַ פּאָך טאָן אויפן אַריינגעקומענעם מיט אַ מיסטיש וויג־טעלע, אָבער זי איז באַדאַכט אַז די מיסטיק זאָל נישט בלאָזן צו שטאַרק, וואָרעם דער עיקר איז אַז דער דאַוונער זאָל זיך פילן גוט און באַקוועם. דער דאַוונער זאָל נישט פאַרשווענדן צו פיל צייט, צו פיל צונג און צו פיל עמאָציע.

פאַר דער באַקוועמלעכקייט איז געזאָרגט על צד היותר טוב. דער טיר־שטייער (ביי יעדער פון די פיר טירן אין זאַל אַריין — אַ טיר־שטייער) דערלאַנגט דעם דאַוונער אין האַנט אַריין אַ „פּרייער־בוק" (אַ סידור לויטן רעפאָרם־נוסח פונעם סינסינעטער ראַבינער־סעמינאַר) און דעם וועכנטלעכן בולעטין פונעם טעמפּל וואו אויף דער ערשטער זייט איז אָפּגעדרוקט דער תפילה־פּראָגראַם פאַר היינטיקן שבת. דער דאַוונער גייט אַריין, נייך, ער שוועבט אַריין איבער דער ווייכקייט פון אַ היפּשלעך טיפן טעפּיך און זעצט זיך אַוועק

אויף איינער פון די רחבותדיקע, אויסגעבעטע פיר רייען בענק. אבי עס ליגט נאר נישט אויף דער באנק א קופערן טאוועלע מיט דער ווארנונג „רעזערווירט“, איז באמת נישט קיין חילוק וואו מען זיצט, ווארעם סיי אויפן ראבאיס ברייטן מארמארנעם שטענדער רעכטס פון דער ארון־קודש־טעראסע און סיי אויף דעם חזנס פונקט אזוי ברייטן און מארמארנעם עמוד לינקס פון דער טעראסע שטייט א „הויך־רעדער“ און לאזט הערן יעדעס ווארט קלאר און דייטלעך אין אלע ווינקלען פון דעם טעמפל וואס קען לויט מיין אפּשאצונג ארייננעמען לכל הפחות פופצן הונדערט דאוונער. און אזוי ווי אנשטאט פופצן הונדערט געפינען זיך אין זאל ניט מער ווי צווישן צוויי און דריי הונדערט מענטשן, האט יעדער דאוונער און יעדע דאוונערין אלע מאל א פריי פלאץ לעבן זיך וואו אוועקצולייגן דעם מאנטל, דעם קאפעליוש און דעם שירעם.

פון די אן ערך פינף און צוואנציק מנינים דאוונערס וואס זיצן איצט אינאיינעם מיט מיר אין א שבת פאר פורים ארום צען א זייגער אין דער פרי און ווארטן אז עס זאל אריינקומען דער ראבאי און עס זאל זיך אנהויבן דער „סוירוויס“ זיינען גוטע צוויי־דריטל פרויען און בלויז איין דריטל מאנסבילן. צווישן די דאוונערס און דאוונערינס קאן מען אנציילן ביז א דריי צענדליק יוגנט אונטער דרייסיק יאר.

דערווייל איז אויף דער טעראסע פארן ארון קודש נאך קיינער ניטא. עס ווארטן צוויי הויכע וואזעס מיט ווייסע ליליען צו באגריסן דעם ראבאי מיט זייער ריח און עס זיינען גרייט זעקס הויכע פאטער־שטולן אויפצונעמען דעם

ראַבאַי, דעם חזן און די חשובים פֿין דער קהילה. פֿון אונטער דער וואַנט פֿונעם ארון קודש דרינגט אַריין אָרגעל־געשפּיל אויף צו פֿאַרטרייבן דעם עולם די צייט פֿון וואַרטן.

ענדלעך — נישט ענדלעך, נאָר פּונקט צו דער מינוט האַלב נאָך צען ווי עס שטייט געשריבן אין פּראָגראַם, באַווייזן זיך אויף דער טעראַסע פֿינף מאַנסבילן. אַלע אין הוילע קעפּ און אַלע אין כּלי־קודשדיקע טענדע־ווערענדעס. צוויי פֿון זיי, די זקנים — זיי זיינען די פּענסיאָנירטע ראַבאַיס — זעצן זיך אַוועק אויף שטולן לינקס פֿונעם ארון־קודש; צוויי אַנדערע, די יונגעלייט — זיי זיינען די אַמטירנדיקע ראַבאַיס — פֿאַרנעמען פּלעצער אויף די שטולן רעכטס פֿון דער טעראַסע און דער פֿינפֿטער, דער מיטל־יאָריקער וואָס איז דער חזן גייט צו צו זיין שטענדער און הייבט אָן דעם „סוירוויס" מיטן געזאַנג פֿון „מה טובו".

נאָכן חזנס „מה טובו" אין אָריגינאַל נעמט איבער די תּפֿילות דער ייִנגערער פֿון די צוויי יונגע ראַבאַיס, אויף ענגליש. עטלעכע קאַפּיטלעך זאָגט פֿיר דער ראַבאַי אַליין און ביי עטלעכע טיילט ער ס׳זאָגעניש מיטן עולם. איין פּסוק — ער און איין פּסוק — דער עולם. און ס׳זיינען אויך דאָ אַ געציילטע צוויי דריי תּפֿילות וואָס דער עולם מיטן ראַבאַי זאָגן זיי אינאיינעם מיט — אַ בשותּפֿותדיקן מאַנגל פֿון התלהבות.

אַחוץ „מה טובו" ווערן געזאָגט נאָך עטלעכע תּפֿילות אויף לשון־קודש און עס ווערט אויך געלייענט אין אָריגינאַל אַ פּרשה חומש פֿון דער וואָכיקער סדרה. אָבער דאָס לשון־קודשדיקע באַזאָרגט צום סאַמע גרעסטן טייל דער חזן. דער ראַבאַי, גלייך ווי ער זאָל זיך היטן צו נעמען

אַ לשון־קודשדיק וואָרט אין מויל אַריין. ער איז דער ממונה אויף ענגליש.

פון דעם חזנס לשון־קודשדיקער פרשה חומש גיט דער ראַבאַי די ענגלישע איבערזעצונג און וואָס שייך די הפטורה באַגייט מען זיך אָן דעם אָריגינאַל און מען באַנוגנט זיך בלויז מיטן ראַבאַיס ענגלישן תרגום.

אין קיינער פון די שולן, סינאַגאָגעס און טעמפּלען וואו מיר איז אויסגעקומען צו דאַווגען אין משך פון מיין „וואַנדערונג״ איבער די יידישע בתי־תפילה אין ניו־יאָרק האָב איך ניט אָנגעטראָפן אַזאַ מאַנגל פון העכערער טעמפּע־ראַטור און אַזאַ אָנצערעמאָנישקייט ביי קריאת־התורה, ווי דאָס אין טעמפּל „עמנו־אל״.

דער ראַבאַי און דער חזן זיינען די דעלעגאַציע צום אויסנעמען ס׳ספר. דער ראַבאַי איז דער עפענער פונעם ארון־קודש. קיין סך טרחה האָט ער דערביי נישט. קיין פרוכת איז ניטאָ. און דער קופּערנער שער — אַ דריק אויף אַן עלעק־טריש קנעפּל און דער טויער פונעם ארון־קודש עפנט זיך אַליין ברייט פאַנאַנדער.

קיין עליות צו דער תורה זיינען נישט פאַראַן. נישט מען האָט עמעצן גערופן און נישט עמעצער איז אַליין געקומען. דער חזן האָט צוגעטראָגן ס׳ספר צו זיין שטענדער, האָט געמאַכט די ברכה און האָט איבערגעלייענט די לעצטע עט־לעכע פסוקים פון דער וואָכיקער סדרה „ויקרא״. דער ראַבאַי האָט דערנאָך געלייענט אויף ענגליש די זעלביקע עטלעכע פסוקים וואָס דערציילן וואָס ס׳האָט צו געשען „אויב עמעצער וועט זינדיקן און וועט טאָן איינע פון די אַלע פאַרבאָטן פון גאָט וואָס טאָרן ניט געטאָן ווערן״. (ואם נפש כי תחטא

ועשתה אחת מכל מצוות ד׳ אשר לא תעשינה) און ווייל ס׳איז געווען שבת פאר פורים האט ער געביטן די הפטורה און אנשטאט דאס פירגעשריבענע קאפיטל ישעיה, גע־לייענט א קאפיטל פון מגילת אסתר.

דערנאך האט דער ראבאי געמאכט א בשותפותדיקן ענגלישן „מי שברך״ פאר אלע און — דאס ספר איז געווען צוריק אין ארון־קודש.

איין אנדערשקייט צווישן דאווגען און קריאת־התורה האב איך יא באמערקט. די תפילות האט דער חזן געזאגט אין דער אשכנזישער אויסשפראך נאענט צום נוסח ברעסלאו און פראנקפורט און געלייענט האט ער אין א פערפעקטער הברה ספרדית.

איך האב זיך בפירוש געחידושט, אבער דערוועקן חידוש וועגן דעם ביי מיינע שכנים אויף דער באנק בין איך נישט געווען בכוח. זיי האבן פשוט נישט געוואוסט וואס איך מיין און וואס איך וויל.

איך האב אויף א מאמענט א טראכט געטאן אז אט דעם פאקטיש פאראנענעם ריס צווישן די היינטיקע דאוו־נערס און דער שפראך פון די תפילות זיינען די רעפאר־מירערס מן־הסתם אויסן געווען צו פארהיילן, ווארעם עס לייגט זיך דאך אויפן שכל אז אויב דער תפילה־טוער פאר־שטייט נים די שפראך פון די תפילות ווערט ביי אים אפ־געשוואכט זיין רעליגיעזע התלהבות און די ווערטער פון זיין געבעט צו גאט ווערן פארוואנדלט אין עפעס א מעכא־נישן זאגעכץ אן געפיל און פון יוצא וועגן.

עס לייגט זיך בפירוש אזוי אויפן שכל, אבער — די פאקטישע דערפארונג איז א לגמרי אנדערע, איך האב זיך

דערמאָנט מיט וואָס פאַר אַ ברען עס האָבן געדאַווענט יענע ישובניקעס פון די בוקאָווינער דערפער, וואו איך האָב פאַרבראַכט אַזוי פיל שיינע זומער־שבתים פון מיינע ייִנגל־יאָרן. וויפל פייער פון התלהבות זיי האָבן דאָס אַריינגעטאָן אין די לשון־קודשדיקע תפילות וואָס זיי האָבן נישט פאַר־שטאַנען און אָפט אַזוי ביטער גרייזיק אַרויסגעזאָגט און איך האָב זיי פאַרגליכט מיט די שכנים מיינע דאָ אויף די בענק אין טעמפל „עמנו־אל“ וואָס די שפּראַך פון זייער סידור און פון זייער ראַבאַי איז פאַר זיי קלאָר און פאַר־שטענדלעך און — דער פאַרגלייך איז ווי אין אַ סך אַנ־דערע פּרטים אויך אין דעם פּרט פון רעליגיעזער געפיל־פרישקייט אויסגעפאַלן לטובת מיינע לאַנדסלייט, די בוקאָווי־נער ישובניקעס פון קיסילעף, פון באַריוועץ און פון טע־רעבלעשט.

***

געדרשנט האָט דער ייִנגערער פון די צוויי יונגע ראַבאַיס וועגן דער באַדייטונג פון פּורים און — די דרשה איז פאַר מיר געווען אַן אַנגענעמער, אַ טיף־סימפּאַטישער דיסאָנאַנס צום סדר התפילות און צו דער שטימונג פון טעמפּל.

דער „סוירוויס“ לאָזט איבער דעם איינדרוק פון אַן עדה וואָס איז אין תוך מיד פון ייִדישקייט און פון ייִדישן גורל און איז צופרידן וואָס זי האָט געפונען אַן אופן ווי אַזוי ניט אין גאַנצן אַוועקצוגיין פון ייִדישער שותפות און דערביי דאָך בלייבן פאַרבונדן מיט איר ניט מער ווי דורך אַ לויזן און דינעם פאָדעם פון אַ מאָדערנעם גוט אויסגע־

צוואַגטן און שיין־פּאַרקעמטן „גאָטעסדינסט" אין אַ טעמפּל וואָס זעט אויס ווי אַ קירך.

אָבער פונעם יונגן ראַבאַיס דרשה ווייעט מיט גאָר אַן אַנדער וועלטניש ווי די נאָר וואָס דערמאָנטע. דעם ראַבאַיס דרשה שפּריצט מיט פייער פון לײַדנשאַפט צו ייִדישן פאָלקס־קיום. דער ראַבאַי האָט מסביר געווען דעם עולם אַז מגילת אסתר וואָס ליגט ליטעראַריש אין אַ זייט פון רעליגיע, וואָרעם עס ווערט אין איר אַפילו קיין איין מאָל גאָטס נאָמען ניט דערמאָנט, איז אַרײַנגענומען געוואָרן אין דער תנ"כישער זאַמלונג פון הייליקע ייִדישע ספרים דערפאַר, ווייל די מעשה וועגן דער וואונדערלעכער ייִדישער רעטונג אין דער פּערסישער הויפּט־שטאָט שושן איז אין תוך אַ פּירוש צו דער היסטאָריע פון ייִדישן קיום, פון ייִדישן ווילן צו פאָלקס־קיום.

און נישט בלויז דער טעזיס פונעם ראַבאַיס „סוירמאָן" איז געווען אַ קיומיסטישער, נאָר אויך דער טאָן און דער ריטם פון זיינע רייד און פון זיינע אַרגומענטן האָבן גע־אָטעמט מיט ייִדישן קיומיזם.

פון דעם יונגן ראַבאַיס דרשה יענעם שבת פאַר פורים האָב איך אַרויסגעהערט אַז ערגעץ־וואו אין דער טיף איז אָט דער, דאַכט זיך צופרידענער רעפאָרמיזם, אויך ייִדיש צערודערט, אַז ערגעץ־וואו איז אויך אין אים פאַראַן — אַ בענקשאַפט צוריק, אַ ווילן פעסטער צו מאַכן דעם פאַר־בינדונגס־פאָדעם ניט בלויז מיט צען מאָל דורכגעזיפּטע עטישע ווערטן פון ייִדנטום, נאָר טאַקע מיטן קאָנקרעטן עם־ישראל.

און אפשר בין איך מגזם דערמיט וואָס איך וויל מיר

איינריידן אַז דער ווילן צו ידישן קיום וואָס האָט צו מיר אַרויסגערעדט פון דעם יונגן ראַבאַיס דרשה וועגן פורים ברענגט אַרויס עפּעס אַ טיפערע יידישע צערודערונג אויך אין דער עדה אַרום דעם טעמפל „עמנו־אל״ און דריקט אויס אַ טענדענץ צוריק צו גיין אויף דער ליניע פון יידישקייט.

אפשר האָט דער ראַבאַי אַזוי גערעדט בלויז דערפאַר, ווייל ער אַליין איז נאָך אַן עמיגראַנטן־קינד פון ערשטן דור פון ליטע אָדער פון גאַליציע, אָדער גאָר אַפילו אַ דאָרט־געבוירענער און ער פאַרמאָגט דערפאַר אחוץ אַ דיפּלאָם פון סינסינעטי, אויך אַ געמיט וואָס ס׳קלינגט אין אים נאָך שטאַרק נאָך דער לעבעדיקער יידישער לעבנס־שטייגער פון קאָוונע און פון איישישאָק און פון קאַלאָמעי און פון קאַפּיטשינעץ! אפשר. אָבער סיי־ווי בין איך דאַנקבאַר גע־וועזן דעם יונגן בעל־דרשן פאַר די פופצן מינוט פון אמתער וואַרעמקייט אין דער היפשלעך קילער לופט פון דעם אַנדער־האַלב־שעהדיקן „סוירוויס״.

ביכער פון דעמזעלבן מחבר:

1] אינזיך און ארומזיך [נאטיצן פון א פאלעמיסט און קריטישע באמערקונגען], פארלאג „שלום-עליכם", בוקארעשט, 1936.

2] א שטאט מיט אידן [זכרונות און געשטאלטן], פארלאג „מתנות", ניו-יארק, 1943.

3] דעמאלץ און סוף־הבלען [קריטישע און פאלעמישע באמערקונגען] פארלאג „מתנות", ניו-יארק, 1943.

4] די אידישע עסיי [א זאמלונג, צונויפגעשטעלט פון שלמה ביקל] פארלאג „מתנות", ניו-יארק, 1946.

עס געפינט זיך אין דרוק:

א באנד „עסייען פון אידישן טרויער"